STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09253

TRIT OYF DER ERD

Yaakov Pilovski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב פּילאָווסקי

טריט אויף דער ערד

ארויסגעגעבן דורך דעם

געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט צו פייערן
דעם 60־יעריקן יובילײ פון יעקב פּילאָווסקי

סאַנטיאַגאָ טשילע — מערץ, 1959

געדרוקט אין דער דרוקעריי
פון „דאָס יידישע וואָרט"

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָט
אַ שייכות צום בוך זיך ווענדן:

CASILLA 5099
SANTIAGO - CHILE

אַ וואָרט פון געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט

דער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען פאַרטראָטן די וויכטיקסטע היגע אינסטיטוציעס, וואָס האָט זיך געשאַפן, כדי צו פייערן דעם 60-יעריקן יובילעאום פון אונדזער לאַנג-יעריקן תושב, דעם ליבן פריינט יעקב פילאָווסקי, האָט נישט בלויז געוואָלט אָפּקומען מיטן איינאָרדענען דעם כשר-פאַרדינטן און אַזוי געלונגענעם פייערלעכן יום-טוב, נאָר האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב, אַז דאָס מוז קומען צום אויסדרוק אין אַ מער קאָנקרעטער פאָרם, וואָס זאָל העלפן פאַראייביקן די געזעלשאַפטלעכע ענערגיע פון אונדזער ישוב; די לעצטע שאַפונגען פון ה׳ יעקב פילאָווסקי זאָלן צוזאַמענגענומען ווערן אין אַ בוך-פאָרם, וואו עס זאָל קומען צום אויסדרוק זיין שרייבערישע פערזענלעכקייט, זיין בליק אויפן לעבן, זיין צוגאַנג צו מענטשן און פּראָבלעמען, און דער עיקר — זיין גרויסע זאָרג פאַר דער יידישער ווירקלעכקייט, פאַר דער יידישער צוקונפט.

וואָרום —

יעקב פילאָווסקי איז שוין 34 יאָר אַ טשילענער תושב. ער האָט פון דעם ערשטן טאָג אָן געזוכט, נישט זיין פערזענלעכער פאַרזאָרגונג, נאָר די פאַרזאָרגונג פון ישוב, וואָס זאָל זיך דערהויבן צו עפּעס העכערעס, געוואָלט אויסשמידן די קולטורעלע פאַרבינדונג פון אָט דעם קליינעם ישוב מיט דער גרויסער יידישער וועלט, ווי ער האָט עס געזען אין דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור, און דער נייער יידישער ליטעראַטור.

אַזוי אַרום, האָט ער דאָ אָנגעהויבן אַלס לערער, אַלס בויער פון קולטור-קרייזן, פון טעאַטער-גרופּן, פון ביבליאָטעקן, פון מיטהעלפן צום דערשיינען פון דאָס יידישע וואָרט, פון אַריינקומען אין די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס מיט זיין פלאַמיקן וואָרט פאַר אויסבעסערונג און דערהויבונג; תמיד געווען פון די ערשטע ביי קולטור-אַקציעס, ביים אויפנעמען יידישע שרייבער, קינסטלער, אָדער קולטור-שליחים; געהאָלפן גרינדן דעם ועד-החינוך און שטענדיק געקעמפט פאַר זיין יידישן גייסט און פּעדאַגאָגישער הייך; און

פאַר די לעצטע יאָרן איז ער ענג פאַרבונדן מיט די יידישע פאָלקס־אינסטיטוציעס, וואָס פירן אָן אַ ברייטע קולטור־טעטיקייט אין אונ־דזער ישוב, ווי אויך אַלס רעדאַקטאָר פון אונדזער וואָכנצייטונג „דאָס יידישע וואָרט״.

עס איז דעריבער די קאָמפּענסאַציע פאַר אַ חבר, וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן אָפּגעגעבן דער געזעלשאַפט, אַז מען זאָל אים צוריק־צאָלן אַ פאַרדינטן חוב, ווי מיר טוען עס מיטן אַרויסגעבן דעם דאָזיקן בוך — „טריט אויף דער ערד״.

מיר טראָגן אונטער דעם ח׳ יעקב פילאָווסקי די דאָזיקע מתנה. דעם יידישן לייענער און דער יידישער ליטעראַטור וועט עס זיכער זיין אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיט די שאַפונגען פון אַ יידישן שרייבער אין טשילע, וואָס האָט תמיד געזוכט אַריינצוברענגען דעם טשילענער מאָטיוו, העלפנדיק אַזוי אַרום צו באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור מיט אַ נייעם, אומבאַקאַנטן, קאָלאָריט.

דער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט האָט אויפגענומען מיט סאַ־טיספאַקציע די וואַרימע אָפּרופן פון אַלע היגע אינסטיטוציעס צו דער דאָזיקער איניציאַטיוו, וואָס מיר פאַרשרייבן דאָס אויפן חשבון פונעם באַערטן, ווי ווייט ער איז באַליבט און געאַכט אין אונדזער ישוב. מיר דריקן זיי אויס אַ האַרציקן דאַנק פאַרן דערמעגלעכן אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך.

דעם זעלבן דאַנק שיקן מיר איבער צו אַלע די יחידים, די פּער־זענלעכע פאַרערער פון פ׳ יעקב פילאָווסקי, פאַר זייער ברייטהאַר־ציקער מיטהילף, אום צו קענען אויספירן אונדזער אויפגאַבע.

אַ באַזונדערן דאַנק דריקן מיר אויס צו די אַלע יידישע שרייבער און קולטור־מענטשן אין אויסלאַנד, וועלכע האָבן אין אַזאַ גרויסע צאָל זיך אָפּגערופן אויף אונדזער ווענדונג און צוגעשיקט זייערע וואַרעמע באַגריסונגען און ווערטפולע אָפּשאַצונגען וועגן דעם יובילאַר, וועלכע מיר וועלן פאַרעפנטלעכן אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע.

עס קומט אויך אַ דאַנק דער דירעקציע פון דער דרוקעריי „דאָס יידישע וואָרט״, ווי אויך דעם טעכנישן פּערסאָנאַל, פאַר זייער איבערגעגעבנקייט, וואָס האָט דערמעגלעכט אַז דאָס דאָזיקע בוך זאָל דערשיינען ווי אַמבעסטן.

קאָמיטעט לכבוד דעם 60־יעריקן
יובל פון יעקב פילאָווסקי.

סאַנטיאַגאָ, טשילע, מערץ 1959

*

*   *

די לאַנגיעריקע געזעלשאַפטלעכע אַקטואַציע פון יעקב פילאָווסקי
איז ענג פאַרוועבט מיט דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן קולטור־לעבן
אין טשילע. ער איז דער מיטגרינדער פון פאַרשיידענע געזעלשאַפט־
לעכע אינסטיטוציעס, איינער פון די ערשטע פאַרקעמפער פונעם
געדרוקטן יידישן וואָרט, מיט־אַרויסגעבער פון דער ערשטער אויס־
גאַבע „טשילענער וואָכנבלאַט".

יעקב פילאָווסקי איז אַ פילזייטיקע פערזענלעכקייט. זיין גייס־
טיקער אומרו, זיין מוטיקע קעמפערישקייט און זיין יוגנטלעכער
פאַטאָס, באַוועגן אים צו אַקטואירן אויף די פאַרשיידנסטע געביטן.
אָבער, איבעראַל, הן אויף דער טריבונע, הן מיט דער פעדער, ווי
אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז יעקב פילאָווסקי אַ פעסטונג פאַר
זיך, אַן ענערגישער און פאַרעקשנטער קעמפער פאַר אַלץ, וואָס איז
גערעכט, אַ פאַנאַטישער פאַרטיידיקער פון דער חשיבות פון יידיש־
לשון און פון אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן. ער איז דער
אויסדרוק פון אַ געלונגענעם סינטעז, אין וועלכן עס פאָרן זיך תורה
מיט חכמה, פאַרגעשריטענע וועלטלעכקייט מיט וואַרעמער יידיש־
קייט פון אַלטע מקורות.

אַ צייט לאַנג האָט ער געלעבט מיט דער אילוזיע, אַז דער מזרח
וועט לייזן אַ גרויסן טייל פון די אוניווערזאַלע און יידישע פּראָבלע־
מען. אָבער וויבאַלד ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די דאָרטיקע וועלט
איז אויפגעבויט אויף ברוטאַלער געוואַלט, אויף אומטאָלעראַנץ און
רעכטלאָזיקייט, האָט ער, אַ טיף־אַנטוישטער, זיך פון איר אָפּגעקערט.
דער ריינער מאָראַלישער מענטש אין אים, דער וואַרעמער ייד, אין
וועמענס נשמה עס זיינען טיף איינגעקריצט אונדזערע אַני־מאמינס,
האָט אין אַזעלכע מאָמענטן באַוואוינגן פאַרטיק צו ווערן מיט זיך,
מיט זיינע געדאַנקלעכע און עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען. יעקב פּי־
לאָווסקי איז געקומען צום אויספיר, אַז ער מעג זיך לאָזן באַגייסטערן

פון יעדן שיינעם אידעאַל, נאָר ווען ער שטייט אין איינקלאַנג מיט זיין אהבת־ישראל און כל־זמן ער דערלויבט אים צו בלייבן געטריי אונדזער גייסטיקער און עטישער ירושה.

*

* *

יעקב פילאָווסקי איז זייער שעפעריש. ער האָט אָנגעשריבן דריי ביכער דערציילונגען און פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל אָפּהאַנדלונגען איבער ליטעראַרישע און אַלגעמיין־קולטורעלע טעמעס. איצט איז ער רעדאַקטאָר פון „דאָס יידישע וואָרט" אין טשילע און אַן אָפטער מיטאַרבעטער אין פאַרשיידענע צייטשריפטן פון אויסלאַנד.

„ט ר י ט א ו י ף ד ע ר ע ר ד", אַרויסגעגעבן פון אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, איז אַ זאַמלונג פון דערציילונגען, קורצע ליטעראַרישע סקיצן און בילדער. יעקב פילאָווסקי איז אַ פיינער באַאָבאַכטער; מיט זיין שאַרף אויג און אָפן האַרץ געלינגט אים אויפצוכאַפן די פאַרשיידנסטע שטריכן פונעם לעבנס־בילד, און מיט זיין רייכער, לעבעדיק־פאָלקסטימלעכער שפּראַך פאַרפיקסירט ער זיי אין זיינע שילדערונגען. און הגם אין דער קורצער דערציילונג האָט דאָך דער שרייבער בכלל נישט די גלייכע מעגלעכקייטן ווי אין דער נאָוועלע, ווייל דער ראַם איז דאָ אַ סך ענגער, פאַרמאָגט אָבער יעקב פילאָווסקי גענוג סענסיבילִיטעט און שרייבערישע אינטואיציע אויף צו דערזען די דעטאַלן פון דער לעבנס־פאַנאָראַמע. אָבער ער באַגרענעצט זיך נישט צו פאַרבלייבן אַ נייגעריקער צושויער, וואָס באַטראַכט בלויז און פאַרצייכנט קאַלטבלוטיק דעם ספּעקטאַקל פון לעבן, נאָר זייער אָפט פילן מיר אַרויס, ווי דער מחבר וויברירט מיט זיינע פערזאָנאַזשן, ווי אַ נישט צופרידענער מיט פילע אַספּעקטן פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט.

דאָס זיך־באַוועגנדיקע בילד פונעם לעבן, איז איבער־רייך אין פאַרבן און פאָרמען; נאָר דער שרייבער פאַרשטייט סיי אַרויסצוגעפינען יענע שטריכן, וואָס ווייזן די האַרטקייט און ערנסטקייט, צווינגענדיק אונדז זיך צו פאַרטיפן אין זיין פּראָבלעמאַטיק, סיי צו אונטערשטרייכן די שיינקייט און דערהויבנקייט, וואָס רופט אַרויס צאַרטע געפילן פון ליבע צום מענטש, רחמנות און פאַרשטענדעניש פאַר זיינע ליידן.

אָפטמאָל — ווי ,למשל, אין „אַ פאַרשטערטער סדר" — פאַרשטייט דער מחבר נישט בלויז געטריי צו מאָלן אַ באַשטימטן דעקאָר, פאָרשטעלן פאַר אונדזער גייסטיק אויג לעבעדיקע און נאַטירלעכע פערזאָנאַזשן, אויפבויען זיין דערציילונג אויף אַן אידעישן אונטערגרונט, נאָר עס גיט זיך אים אויך איין אַריינצוברענגען אַ נאָטע פון

דראַמאַטישקייט, וואָס ווירקט ווי אַ קורצע און שפּאַנענדיקע סצע־
נישע אויפפירונג.

אייגנאַרטיק און פּילפאַרביק איז דער ציקל „מיניאַטורן״, וואָס
באַשטייט פון אַ רייע קורצע שאַפונגען, אין וועלכע דער שרייבער
ברענגט צום אויסדרוק בליציקע געדאַנקען, אָריגינעלע איינפאַלן און
וואַרעמע געפילן, וואָס עמאַציאָנירן דעם לייענער און לאָזן איבער
דעם איינדרוק פון אַ פּאָעזיע אין פּראָזע־פאָרם („שטילע פאַרנאַכטן״).

ווי אַ לאַנגיאָריקער תושב אין די דאָזיקע לענדער, איז יעקב פּי־
לאָווסקי אַ גרינטלעכער קענער פונעם היגן מענטשן און פון דעם
יידישן לעבן, וואָס האָט דאָ אויפגעשפּראָצט. הגם עס איז דאָ געלונ־
גען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אויפצולעבן אַ סך אַספּעקטן פונעם
מזרח־אייראָפּעישן יידישן לעבן, האָבן זיך אָבער די היגע ישובים
דערוואָרבן אַ פּראָנונצירטע נאָטע פון ספּעציפישקייט, וואָס טראָגט
דעם חותם פון דער היגער סביבה. מיט אָט דעם אייגנאַרט, מיט אָט
דעם נייעם קאָלאָריט באַקענט אונדז דער מחבר אין אַ גאַנצער רייע
דערציילונגען פון זיין ציקל „טשילע״. אָנגעהויבן מיט די באַזונדערע
מאָראַלישע און מאַטעריעלע ראַנגלענישן פון די ערשטע יידישע אי־
מיגראַנטן אין זיד־אַמעריקע, ביז צו די היינטיקע המשך־ענינים פון
די דאָזיקע ישובים, פּרואווט דער שרייבער צו דערווייטערן אונדזער
האָריזאָנט און באַקענט אונדז מיט אַ נייעם קאָנגלאָמעראַט פון יידי־
שע און אַלמענטשלעכע פּראָבלעמען.

„טריט אויף דער ערד״ געהערט צו יענעם ליטע־
ראַרישן זשאַנער, וואָס ווערט אינספּירירט און גענערט נישט בלויז
פון דער פאַנטאַזיע פונעם שרייבער, ער האָט זיין שורש אינעם לעבן
אַליין.

*

* *

די אויבנגעבראַכטע שורות פּרעטענדירן, ווייט נישט, צו זיין אַ
קריטישע אָפּשאַצונג פון יעקב פּילאָווסקיס ליטעראַרישן ווערק; זיי
זיינען נאָר אַ באַשיידענער אויסדרוק פון מיין פריינטשאַפט און דרך־
ארץ פאַר יעקב פּילאָווסקי דעם חבר, דעם שרייבער און קולטור־טוער,
דעם וואַרעמען ייד.

ראובן ב״ץ.

סאַנטיאַגאָ, טשילע, מערץ 1959

פון מחבר

מיט אַ ציטער אין האַרצן, לאָז איך אַרויס, אין דער וועלט אַריין, מיינע שאַפונגען. — הלואי זאָלן זיי עולה־יפה זיין.

אַזאַ איינער ווי איך, וואָס געפינט זיך פאַרוואָרפן אויף דעם וויטסטן ערד־פונקט פון דער וועלט, אין אַ פאַרגעסענעם ישוב, קען נאָר האָפן צו זען דערשיינען, אויף דער ליכטיקער וועלט, זיינס אַ בוך, ביי אַ געלעגנהייט, — ביי דער געלעגנהייט אַלט צו ווערן... — אַלט צו ווערן פופציק יאָר, אַלט ווערן זעכציק יאָר... און ווייטער...?

דעם ווייטער ווייס קיינער ניט. קיינער ווייס ניט, ווען זיינע זיבעציק יאָר ענדיקן זיך.

געפינען שוין די איבעריקע כתבי־יד זייער אייביקע רו אין די געשוואָלענע קעסטלעך פון שרייב־טיש.

אָבער לאו כל אדם זוכה! איך מיין דאָ — ניט יעדער האָט דעם זכות, מען זאָל זיך אַרומקוקן אויף אים, צי איז ער אַלט געוואָרן...

בין איך דערויבער זייער דאַנקבאַר דעם טשילענער יידישן ישוב, באַזונדערס דעם יובל־קאָמיטעט, בראש מיט מיין גוטן פריינט, דעם פרעזידענט פון דעם קאָמיטעט, ישראל פאָלאַק, און דעם סעקרעטאַר, דעם אומדערמידלעכן קולטור־טוער, שלמה באַכראַך, און די אַלע נגלים און נסתרים, וואָס האָבן מיר באַשאָנקען מיט דער טייערער און אָנגעלייגטער מתנה, דאָס צוטראָגן מיר אַ בוך פון מיינע באַשיידענע שאַפונגען צו מיין זעכציקסטן געבוירן־יאָר.

ווען איך בין,מיט קאַרגע 35 יאָר צוריק, אָנגעקומען צו די ברעגעס פון דעם זוניקן און פרייען לאַנד, טשילע, האָב איך

— אין דעם אינערן פון מיין וועזן — פאַרנומען אַ שטים, אַ באַפעל פון דעם שר הממונה על יידיש־לאַנד: היט!

היט אָפּ די גרעניצן פון יידיש־לאַנד, ברייט אויס די טע־ריטאָריע פון מלכות־יידיש!

און איך האָב געפאָלגט.

איך האָב אויפגעהויבן — דאַן דער ערשטער — די פאָן פאַר יידיש, צווישן מיינע ברידער, וואָס זיינען אין יענער צייט געווען זייער ווייניק און האָבן זיך ליבלעך געטוליעט איינער צו דעם אַנדערן.

פון דאַן אָן בין איך געשטאַנען, ווי אַ גרויער זעלנער, אויף דער וואַך פון דער נייער פּאָזיציע אונדזערער, ניט אַרויס־לאָזנדיק דאָס געווער פון האַנט.

אַמאָל, האָב איך, שטייענדיק אויף דער גרעניץ פון תהום, זיך תחנונימדיק געבעטן, אַמאָל האָב איך געוואָרנט: האַלט! געפאַר! אַמאָל האָב איך זיך געבייזערט און געשריען און אַמאָל אויך אָפּגעשלעפּט ביים אַקסל פון אָפּגרונט.

און אין מאָמענטן פון אָפּהענטיקייט, האָב איך דאָס געווער מיינס, שטאַרקער צוגעדריקט צום האַרצן און מיט מער קור־ראַזש, אַרומגעשפּרייזט הין און צוריק, ביים ברעג פון דעם גרעניץ, וואָס קוקט אַראָפּ טיף אין אָפּגרונט אַריין.

און אָט אַזוי, צווישן דעם טאָג־טעגלעכן געראַנגל פאַר דער עקזיסטענץ, צווישן דער נאַכט־נאַכטיקער האָרעוואַניע פאַר יידישן אָנהאַלט און אויפהאַלט, האָט אַמאָל מיין אויער פאַרנומען אַ קלאַנג און געזאַנג פון דעם טשילענער אַרום, האָט מיין געהער אַמאָל אויפגעכאַפּט אַ טאָן פון דער סימפאָניע, וואָס ווערט דיריזשירט פון אַן אומזעבאַרער האַנט פון דעם לעבן אין טשילע.

און אַז מיין קאָפּ — אַ געלאָדענער און געבויגענער פון זאָרגן — האָט זיך אַמאָל אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט און אַ שטרעק געטאָן צו דער הויך, האָבן מיינע אויגן איינגעזאַפּט, דאַן, דעם בלוי פון די ברייטע הימלען, דעם גאָלד פון דער שפּעדיקער זון, די ליכטיקע ווייסקייט פון שניי אויף די בערג און דעם גרין פון בוים און פון גראָז.

איך האָב דאַן דערשפּירט דעם טעם פון לעבן, דעם טעם פון דער לופט, דעם טעם פון דעם רוח־חיים, וואָס האַלט אונדז אויף.

מילדע ווינטעלעך האָבן מיר געמינטערט פון פאַרחלשטער מידקייט און האָבן געגלעט מיט דעם דופט פון בלומען, מיט

דעם ריח פון פעלד, מיט ימיקער קילקייט און שנייאיקער פרישקייט.

איז אויב אין מיין אביערדרופן זיך מיט דער גרויסער אַרמיי פון יידישע שרייבער, וועט דערהערט ווערן דער קול פון אַ גרויען זעלנער אויף אַ ווייטן פּאָסטן, אויב אין אים וועט זיך הערן אַן אָפּקלאַנג פון נאָך אַ טאָן, פון נאָך אַ קלאַנג, וואָס קומט פון נאָך אַ ווינקל אויף דער ערד, — אויב איבער דעם שלל פון פאַרבן און קאָלירן, וואָס ליגט אויסגעגאָסן אויף די בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור, וועט געוואָרפן ווערן אַ נייער שיין, עס וועט צוקומען נאָך אַ שטריך, נאָך אַ ניואַנס, נאָך אַ פּינטעלע, וועט זיך פאַר מיר, נאָכן אָפּלעבן שווערע זעכציק יאָר, ווי אַ ייד און ווי אַ מענטש, אין דער היינטיקער וועלט, אָנהויבן אַ נייער גליק — דער גליק פון באַשערטקייט, כאָטש מיט עפּעס צו קענען דינען מיין פאָלק, וואָס איך האָב ליב.

יעקב פּילאָווסקי.

סאַנטיאַגאָ, טשילע, מערץ 1959

יעקב פילאָווסקי

יעקב פילאָווסקי

טריט אויף דער ערד

א.

טשילע

„לאַ ברוכאַ"

(די כשוף־מאַכערין)

חדשים־לאַנג האָט זעליק גיבערמאַן, געקלאַפּט אין אַ טיר אויף ראַכעליאַ אוגאַרטע, אין די ניינצן הונדערטער. די טיר האָט געהערט צו אַ שטוב, וואָס איז געווען אָפּגעזונדערט, אָפּגעהאַקט פון די איבעריקע, דורך די ליידיקע, נאָך נים קיין פאַרבויטע פּלעצער, וואָס האָבן איר אַרומגענומען פון ביידע זייטן.

די שטוב איז געשטאַנען אַ לייכט אויפגעבויטע און אויסגעפּאַרטיקטע, נישט פון קיין בעלי־מלאכהשע, פּראָפעסיאָנעלע הענט, נאָר פון די הענט פון אַ האָרעפּאַשניק, וואָס האָט עס געטאָן צו ביסלעך, אין די פרייע שעהן זיינע, מיט אַלטן בוי־מאַטעריאַל, אויפגעקויפט, — פון איינגעוואַלגערטע הייזער.

די ציגל פון די ווענט זיינען געווען, נישט אַלע פון דער זעלבער גרויס און נישט פון דעם זעלבן פאַרב.

איבערהויפּט האָבן זיך נישט אַריינגעפּאַסט, אין דער שטוב, די ראַמען פון די פענצטער און פון דער טיר. דורכמאַכנדיק דאָ זייער צווייטן גלגול אויף דער וועלט, האָבן זיי מיטגעבראַכט מיט זיך, די ראַמען פון דער נגידישער גאַס, זייער האַמעטנעקייט און מאַסיווקייט.

און כאָטש פאַרעלטערטע שוין, האָבן זיי דאָך, יוסטע, פאַרריסן אַרויסגעקוקט צו דעם דרויסן, צו דער וועלט.

צוליב די דאָזיקע טיר און פענצטער, האָט די שטוב אויסגעזען ווי אַ קבצניוק אין אַ געלאַטעטער קאַפּאָטע, וואָס האָט אַרויפגע־שלעפּט אויף זיין אויסגעדאַרטן האַלדז און אויסגעמאָגערטע הענט, דעם האַרטן קאָלנער און די מאַנזשעטן, וואָס האָבן פריער אַרום־געשטייפט דעם פעטן קאַרק און די דיקע הענט פון דעם נגיד און וואָס אויף אים הענגען זיי, משונהדיק ברייט אַראָפּ און באַמבלען זיך אַרום פון אַלע זייטן.

פאַרעקשנט און לאַנג האָט זעליק געקלאַפּט אין דער דאָזיקער מאַסיווער טיר פון ראָכעליאַ אוגאַרטע, איבער וועלכער עס איז געהאָנגען דער נומער 1973, ביז וואַנען זי האָט זיך פאַר אים, סוף־כל־סוף, געעפנט.

און געדויערט האָט אַזוי לאַנג ביי זעליקן צו מאַכן דעם דאָזיקן קונד, נישט מחמת ער איז געווען אַ שלעכטער פאַרקויפער, אָדער ווייל ער האָט נאָך נישט געקאָנט די שפּראַך. ניין. אַ פאַרקויפער איז ער דווקא געווען אַ גוטער און כאָטש ער האָט טאַקע באמת קיין שפּאַניש נאָך גאַרנישט געקענט האָט ער דאָך געוואוסט אָפּצו־קלאַפּן, ווי אַ מזמור — אויף אויסעווייניק — זיין פּזמון: „קואַדראָס באָניטאָס טענגאָ פּאַראַ ווענדער״ (שיינע בילדער האָב איך צום פאַרקויפן), נאָר גאָר פּשוט, צוליב דעם, וואָס זייער אַ סך מאָל איז די טיר 1973 טויב געבליבן פאַרן קלאַפּן איבער איר. און אַז זי האָט זיך שוין אַמאָל אַ ביסעלע אָן עפן געטאָן און דורך אַ שטיקל געעפנטער טיר, ווי דורך אַ שפּאַרונקעלע, האָט אַרויסגעקוקט די נאָז און דער שאַרפער בליק פון אַ פרויען.קעפּל, וואָס האָט זעליקן שטענדיק באַטראַכט מיט דעם זעלבן מאָדנעם, שטומען און פאַר־וואונדערטן פרעג, — פלעגט זי זיך, די טיר, גלייך צוריק פאַרמאַכן.

זעליק איז געווען איינגעשפּאַרט, צו פאַרקויפן דווקא אין דער דאָזיקער שטוב, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז די טירן, וואָס זיינען אַזוי שווער פאַרהאַקט ביים פאַרקויפן, עפענען זיך לייכט ביים קאַסירן.

דער טאָג, וואָס די טיר 1973 פון ראָכעליאַ אוגאַרטע, האָט זיך פאַר זעליקן אויפגעעפנט, איז געווען אַ שטראַלנדיק־ליכטיקער. די

זון האָט מיט אירע פליגלען גערופן צום לעבן, געגלעט, געמונטערט און פאַרווישט פון די פנימער, יעדן קנייטשעלע, וואו די זאָרג קען זיך נאָר באַהאַלטן.

זעליק איז, ווי יעדן טאָג, ארוים אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן, אָן אָנגעלאָדענער מיט זיין סחורה — בילדער, איינגעפאַסטע אין שוואַ־רע, ביליקע ראַמען, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען פייזאַזשן פון בערג, באַדעקטע מיט שניי, אויף וועלכע עס איז געפאַלן דער לעצטער, בלייך־ראָזער אָפּשיין פון אַ פאַרגייענדיקער זון, בילדער פון פאַרשניטענע פעלדער, אויף וועלכע עס אַרבעטן, איינגעבויגע־נערהייט, יונגע, שיינע שניטערינס; בילדער, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעמאָלן, אַפּעטיטנע, גלוסטיקע פרוכטן, און איבערהויפּט — גע־מעלן פון הייליקע געשטאַלטן.

זעליק פלעגט אַזוי קונציק אויסקאָמבינירן מיט די שטריקלעך פון די בילדער, וואָס זיינען געהאָנגען הינטער זיי, אַז ער פלעגט קענען טראָגן, ביז אַן אַכצן שטיק. חוץ דעם זיינען זיינע אַקסלען און אָרעמס באַהאָנגען געווען מיט אַנדערע סחורות — פיל־פאַרביקע פאַרטעכער, ביליקע, שרייענדיקע שטאָפן, שאַליקלעך, זאָקן און נאָך אַנדערע זאַכן.

גאַנץ פרי, ווען זעליק פלעגט אַרויסגיין אין גאַס, מיט זיין פולער לאַדונג, פלעגט ער דאַרפן אָנקומען צו דער הילף פון זיינע פיס. מיט זיי פלעגט ער דאָס אָנקלאַפּן אין די טירן, ביזוואַנען ער פלעגט זיך ביסלעכווייז באַפרייען פון זיין סחורה און אָנהויבן באַנוצן זיינע הענט.

דאָס מאָל איז אים אויך צוהילף געקומען דער ליכטיקער טאָג, וואָס האָט די מענטשן אָנגעשטעקט מיט לעבן און מיט פאַרלאַנגען.

ווען זעליק איז, אין דעם דאָזיקן ליכטיקן פרימאָרגן, צוגעקומען צו דעם נומער 1973 פון ראַבעליאַ אוגאַרטע, האָט זיך דאָס מאָל די טיר אַ ביסעלע ברייטער געעפנט. די אויגן פון דער באַלעבאָסטע, האָבן זיך אַ ווײַלע געמוזט אָפּקערן אָן אַ זייט, ניט קענענדיק בײַ־שטיין דעם בליק פון דער זון...

ווען די באַלעבאָסטע האָט ווידעראַמאָל צוריקגעקערט איר בליק צום דרויסן, האָט זי פאַר איר טיר דערזען שטיין, זעליקן, אין זיין גאַנצער גרויס און ברייט. אויף זיין ברוסט האָט ער געהאַלטן אָנגע־

שפּאַרט דאָס בילד: „דאָס האַרץ פון אונדזער האַר יעזוס קריסטוס”.

ביידע פּנימער, סיי פון דעם הייליקן יעזוס, סיי פון פּאַרקויפער, האָבן געשטראַלט אונטער דער זוניקער ליכטיקייט. דאָס לעבעדיקע פּנים פון דעם פּאַרקויפער — נאָך מערער פון דעם געמעל אויפן בילד. די טיר האָט זיך, ניט ווי איר שטייגער, ווי פון זיך אַליין, ברייטלעך אויפגעעפנט און זעליק איז שוין געווען אין פּאָדערהויז פון שטוב.

אינעווייניק, האָט זעליק, נאָך אַ געהעריקן משא־ומתן, אויפגעעפנט זיין טאַשן־ביכל און פאַרצייכנט דאָרטן דעם נאָמען פון דער באַלעבאָסטע — מאַריאַ טערעסאַ כואַרעז דעל קאַמפּאָ, און די סומע פון פופצן פּעזעס — דעם באַטרעף פון דעם בילד, וואָס זי האָט ביי אים געקויפט, מיט דעם באַדינג, אויסצוצאָלן צו איין פּעזע וועכנטלעך.

און כאָטש זעליק האָט בפירוש פאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־ביכל, אַז זיין קונד הייסט, מאַריאַ טערעסאַ כואַרעז דעל קאַמפּאָ, — און אַזוי האָט זי טאַקע געהייסן, — האָבן איר דאָך די שכנים גערופן, „לאַ ברוכאַ”. —

און גערופן האָבן זיי איר אַזוי, ווייל זי האָט געהיילט אַלערליי הולאתן מיט די זאַלבן און גראָז־געטראַנקען, וואָס זי אַליין האָט צוגעגרייט.

אָפט פלעגן צו דעם דאָזיקן קוואַרטאַל צופאָרן מענטשן אין רייכע אויטאָמאָבילן און זיך נאָכפרעגן אויף מאַריאַ טערעסאַ כואַרעז. די שכנים פלעגן לכתחילה ניט וויסן ווער דאָס איז, ביז וואַנען אימיצער פלעגט זיך כאַפּן — נאָך די אָנגעגעבענע סמנים — ועמען מען מיינט און פלעגט אויסשרייען:

— אָ! לאַ ברוכאַ! איך ווייס שוין. דאָ וואוינט זי.

מאַריאַ טערעסאַ איז געווען אַ סך יאָרן פאַרהייראַט און קינדערלאָז. איר מאַן האָט געפירט אַ קאַרעטעלאַ (אַ צוויי־רעדערדיקן משאַוואָגן) און פלעגט זיך זעלטן געפינען אין דער היים. גאַנץ פרי פלעגט ער אַרויספאָרן צו דער אַרבעט. מיטאָג האָט ער געגעסן וואו עס האָט זיך אים געמאַכט, אין דעם נאָענטסטן, ביליקן רעסטאָראַן, וואו ער האָט זיך צו יענער צייט געפונען.

אַז ער איז שוין יאָ אַמאָל געווען אין שטוב, איז ער שטענדיק

ארומגעגאנגען א שווייגנדיקער און א באשעפטיקטער. תמיד האט ער עפּעס געהאט צו טאָן. דאָ האָט ער צוגעבויט נאָך אַ צימערל צו דער שטוב, דאָ האָט ער געבויט אַ הינער־שטייג, אָדער האָט סתם צוגעשלאָגן ערגעץ אַ ברעטל. אויך מאַריאַ טערעסאַ איז געווען שטענדיק פאַרנומען ביי אירע זאַלבן און גראָז־געטראַנקען. אויך זי האָט איר אַרבעט געטאָן אַ שווייגנדיקע. אָבער פון איר שווייגן האָט אַרויסגעזונגען שעפערישקייט, האָט יצירה־באַפרידיקונג אַרויסגעשפּאַרט...

עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס איינציקע געמיינזאַמע צווישן דעם פּאָר־פאָלק, איז געווען דאָס בשותפותדיקע הויז, וואו זיי וואוינען, נאָר דאָס שלאָף־צימער, וואָס זיי טיילן, אַז אַלץ, וואָס זיי האָבן זיך געהאַט צו זאָגן האָבן זיי זיך שוין אָפּגעזאָגט, אָדער אַז זיי האָבן זיך אינגאַנצן קיינמאָל אין זייער לעבן ניט געהאַט וואָס צו זאָגן.

מאַריאַ טערעסאַ האָט חוץ מיט אירע זאַלבן און גראָזן זיך אויך שטאַרק פאַרנומען מיטן האָדעווען פאַרשיידענע שטוב־חיות און פייגלען.

זי האָט פאַרמאָגט אפשר אַ גאַנצן צענדליק הינטעלעך, אַלע ווייסינקע, שלאַנקע, מיט שמאָלע, קליינע מאָרדעטשקעס, מיט ראָזיק־פּייכטע נעזעלעך און מיט גוטע, געטריייע אויגעלעך.

זיי זיינען אַלע געווען פון איין פּאַראָדע, פון איין גרוים און אַלע ענלעך איינע צו די אַנדערע. און נאָר זי איינע, מאַריאַ טערעסאַ, וואָס האָט אויף זיי אויסגעגאָסן אירע מאַמישע צערטלעכקייטן, געשאָנקען זיי איר זאָרגזאַמקייט און ליבע, האָט זיי געקענט דערקאָנען יעדן באַזונדער און וויסן זייערע נעמען.

מאַריאַ טערעסאַ האָט אַזוי דערצויגן אירע הינטעלעך, אַזוי זיי אויסגעמושטירט, אַז זי האָט זיי אַלע געקענט אויסזעצן אין איין ריי און אויף איר פאַרלאַנג זאָלן זיי אַלע אויפהויבן, צו דער זעלבער צייט, די רעכטע לאַפּקעס, ווי זיי וואָלטן זיך מיט איר באַגריסט.

אירע הינטעלעך האָבן זיך אויך געקענט וויגן, איינס אַנטקעגן צווייטן. און נאָך פאַרשיידענע קונצן האָבן זיי געקענט.

אָבער נאָר יחידי־סגולה האָבן זוכה געווען, אַז מאַריאַ טערעסאַ זאָל זיי ווייזן איר לעבעדיקן אוצר. און ווייל זעליק האָט ביי איר נושא חן געווען, האָט זי אים געוויזן אירע פּאַפּוגייען, אירע קעצע־

לעך און האָט אים פאַרגעשטעלט אַלע אירע הינטעלער, לויט זייערע נעמען. זי האָט אים אפילו איבערצייגט, אַז איין הינטעלע רעדט, ווי עס זאָגט בפירוש, מאַ-אַ-מע...

זעליק האָט זיך עפּעס געפילט, ווי געפּענטעט, אין דער דאָזיקער מאָדנער, אָפּגעזונדערטער און צו רואיקער שטוב. אים האָט זיך געדוכט, אַז די דאָזיקע שטוב האָט ניט קיין אַרויסגאַנג. ער האָט הינטערוויילעכס געכאַפּט אַ בליק צו דער מאַסיווער טיר. זי איז ווידער געשטאַנען אַ שטרענגע און אַ פאַרהאַקטע.

זעליק האָט זיך געשפּירט שטאַרק מיד פון דעם שווערן אַרומגיין אַ גאַנצן טאָג מיט דער משא און פון דער היץ. זיינע פיס זיינען געווען אָנגעגאָסן, ווי מיט בליי.

ער האָט צוזאַמען מיט דער מידקייט, אויך געפילט, ווי אַ מאָדנע שכרות וואָלט אים אַרומגענומען. ער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען דאָס איז, צי פון די אָן אַ צאָל בלומען, וואָס האָבן אָנגעפילט די צימערן פון מאַריאַ טערעסאַ, אָדער פון דעם שטראָם פון אירע אויגן, פון וועלכע עס האָט זיך געגאָסן, אַ הייסער, זאַפטיקער בליק, אָן אָנגעפילטער מיט ניט קיין געלאָשענע באַגערן, וואָס האָט זיך, ווי אַריינגעעקבערט אין זיין גאַנצן וועזן, אין זיין גאַנצן לייב און לעבן און וואָס האָט אים אויף דורך און דורך דורכגענומען, דורכגעדרונגען.

ווען מאַריאַ טערעסאַ איז אַוועק אַראָפּנעמען אַ ביסל טרויבן, כדי מכבד צו זיין איר גאַסט, האָט זיך זעליק קוים אַראָפּגעלאָזט אויף דעם בענקל, וואָס איז געשטאַנען ביים טיש. הינטער אים איז, אויפן קאָמאָד, געשטאַנען „דאָס האַרץ פון יעזוס קריסטוס".

דורך דעם האַלב-אָפענעם פענצטער, האָבן זיך אַריינגעריסן, אין שטוב אַריין, גאַנצע גאַרבן מיט זונען-שטראַלן, וואָס האָבן באַגאָסן זעליקס פנים און דאָס פנים פון דעם הייליקן בילד, הינטער אים.

זעליק איז געזעסן אָן אויסגעשעפּטער און אַ פאַרטראַכטער אין זיך: „דאָס איז דער רעזולטאַט פון מיינע יוגנט-חלומות"...

זעליקס פנים האָט אויסגעדריקט אַזוי פיל פּיין, אַזוי פיל יסורים און צער, אַז עס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן פנים פון דעם בילד, וואָס איז געשטאַנען הינטער אים. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז דאָס דער הייליקער, וואָס האָט געליטן דעם גאַנצן צער פון

זיינע מענטשן־ברידער און אז דאָס געמעל הינטער אים איז נאָר אַן אָפּבילד פון אים.

מאַריאַ טערעסאַ האָט זיך אומגעקערט אַ צופרידענע, אַ שמייכלענדיקע, מיט אַ פולער טאַץ, פרישע, זאַפטיקע טרויבן.

ווען זי האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דעם צימער וואו זעליק איז געזעסן, איז פאַר אירע אויגן, ווי פאַרשוואונדן דער גאַנצער קערפּער פון פאַרקויפער. זי האָט אויך פאַר אירע אויגן מער ניט געזען דאָס הייליקע בילד, וואָס זי האָט אָקאָרשט געקויפט. איר האָט זיך אויסגעדוכט, ווי דער הייליקער האר יעזוס קריסטוס, וואָלט אַ לעבעדיקער געזעסן ביי איר טיש.

פון איר האַלדז האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פורכטלעכער געשריי:

אַ, יעזוס!

דאָס געשריי איז געווען אַ געמיש פון שרעק, פאַרוואונדערונג און אומדערוואַרטקייט.

די טאַץ האָט אַ קלונג געטאָן אָן דער ערד און מאַריאַ איז אַנידערגעפאַלן אַ קניענדיקע, אַ בוקנדיקע פאַר זעליקס פיס.

זעליק האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער און איז שנעל פאַרשוואונדן פון דעם הויז, ווען גלייך ווי פון שווער ... נעקעם טיר עס האָט זיך פאַר אים אַזוי שווער געעפנט.

.1950

פּריצל

— „זע נאָר סאַראַ ליכטיק פּנים! אַן אָפּגעטאָקטס! דער הימל שפּיגלט זיך דאָך אין זיינע אויגן! פּונקט ער מיט די ביינער. אַן אמתער מאַגנאַט, אַ פּריץ" — האָט ערמיניאַ, שטיל, ווי אין זיך, אַריינגערעדט.

— „פּריצל, פּריצל", האָט זי — נישט קענענדיק איינהאַלטן זיך — קושנדיק, אַרונטערגעשושקעט דעם קינד אונטערן אויערל און האָט אַ פאַרגנבעטן, פייכטן בליק, געוואָרפן צו איר טאָכטער, וואָס איז געלעגן אַן אָקאָרשט־באַפרייטע פון אירע געבורטס־ווייען, — מיט אַ פּאָר גרויסע, אויפגעריסענע און פאַרחדושטע אויגן, וואָס האָבן זיך געבעטן ביי איר מאַמען און ביי דער וועלט דער גאַנצער: „זעט, טשעפּעט עס ניט, באַליידיקט עס ניט".

פון דאַן אָן האָט זיך דער נאָמען „פּריצל", צוגעקלעפּט צום קינד, — ווי ער וואָלט פון געבורט צו אים צוגעוואַקסן געווען.

אַז ער איז אַ ביסל גרעסער געוואָרן, פלעגט ער זיך שוין, ברוּ־מענדדיק, אָפּרופן אויף דעם דאָזיקן נאָמען.

זיין מאַמען אָבער, האָט דער נאָמען „פּריצל״, שפּאַטיק געשמיסן, און פאַרטריבן פון דער וועלט.

ווען דאָס קינד האָט זיך שוין נאָכדעם געהאַדעוועט אַן אַ מאַמען און אַן אַ באָבען, איז שוין גרויס געוואָרן און האָט זיך — אַ יונג אַ צעוואַקסענער — ארומגעשלעפּט מיטן „ניינטל״ (אַ כאַפּטע פון ניין גאַסן־קינדער), איבער גאָטס וועלטל, איז אים אָבער, דער נאָמען זיינער, אַלץ פאַרבליבן דער זעלבער, דער קליינינקער — „פּריצל״.

ער האָט זיך, ווי נאָכגעשלעפּט נאָך אים, דער נאָמען, אומעטום, און זיך פון אים ניט אָפּגעטשעפּעט.

היימלאָז און נאָמענלאָז זיינען געווען אַלע קינדער פון דעם „ניינטל״. נאָר קיינער האָט אַזוי ניט געבענקט און געגאַרט נאָך אַ נאָמען, נאָך אַ ריכטיקן נאָמען, ווי „פּריצל״.

יעדער איינער פון „ניינטל״ האָט זיך געהאַט זיין צונאָמען, פון־דעסטוועגן פלעגט „פּריצל״, ניט ווייסנדיק פאַרוואָס, אַ סך מאָל פילן, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים געביסן, ווען ער פלעגט הערן זיין צונאָמען — „פּריצל״.

דאָס האַרץ זיינס פלעגט דאַן האַסטיק און מיט ווייטיק, קלאַפּן, אין גאָרגל פלעגט שטיקן, די אויגן פלעגן זיך רויט צעצינדן און ווען ניט אַ פייכטקייט, וואָס פלעגט זיי אַרומנעמען און לעשן, וואָלט זיך דאָס פייער, דורך די אויגן, צעשפּרייט איבערן מח, איבערן גאַנצן גוף און וואָלט אים פאַרברענט...

אמת, די באָבע פלעגט אים אויך רופן „פּריצל״, אָבער דאָס איז געווען עפּעס אַנדערש. איר „פּריצל״ איז געווען געמישט מיט צער און ליבע און מיט חרטה, — חרטה, פאַרוואָס זי רופט אים אַזוי...

אַרטוראָ וואָלט ער געוואָלט מען זאָל אים רופן. אַרטוראָ, אַרטוּ־ראָ! ס׳אַראַ שיינער נאָמען!

אין דמיון זעט ער אָפט זיין שיינער מאַמען, וועלכער ער קען פון דעם בילד, וואָס איז אַמאָל געשטאַנען ביי זיין באָבען אויפן קאָמאָד. — זי לייגט, קיילעכדיק־קליין, צונויף אירע איידעלע ליפּן און צערטלט מיט זיי זיין האַלדז און שעפּטשעט אַריין, קושט אַריין מיט זיי אין זיין אויער אַריין! „אַרטוראָ, אַרטוראָ, אַרטוריטאָ!

אַרטוריטאַ, מיין קינד!" און עס ווערט אים אַזוי וואַרים און גוט איבערן גאַנצן לייב און זעל...

*

* *

עס איז שפּעט אין דער נאַכט. די זון האָט זיך שוין לאַנג געלאָשן און איז אַוועק אין איר רו אַריין, אַהינטער די בערג... דאָס לעבן טליעט נאָך צו ביסלעך. די מענטשן זוכן, צו דערלעבן, דאָס נאָך ניט אויסגעלעבטע, אין משך פון דעם טאָג.

די ממשלה איבער דער וועלט באַקומט, איצט, די לבנה. זי שפּאַצירט אַרום איבער די גאַסן און לייכט פון אויבן אַראָפּ, מיט איר שיינענדיקן, צאַרטן געזיכט. זי איז ניט גרויס ביי זיך, די לבנה, זי לאָזט זיך אָנקוקן אין פּנים אַריין... דאָך שטעלט זי אין בזיון די „לבנות", וואָס די מענטשן האָבן אויפגעשטעלט... זיי רירן זיך ניט פון אָרט... און כאָטש זיי זיינען אַ סך, זיינען זיי דאָך איצט איבעריק, צוליב איר איינער אַליין...

אַ פאַרחלומטע און באַפרייטע, שטייט די ברייטע און לאַנגע אַלאַמעדאַ, ווי זי וואָלט פון איר קאַרק אַ שווערן יאָך אַראָפּגעוואָרפן...

שטיל, סודן זיך, שושקען זיך די בלעטער פון די בוימער, וואָס באַצירן איר פון ביידע זייטן, ווי זיי וואָלטן זיך געטיילט מיט די איינדרוקן פון אַ גרויסן, גאַנצן טאָג לעבן.

וואו-ני-וואו, צווישן דער געדיכטעניש פון ברייט-צעצווייגטע ביימער, טוליעט זיך אַ פּאָרל איינס צו אַן אַנדער און פאַרענדיקט דאָרטן קיינמאָל ניט צו דערזאָגן, וואָס עס וואָלט געוואָלט זאָגן...

פּלוצלינג, און אין דער זעלבער צייט, — ווי אויף אַן אָפּגערעדטן צייכן — קומט זיך צונויף, — פון אַלע פיר עקן פון דער גאַס — מיט ברייטע, עד-מיין-דאגה-טריט, און מיט זאָרגלאָזע, פרייע באַוועגונגען פון די אָרעמס, — דאָס „ניינטל".

„ווידיטאַ" (לעבנדל), זייט אַרום אַ פּאָר ווערטער צווישן די ציין און דער עולם צעשיט זיך, דערווייטערט זיך פון דעם אָרט, וואו ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן.

אין אַ ווײַלע אַרום, קערט זיך דאָס „ניינטל" אום, צוריק מיט

זיינע טראָפּייען. ווער עס ברענגט אַ שפּענדל, ווער אַן אויסגעטריקנטן צווייג, ווער אַן אָפּגעריסענעם לייסט פון אַ קיאָסק און ווער גאָר אַ שטיקל פּאַפּיר.

אַרום דעם קנאַקענדיקן, פריילעכן פייער, ליגט דאָס „ניינטל" אין אַ קרייז, אונטער אַ בוים, און הערט זיך געשמאַק צו, צו אַ נייער מעשה, וואָס די „בעאַטאַ" (פרומאַטשקע) דערציילט. „ווידיטאַ", ברומט דערביי יעדע ווײַלע צו: „סי, ווידיטאַ, סי ווידיטאַ" (יאָ, לעבנדל).

אונטער דעם געדיכטן שאָטן פון די ביימער, גנבעט זיך שטי־לערהייט, אויף די שפּיץ פינגער, אַ „קאַראַבינעראַ" (אַ פּאָליציסט). אָט פאַלט שוין זיין בולאַווע, שווער, איבערן „ניינטל", וואָס ליגט דאָ אַזוי געדיכט צונויפגעדריקט. נאָר פּלוצלינג, האָט זיך איינער פון „ניינטל" אַ צעספּוזשע געטאָן און אין איין הרף־עין, איז זיך דאָס „ניינטל" צעפלויגן.

דער „קאַראַבינעראַ", איז געבליבן שטיין, מיט דער בולאַווע אין האַנט, ווי אַן אָפּגעשמיסענער, ווי אַ יינגל, וואָס פאַלט תמיד דורך, בעת ער גנבעט זיך, צו כאַפּן פייגעלעך.

דאָס פייער אונטערן בוים, האָט פאַרלאָרן דאָס חיות, האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געראַנגלט, נאָכדעם שטיל געטליעט, איז טונקעלער געוואָרן און צום סוף זיך איינגאַנצן אויסגעלאָשן, מיטנעמענדיק מיט זיך די סודות און די צויבער ־מעשהלעך, וואָס ער האָט פון „ניינטל" זיך אָנגעהערט. עס פאַלט צו די האַלבע נאַכט. די אַלאַמעדאַ וועקט זיך פון דער מוזיק, וואָס שטראָמט אַרויס פון קלוב „לאַ אוניאָן" און שלאָפט ווייטער.

אונטער די אָקאָרדן פון אַ וואַלס, וואָס ווערט געשפּילט אין „לאַ אוניאָן", טאַנצט, אונטן, אויף דער גאַס, דאָס „ניינטל". גראַציעז און בויגעוודיק, דרייען זיך די פּאָרלעך, אין די פרייע שמאַטעס איינ־געהילט. „ווידיטאַ", טאַנצט מיט דער „טשאַסקאַנאַ" (די צעפּודל־טע). „ווידיטאַ" טאַנצט שטורמיש, און זי, די „טשאַסקאַנאַ", גיט יעדע ווײַלע אַ וואָרף דעם קאָפּ אויף אַהינטער מיט אירע געדיכטע, צעפּודלטע האָר און קוקט האָפּערדיק דער וועלט אין פּנים אַריין.

„פּריצל", טאַנצט מיט דער „בעאַטאַ". ער טאַנצט לייכט, שוועבנ־

דיק. זיין יעדעס גליד זינגט דערביי און די „בעאַטאַ" קוקט מיט אירע פרומע, פאַרבענקטע אויגן צום הימל אַרויף, צו דער לבנה...

*

* *

די מוזיק פאַרלירט, צו ביסלעך, איר אימפּעט. וואָס ווייטער און ווייטער, ווערט זי אַלץ אָפּטער איבערגעריסן. אויף דעם ברייט-טרעפּיקן אַראָפּגאַנג פון קלוב „לאַ אוניאָן", באַווייזן זיך אַלץ אָפּטער די פּאָרלעך, וואָס פאַרלאָזן דעם קלוב.

דאָס „ניינטל" צעשיט זיך איבער די פאַרשיידענע זייטן פון דער גאַס און פאַרצאַמט דעם וועג די אַרויסגייער פון קלוב.

דעם „ניינטל" איז ניט צו דערקענען. יעדער איינער פון „ניינטל" נעמט אָן אַן אַנדערע נעבעכדיקע מינע. אָבער אַלע בעטן זיי מיט דעם זעלבן נוסח: „הערעלע, פריילענכען, אַ פּעזע אויף אַ הייסע קאַווע און אַ נאַכטלעגער, אַ פּעזעלע, אַ פּעזעלע!"

אַ סך קלוב-באַזוכער ענטפערן זיי גאָרניט. טייל, מחמת זיי זיינען אַזוי איבערפולט מיט פרייד און גליק, אַז זיי קענען שוין מער גאָר-ניט פאַרנעמען, אַנדערע צוליב שלעכטסקייט און גאָר אַנדערע, ווייל זיי פוילן זיך גאָר פשוט די האַנט אין קעשענע אַריינצושטעקן. אָבער, אַז איינער פון די אַרויסגייער דערלאַנגט שוין יאָ איינעם פון „ניינטל" אַ מטבע, וואַקסט באַלד דאָס גאַנצע „ניינטל", ווי פון דער ערד אַרויס, און באַפרייט ניט יענעם, ביז ער באַטיילט זיי אַלעמען ניט מיט מטבעות.

*

* *

„פּריצל" איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז באַפאַלן אַ פּאָרל, וואָס איז אַרויס פון קלוב „לאַ אוניאָן" און אים פאַרהאַלטן דעם וועג. דער הער, פון קאָפּ ביז די פיס, ווי פון איין שטיק שוואַרצן אויסגעגאָסן, האָט פון פאָרנט אַ בלאַנק געטאָן מיט אַ ווייסן דריי-עק, איבער וועלכן עס האָט זיך דערהויבן אַ מאַטער פּנים, וואָס איז באַלויכטן געוואָרן מיט צוויי בלויע שיינען.

די יונג-פרוי, ביי זיין זייט, איז געווען איינגעגאַנצן אין ווייסן איינ-

געהילט און אונטער דער איבערגעטריבענער ברייטקייט פון איר קלייד, האָבן אירע קליינע, דראָבנע פיסעלעך, מיט אַ באַזונדערער שנעלקייט געהאָפּקעט, ווי זיי וואָלטן זיך געאײַלט ערגעץ צום אַנטלויפן.

„ווידיטאַ", האָט זיך שוין אויך גענומען פּלאָנטערן צווישן די פיס.

לכתחלה האָט זיך דאָס פּאָרל גאָרניט אַרומגעקוקט אויף די יינגלעך. און זיי, די יינגלעך, האָבן שוין געוואָלט לויפן אַנטקעגן אַן אַנדער פּאָרל. נאָר פּלוצלינג האָט זיך אַ רוף אָפּ געטאָן די דאַמע צו איר הער: „זע נאָר, אַלטינקער, ווי שיין דאָס קינד איז! ס׳אַראַ ליכטיקע אויגן! גיב אים עפּעס".

דער הער האָט אַ קוק געטאָן אויף „פּריצלען", איז עפּעס ווי צעטומלט געוואָרן און מיט ציטערדיקע פינגער פון טאַש אַרויס־געשלעפּט אַ גאַנצן, קנאַקעדיקן פינף־הונדערטער און עס דערלאַנגט „פּריצלען".

„פּריצל" מיט „ווידיטאַן" זיינען געבליבן שטיין, ווי געפּלעפּט אויף אַן אָרט. דאָס „ניינטל" האָט זיך באַלד באַוויזן אַרום זיי און האָט פאַרגעסן נאָכצולויפן דאָס פּאָרל.

*

* *

דאָס „ניינטל" האָט היינטיקע נאַכט, ווי תמיד נאָך דער „אָר בעט", זיך געלאָזט, אַ זאָרגלאָזער, צו די „קאַטשאַס גראַנדעס" („גרויסע חלקים" — אַ נאָמען פון אַ קאַפע). די פנימער, ביי די חברה, זיינען שוין געווען אויסגעגלייכט און אויסגעגליטערט פון די טרויעריקע העוויות, וואָס זיי האָבן פריער געהאַט אויף אַ ווײַלע אָנגענומען. זיי זיינען נאָך היינט געווען פריילעכער ווי שטענדיק. מען האָט זיך געווויצלט אויף „פּריצלס" חשבון.

„פּריצל" איז אָפּגעשטאַנען אין גאַנג. ער איז געווען אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין זיינע מחשבות.

ערשטנס האָט ער זיך געוואָלט קלאָר מאַכן, פאַרוואָס האָט דער הער, דווקא אים געגעבן דאָס געלט און ניט „ווידיטאַן". און פאַרוואָס מיטאַמאָל עפּעס אַזאַ גרויסע מטבע. אַ חוץ דעם האָט ער גענומען מאַכן חשבונות, וואָס ער וועט טאָן מיטן געלט.

„ער וועט זיי אַלעמען, די חברה פון „ניינטל", געבן אָנצועסן און אָנצוטרינקען, אַז זיי זאָלן אים האָבן צו געדענקען. נאָכדעם וועט ער נאָך יעדער איינעם געבן צו צען פּעזעס. דער „בעאַטאַ" וועט ער געבן אַ גאַנצן פּופּציקער, זי זאָל קענען קויפן אין אַ „קאַטשורעאַ" (אַן אָרט, וואו מען פאַרקויפט אַלטוואַרג), אַ וואַרימען סוועטער פאַר איר קראַנקן זיידן. און דאָס רעשט..."

— „העי,פּריצל!" — איז ער אינמיטן איבערגעריסן געוואָרן פון זיינע מחשבות, — „וואו בינסטו ערגעץ? ווילסט אַנטלויפן מיטן פינף-הונדערטער? וועסט ניט לויפן! הערסט אַ פּריץ קאָן?!"

— „ניט אומזיסט האָט ער אים געגעבן דעם פינף-הונדערטער און ניט מיר" — האָט זיך „ווידיטאַ" אָפּגערופן. — „ער האָט אין אים דעם פּריץ דערקאָנט".

די איינציקע, וואָס האָט געשוויגן, איז געווען די „בעאַטאַ". אירע אויגן זיינען געהאָנגען איבער „פּריצלען". זי האָט געוואָלט מיט זייערע בליקן דורכדרינגען זיין האַרץ, זיין וועזן, זי זאָל אויסלעשן מיט זיי דעם צאָרן, וואָס האָט דאָרטן געברענט. זי האָט עס אָבער ניט דערגרייכט.

„פּריצל" איז געשטאַנען פאַר די קינדער, ווי אַ ניט דאַיקער. די באַליידיקונגען האָבן אים, ווי אַ צעשמיסענעם, אַריינגעוואָרפן אין אוממאַכט.

ווען ער וואָלט דאַן אָנגעקוקט דער „בעאַטאַס" אויגן, וואָלט ער זיך אפשר באַרואיקט. ער איז דאָך שוין אָבער געווען ערגעץ אַנדערשוואו, ניט דאָ, און האָט דאָ מער גאָרניט געזען.

אין האַלדז האָט אים עפּעס געוואָרגן און ניט דורכגעלאָזט, ניט קיין וואָרט צום גומען, ניט קיין טרער צום אויג.

ער האָט נאָר אויסגעשטאַמלט: „צעטיילן, צעטיילן, אויף גלייך, אויף גלייך".. און האָט דעם פינף-הונדערטער צעריסן אויף אַכט גלייכע חלקים און עס אַוועקגעלאָזן מיטן ווינט.

צוזאַמען מיט די פיצלעך פון דעם פינף-הונדערטער, איז אויך „פּריצל" פאַרשוואונדן געוואָרן.

1953.

האַרבסט

האָט איר אַמאָל געזען אַ מאַן,
אין די פופציקער, גיין, אין טיפן האַרבסט, אָנגעטאָן אין אַ שטרויע־נער הוט מיט אַן אָנגעשטעלטן קאָלנער פון רעקל?

יאָ, אַזאַ באַגעגעניש וואַרפט אָן אויף אייך אַן אומעט און אַן עלנט?

אַ רחמנות נעמט אייך אַרום אויף דעם באַגעגנטן, אויף זיך אַליין און אויף דער וועלט דער גאַרער.

אַט אַזוי גייט לעצטנס אַרום, לובין, סיי זומער, סיי ווינטער, אין זיין שטרויענער הוט — אַ פאַרשוואַרצטע פון יאָרן — און אין זיין אַנצוג, וואָס איז אַמאָל געווען מאַט־שוואַרץ און היינט האָט ער באַ־קומען — פון אויסגעריבנקייט און פון שוויים־פּעטס — אַ גלאַנציקן אויסזען, — ווי ער וואָלט געווען געמאַכט פון אַטלאַס.

זיין פּנים זעט אויס, ווי אַ גרויסער, פאַרפאַרערנער עפּל, וואָס איז אָפּגעגאַנגען פון דער פאַרפאַרנקייט, האָט נאָכגעלאָזט און נאָכ־געגעבן. און אינגאַנצן זעט ער אויס, ווי אַ שטיק צעיוירן טייג.

עס דוכט זיך אייך אויס, אַז איר דאַרפט נאָר צוגיין צו אים און

אַ קוועטש טאָן מיט אַ פינגער אויף זיין פנים, אָדער אַן אַנדער אָרט פון זיין גוף און עס וועט בלייבן שטיין אַ סמן — אַ גריבעלע.

זיין גאַנג איז אויך אַזאַ, ווי ער זעט אויס — אַ נאָכגעלאָזענער, אַ נאָכגיביקער.

די שיטערע האָר, וואָס זעען זיך אַרויס פון אונטער זיין שטרויע־נער הוט — פון הינטן און ביי די זייטן — זעען אויס ווי צויטן פון אַן אַלטן בגד. זייער קאָליר איז אַ שטרויען־גראָער. און די אויגן, די געשוואָלענע, זיינען אָפּגעזוימט אויף רויט.

דאָס זעט היינט אַזוי אויס, לובין. מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק — ווען איך האָב אים דערקאָנט — האָט ער אַנדערש אויס־געזען .דאַן האָט ער אויסגעקוקט גלייך און שטאַלטנע. זיין קאָפּ איז געזעסן אויף זיין הויכן האַלדז, באַקרוינט מיט גאָלדן־בלאָנדע לאָקן און פון די אויגן האָט אַרויסגעגלאַנצט דער שיין, וואָס זיי האָבן אָנגעזאַפּט פון די אַלע זונען, וואָס האָבן אים באַלויכטן אין זיין גיין אויף דער ערד .

אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געלעבט און געקעמפּט.

געקומען איז ער אַהער פון ענגלאַנד. דאָרטן האָט ער צעפּראַ־צעעווט זיין יוגנט. זיינע חלומות — די חלומות פון אַ יונג בחורל פון אַן אוקראַיניש שטעטל, וועגן דער גרויסער וועלט, — האָט ער אין ענגלאַנד אויסגעביטן אויף שווערע טעג פון אַרבעט, וואָס האָבן זיך אַריינגעצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

ער האָט דאָרטן געשטופּט אַ וועגעלע, פאַרקויפט צייטונגען און געאַרבעט אין אַ שניידער־שאָפּ.

אין די פרייע צייט, אָבער, האָט ער געלערנט און זיך געפונען אין די אַרבעטער־קרייזן.

אַז לובין איז אָנגעקומען קיין טשילע, האָבן אים זיינע לאַנדס־לייט זייער וואַרים אויפגענומען. זיי האָבן נאָך געדענקט, וואָס פאַר אַ יחסן ער איז פון דער היים און וואָס פאַר אַ וואויל־לערנער. זיי האָבן אים באַזאָרגט מיט אַ פּאָר לעקציעס פאַר זייערע קינדער — מער פאַר זיינטוועגן ווי פאַר זייערע קינדערטסוועגן — און מיט אַ שטיקל שטעלע.

לובין האָט אָנגעהויבן צו פירן אַ פויל־זיסלעך לעבן. ער האָט זיך ניט געלאָזט בעטן אויף קיין וועטשערעס און אַנדערע מאָלצייטן.

מען האָט אים נאָר געדאַרפט לאָדן. ער איז געווען אַ מחותן אויף אַלע שמחות. זיינע אויערן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַלעריי לשון־הרעלעך פון לאַנדסלייט אויף לאַנדסלייט.

די אָנגעקליבענע ידיעות וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון זיינע לאַנדסלייט האָט ער ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן. ער איז געוואָרן אַ לעבעדיקע כראָניקע — אַ לעבעדיקע בייזע כראָניקע, וואָס האָט געוואוסט פון יעדערן נאָר שלעכטס צו דערציילן.

לובין האָט זיך מיט דער צייט געפונען אַליין. עפּעס צו פיל וויים ער פון זיי, זיינע לאַנדסלייט, — און „יחסנים" זיינען זיי, היינט, גרעסערע פון אים.

די יאָרן האָבן דערווייל גענומען אָפּקילן דעם הייליקן פייער פון דעם גלויבן, וואָס האָט גענומען צאַנקען אונטער די ספקות, וועל־כע דאָס לעבן האָט אויף אים אָנגעווייעט.

ער האָט זיך נאָך געפּרואווט נעמען אין די הענט אַריין. ער האָט זיך געשטעלט אַרבעטן. ער האָט אויסגענוצט די מלאכות, וואָס ער האָט אַמאָל, אין דער יוגנט, דערלערנט. אָבער זיין שלאַבערדי־קער, צעגאָסענער גוף, האָט שוין מער ניט אויסגעהאַלטן דעם אַר־בעטס־רעזשים. זיין קערפּער איז געוואָרן צו שווער, צו אָפּגעלאָזן.

גייט ער איצט אַרום, לובין, אין זיין גלאַנציקן, שוואַרצן אָנ־צוג — אַ זכר פון אַמאָליקע גוטע צייטן — מיטן אָנגעשטעלטן קאָלנער, מיט דער האַרטער, שטרויענער הוט אויפן געבויגענעם קאָפּ, איבער די גאַסן און פּלאַסעס.

די לעצטע, טרוקענע האַרבסט־בלעטער, וואָס פאַלן אַרונטער פון די נאַקעטע ביימער, קלאַפּן זיך טרויעריק אָפּ, אָן די ראַנדן פון זיין הוט.

ער האָט שוין צום טויזנטסטן מאָל איבערגעחזרט זיין לעבן, הין און צוריק, פון זיין שטעטל ביז טשילע און פון טשילע ביז זיין שטעטל.

פּלוצלינג שטעלט ער זיך אָפּ אין זיין חלומען, מאַכט צו זיינע רויטע, געשוואָלענע, ניט קיין דערשלאָפענע אויגן, און אין זיין מידן, אַלטן קאָפּ, זוכט ער אַ נאָמען פון אַ באַקאַנטן, אַן אַדרעס פון אַזאַ לאַנדסמאַן, וואָס איז נאָך ניט געוואָרן רייך, וואָס האָט נאָך ניט געביטן זיין היים, זיינע מעבל. אפשר וועט ער אים אַריינלאָזן צו

זיך. אפשר וועט ער הערן פון אים, אָדער פון זיין ווייב, זיין היימישן נאָמען, וואָס ער האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געהערט און באַלד פאַר־געסן. און אפשר וועט ער נאָך קריגן דערצו עפּעס אָפּצועסן און אַ ווייכע בעט, עטלעכע שעה זיך דורכצושלאָפן. אפשר?!

און זיינע שאַרכנדיקע טריט קלאַפּן אָפּ שטאַרקער, איבער די שטיינערנע גאַסן פון סאַנטיאַגאָ. ער ווערט געשטויסן פון דעם ווינט — פון הינטן — און פון דער האָפענונג, וואָס האָט אויפגעבליצט אין זיינע אויסגעלאָשענע אויגן.

און ער שפּרייזט און ער שפּרייזט.

.1931

אַ פֿאַרשטערטער סדר

דער האָל פֿון דעם גערוימען,
צוויי־שטאָקיקן הויז, וואָס איז געלעגן אויף אַ זייטיקער, שטילער גאַס, איז געשטאַנען אָן אויסגעפּוצטער, אַ ריינער, אַ ציכטיקער און באַגאָסענער מיט אַ ליכטיקן שיין.

איבער דער גאַנצער לענג פֿון האָל, זייגען, וואַנט אַנטקעגן וואַנט, אין דערוואַרטונג, געשטאַנען צוויי לאַנגע טישן, אָנגעצויגן אין זייערע בגדי־יום־טוב, — די ווייס־בלאַנקע טישטעכער.

די טישן האָבן געפֿינקלט מיטן קרישטאָלענעם גלאַנץ פֿון די קאַראַפֿינקעס, וואָס האָבן זיך ביז צו די העלדזלעך געראָטלט, און זייגען געווען אַרומגעשטעלט מיט שטולן.

אַנטקעגן יעדן שטול, האָבן לעפֿל־גאָפּל־מעסער, שטיל און סטאַטעטשנע געוואַרט, אָנגערירט צו ווערן פֿון אימיצן.

אין דער קיך, וואָס האָט זיך געגרעניצט האַרט מיטן האָל זייגען, אויף אַן אָקאַרשט גערייניקטן און געכשרטן גאַז־אויוון, געשטאַנען גרויסע, אַלומינענע פֿאַנען און געקאָכט אין זיך די געפֿילטע פֿיש, אין זייער אייגענעם זאַפֿט.

פֿון אַנדערע פֿאַנען, פֿון דעם זעלבן מעטאַל, האָבן מיט גאווה

אַרויסגעקוקט, אין דרויסן אַרום, די אויף אַרויף פּאַרריסענע, פּעטע פּאַלקעס פון די נעכטן-געקוילעטע הינער, וואָס האָבן זיך איצט גע-זאַטן אויף אַ גרויסן פייער.

פון דער הויך, פון צווייטן גאָרן, האָבן זיך אונטן אַראָפּגעטראָגן, שוואַכע קולות פון תפלה-נגונים, ווי זיי וואָלטן געקומען פון דער ווייט, פון אַן עולם, וואָס האָט אָנגעהויבן צו זינגען דאָ נאָענט און האָט זיך לאַנגזאַם, ביסלעכווייז צוריקגעצויגן פון אָרט און אַוועק אַלץ ווייטער, ביז וואַנען זיי האָבן זיך, די געזאַנגען, אינגאַנצן אויס-געלאָשן.

נאָכדעם האָבן פון די טרעפּ, וואָס האָבן זיך געצויגן פון דער הויך און דערלאַנגט אין האָל, גענומען אַראָפּנידערן, שטיל און איינציק-ווייז, אַ פּאָר צענדליק זקנים און זקנות און זיך אַרומגעזעצט, אַרום די וואַרטנדיקע טישן, — ביי איינעם די פרויען און ביי דעם צווייטן די מענער.

די זקנים און זקנות זיינען געזעסן, אַרום די טישן, שווייגנדיקע, נישט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט איינער צו דעם אַנדערן, אָפּ-וואַרטנדיק מיט ערפורכט די געהויבענע געסט, וואָס דאַרפן באַלד אָנקומען, צו פּראַווען צוזאַמען מיט זיי דעם צווייטן סדר.

פאַר די געסט איז געשטאַנען אָנגעגרייט אַ קלענערער טיש, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ צווישן די צוויי גרויסע, וועלכע זיינען געווען אויסגעשטעלט אין דער לענג פון די ווענט און האָט זיך געגרויסט מיט זיין אויבנאָנישקייט.

אינמיטן פון דעם מענער-טיש איז געזעסן דער ווינער, אברהם וויינערמאַן. פון זיין פּנים האָט עס אַראָפּגעלויכטן מיט יחוס פון דורות און באַצירט איז עס געווען, מיט אַ קליין, אַריסטאָקראַטיש בערדל.

מיט זיין צעוואַקסענעם און שטאַלטנעם גוף, מיט דער באַזונ-דערער חשיבות, וואָס זיין פיגור האָט אָנגענומען, האָט ער אויס-געזען, נאָך העכער ווי ער איז געווען, און האָט זיך קענטלעך אויסגעטיילט צווישן די אַרומיקע. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ ריז, וועלכן מען האָט אַוועקגעזעצט אינדערמיט פון קאַרליקעס.

איין זאַך האָט נאָר צעשטערט דעם ווינערס מאַיעסטעטישקייט.

ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומצאַנקען, אין איין אַרומקריגן, מיט זיך אַליין.

אָט דוכט זיך שאָקלט ער מיט זיין קורצן בערדעלע אויף אַראָפּ: „יאָ, יאָ! פאַרוואָס ניט? — יאָ!" —און באַלד האָט ער שוין חרטה און מיט זיין גאַנצן קאָפּ און פנים טענהט ער, הין און צוריק: „ניין, ניין! פע, עס איז ניט דאָס, נישט דאָס! ניין!" — און אָט האָט ער שוין ווידער חרטה און בויגט שוין אויף אַראָפּ דעם קאָפּ: „נו, וואָס קען מען מאַכן? זאָל שוין זיין יאָ, זאָל זיין יאָ!"

נאָך אַזאַ אַרומצאַנקען מיט זיך אַליין און נאָך זיין לעצטן „יאָ", באַרואיקט ער זיך אויף אַ גוטער ווילע און נעמט נאָכאַמאָל אָן זיין הדרת-פּנימדיקייט, ביז וואַנען ער דערמאָנט זיך אָן עפּעס, וואָס שטויסט אים ווייטער צו פירן אַ מחלוקת מיט זיך אַליין און ער הויבט שוין אָן מיטן וואַקלען זיך צווישן יאָ און ניין און יאָ.

מערסטנס קומט פאָר ביי אים די קריגעריי מיט זיך אַליין, ווען ער איז אויפגערעגט, אָדער אין כעס.

דאָס מאָל, די נאַכט פון צווייטן סדר, איז ער באַזונדער אומרו־איק. ער געפינט זיך אין אַ מצב פון דערוואַרטונג.

נעכטן האָט ער, דאָ, אין מושב-זקנים, אָפּגעריכט דעם סדר, און היינט, שפּירט ער פאָר, שטייט פאָר אים, דאָס אָפּריכטן פון סדר, אין קאָן. עס גייט אים דאָ ניט אַזוי אין דעם אָפּריכטן פון סדר, אין דעם כבוד, ניין!

נעכטן ביים פּראַוועןן דעם סדר, האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז ער איז נאָך ער, אברהם וויינערמאַן. עס האָט זיך אים אויסגע־דוכט, אַז דאָס געפינט ער זיך אין זיין ווין, אין זיין רחבותדיקן, רייכן הויז, אַרומגערינגלט פון משפּחה, געסט און די יידישע אָנגעשטעלטע פון זיין וואַרען-הויז. און איצט פילט ער זיך צוריק, ווי אַ פּשוטער, אַלטער קבצן, ביי קהל אויף קעסט און גענאָד...

אַ חוץ וויינערמאַנען, האָבן זיך, פון צווישן די מענער, אויסגע־טיילט נאָך אַ פּאָר זקנים, וואָס זיינען געזעסן ביי ביידע ברעגן פון טיש.

ביי איין ברעג טיש איז געזעסן פעליפּע ציגעלמאַן, וואָס איז אַמאָל געווען אַ רייכער מעבל-סוחר און האָט דאַן געהייסן דאָן פעליפּע.

פון דעם גאַנצן דאָן פעליפע, איז היינט נאָר פאַרבליבן, דאָס פייערלעכע אָנטאָן זיינס, וואָס טיילט אים נאָך איצט אויס צווישן אַנדערע — אַ שוואַרצער אַנצוג מיט אַ לענגלעכן ראָק און אַ ריין־ווייס העמד מיט בלאַנק־קלאָרע מאַנזשעטן און קראַגן — אין וואָס ער גייט תּמיד אָנגעטאָן. און פון זיין רייכקייט איז אים פאַרבליבן, אַ וויזיט־קאַרטל, וואָס ער האָט געלאָזט אָפּדרוקן מיט 50 יאָר צוריק, וואו עס זאָגט זיך בפירוש: „פעליפע ציגעלמאַן", פּרעסידענטע דע לאַ סאָסיעדאַד פילהאַרמאָניקאַ" (פּרעזידענט פון דער פילהאַרמאָנישער געזעלשאַפט), אַ בילד, וואו ער שטייט אַראָפּגענומען אין אַ פוטער־נעם מאַנטל, מיט אַ שיינעם קאָלנער אַרום האַלדז, אַ פּאָר גילדענע פּענסנע אויף דער נאָז, אַ צילינדער־הוט אויפן קאָפּ און אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, אַ פאָטאָגראַפיע, וואו ער זיצט מיט אַ זיידענעם האַלב־טליתל אויפן אַקסל, אַרומגערינגלט מיט מתפּללים, אַלס אָנ־דענק פון דעם ערשטן מנין, וואָס ער האָט געשאַפן אין דער שטאָט אַגאַסטינאַ און נאָך אַ סך פאָטאָגראַפיעס פון דעם מין.

אָט די אַלע קאַרטלעך, פאָטאָגראַפיעס און אַנדערע דאָקומענטן פון „אַמאָל", האַלט פעליפע ציגעלמאַן זאָרגפעלטיק און טייער באַ־האַלטן אין אַ גרויסן טאַש, אַרומגעשטייפט מיט אַ גומעלאַסטיק, טיף אין זיין בוזים־קעשענע און שיידט זיך פון זיי קיינמאָל ניט.

זיצט ער, דאָ, פעליפע ציגעלמאַן, אויך אַן אומרואיקער און טאַפּט אַלע ווײַלע זיין אוצר, דעם טאַש. זיין רויט־עפּל־פּנים, איז צעקנייטשט און קלענער געוואָרן, זיין אָנגעזשענע נאָז איז אויסגעוואַקסן און פון ביידע זייטן נאָז, לויפן ביי אים אַרום די קורצזיכטיקע אויגעלעך זיינע און פרעגן: „איז דאָס טאַקע אַ זיכערע זאַך, אַז דאָס מושב־זקנים, אָדער דאָס קען נאָך אַמאָל אונטערגיין, ווי אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען שוין אונטערגעגאַנגען אין דעם דאָזיקן אַגאַסטינאַס און איך וועל בלייבן אַרויסגעוואָרפן אין גאַס און ניט האָבן וואו אוועקצולייגן די אַלטע ביינער פון דעם אַמאָליקן דאָן פעליפע?"

ביי דעם אַנדערן ברעג טיש, זיצט שלמה טאָקערמאַן. ער איז אַ זעקס און ניינציקער, אָט דער טאָקערמאַן, און זעט זיך אָן מיט זיין גערעטן־צעוואַקסענער באָרד, פון וועלכער עס גלאַנצן אַרויס אַ פּאָר אויגעלעך, וועלכע טליען מיט אַ פייערל, וואָס וויל זיך ניט אויסלעשן.

אין די דאַזיקע אויגעלעך איז היינט פאַרטייעט אַ האָפענונג. ער האָפט,דער אַלטער, אַז היינט וועט מען אים מכבד זיין מיטן פּראַווען דעם סדר.

— „וואו איז עפּעס דרך־ארץ פאַר מיינע יאָרן?״ — טראַכט ער — „ער וועט זיי באַווייזן די שנעקעס, וואָס הייסט פּראַווען אַ סדר, מיטן טראָפּ, מיטן ניגון, מיטן נוסח, און פאַרוואָס טאַקע ניט מיטן גאַנצן דקדוק?!״

איבערהויפּט וויל ער זיך אָפּרעכענען מיט אָט דעם ווינער, דעם גדלן, דעם בעל־גאווהניק, וואָס מיינט, אַז נאָר ער איז דאָס דער איינציקער יודע־ספר אין דער גאַנצער וועלט.

עס זיינען אָנגעקומען די געסט, די גאַנצע קאָמיסיאָן פון מושב־זקנים און אַ סך פאַרבעטענע, חשובע באַלעבאַטים פון שטאָט, מיט זייערע ווייבער, און פאַרנומען דעם אויבנאָן.

פּראַווען דעם סדר, האָט אָנגעהויבן איינער פון די געסט, מיט זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט און זיכערקייט, אַז דאָס קומט אים, אַז אַזוי דאַרף דאָס זיין און ניט אַנדערש.

די מענער האָבן אַרויסגעזאָגט און אַרויסגעזונגען פון די הגדות. טאַקערמאַן האָט זיך שנעל אונטערגעגעבן דעם גורל זיינעם:

— „מילא ניט באַשערט״ — און האָט זיך באַנוגנט מיט אַריבער־זינגען דעם סדר־אָפּריכטער, באַטאָנענדיק דערביי די עברי, ווי אַזוי זי באַדאַרף געזאָגט צו ווערן. אָבער אברהם וויינערמאַן איז געזעסן, ווי אויף שפּילקעס. עס האָט אים פון אָרט געהויבן. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומרייסן מיט זיך. ער האָט ניט געקענט מסכים זיין מיט זיין מצב.

די שרייענדיקע עברי־זאָגעריי, די ווערטער ביי דעם סדר־אָפּריכ־טער, האָבן אים געקלונגען אין די אויערן, ווי דאָס קלאַפּן און סקריפּען פון אַ לויפנדיקן, נישט אויסגעשמירטן וואָגן, איבער אַ נישט גלייכן, שטיינערנעם ברוק. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָס וואַרפט ער ניט אַרויס קיין ווערטער פון מויל, נאָר הייסע, ברענענ־דיקע קוילן, וואָס טרעפן פּונקט אַריין אין אים און ער האָט זיך געהאַלטן אין איין ראַנגלען מיט זיך, אויף שנעל־שנעל:

— נו, גוט! זאָל שוין זיין יאָ!, יאָ, יאָ!

באַלד האָט ער חרטה געקראָגן און גענומען טרייסלען, כסדר,

היין און צוריק, מיטן קאָפּ: „ניין, ניין! בשום־אופן ניט! פע! אַז עס האָט דאָך גאָר קיין יידישן טעם ניט! ניין, און ניין! און אָט האָט ער שוין ווידער נאָכגעגעבן: „נו, וואָס קען מען העלפן! זאָל שוין זיין אַז יאָ, טאָ מאַך זשע דאָס שנעלער. יאָ, יאָ, שנעלער, שנעלער!"

די ווייבער האָבן, ביים זאָגן די הגדה, טיפער אַראָפּגערוקט די טיכלעך און שאַליקלעך איבער די שטערנס. אַנדערע מחמת פרום־קייט און טייל, כדי צו באַהאַלטן די פּנימער פאַר בושה, וואָס מען איז זיי געקומען, אָנקוקן, ווי אויפן בייזן וואונדער.

עס זיינען געווען זקנות, וואָס האָבן צווישן די געסט געזען אַזעלכע, וועמען זייערע מענער האָבן געהאָלפן ביים אָנקומען אין לאַנד.

אַנדערע פרויען זיינען געזעסן פאַרטוועגע אין מחשבות. זיי האָבן זיך דערמאָנט אין די גרויסאַרטיקע סדרים, וואָס זיי האָבן געפּראַוועט אין זייערע רייכע היימען, פון וועלכע זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן.

פאַר זייערע אויגן האָבן געשוועבט די געשטאַלטן פון זייערע ליבע און נאָענטע, וואָס זיינען לעבעדיקער און טויטערהייט צע־שפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט.

די גליקלעכע צווישן זיי, די וואָס האָבן ביי דעם אַנטקעגנדיקן טיש געהאַט זייערע מענער, האָבן מיט שטאָלץ צו זיי אַריבערגע־קוקט פון אונטער די טיכלעך און זיך דערמאָנט, ווי זיי, די מענער זייערע, האָבן אַליין געפּראַוועט די סדרים ביי זייערע טישן און האָבן געטראַכט: „אָ, ווען איר לאָזט צו מיינעם צום פּסוק, וואָלט איר געזען, וואָס עס הייסט פּראַווען אַ סדר!"

צום „שולחן־ערוך", האָט מען, ווי דער מנהג איז, פאַרן סערווירן די פיש, פאַרבראַקט עטלעכע אייער אין זאַלץ־וואַסער און דאָס דער־לאַנגט נאָר צו די, וואָס זיינען געזעסן ביי דעם אויבנאָן־טיש.

דאָס האָט שוין דער ווינער מער ניט געקענט אויסהאַלטן און האָט גענומען קלאַפּן אין טיש מיטן גאַנצן כח און שרייען אויפן קול:

— „אָן איי וואו איז? — איך וויל אָן איי! אָן איי זאָל מיר שוין ווערן, אָן איי, אָן איי!"

עס איז געוואָרן שאַ־שטיל. אַלע אויגן האָבן זיך אָנגעהאָנגען

אַן דעם ווינער און האָבן געקוקט אויף אים מיט פּחד און דרך־ארץ.
די סאַרוווערין איז גיך־גיך געלאָפן אין קיך אַריין, ברענגען אַן אײ פֿאַר אים, ווי אויפֿן באַפֿעל פֿון אַ באַלעבאָס.

ווײנערמאַן איז געבליבן זיצן אַן אויסגעשעפּטער און האָט זיך מיט זיך אַליין גענומען אויסטענהן. דאָ האָט ער מיטן בערדעלע באַשטעטיקט, אַז גוט אַזוי. גוט האָט ער געטאָן, וואָס ער האָט זײ דרך־ארץ געלערנט .יאָ, יאָ, יאָ. גוט אַזוי! דאָ האָט ער אָבער גלײך חרטה געקראָגן און הין און צוריק געוואָרפֿן מיטן קאָפּ: „פֿע, פֿע, פֿע! מיט וועמען פֿאַרהערסטו זיך? מיט וועמען? ניין, ניין, ניין! נישט באַדאַרפֿט!” און נאָכדעם ווידעראַמאָל! „יאָ, יאָ! זאָלן זײ וויסן! זאָלן זײ וויסן, אַז דער אַנדערער איז אויך אַ מענטש. יאָ, יאָ, יאָ, אויך אַ מענטש! אויך אַ מענטש! אויך אַ מענטש!”

.1956

דער טערק אין „אָלימפּיאַ" *)

סאַלים מאַכלוף, שפּאַנט אַרום, הין און צוריק, איבער זיין שמאָלער קלייט, — וואָס זעט אויס, ווי אַ לאַנגער, טונקעלער קאָררעדאָר, — ווי אַ געפאַנגענער טיגער אין זיין שטייג.

זיין פּנים איז רויט צעצונדן. די צעפּלאָמטקייט פון זיין געזיכט, פאַרציט זיך אים, ביז אין דער טיף פון זיין קאַרק אַראָפּ, און ביז צו דעם פאַדקעוואַטן פליך אַרויף, — פון וואַנען ער פאַרגייט אין אַ בלייך־ראָזן אָפּשיין. זיינע אויגן מאַכן־מיט דעם געלאַף פון זיינע פּיס, — בייטנדיק זייער גרויס, צינדנדיק זיך און לעשנדיק זיך.

ביי דער טיר, וואָס איז אָפן, צו דער וועלט, דער פרייער, פאַר־האַלט ער אָפּט זיין געלאַף און בלייבט שטיין.

דאָס שטעלט ער זיך אָפּ, ניט ווייל ער טראַכט ערגעץ צו אַנט־לויפן, נאָר כדי צו זען, וואָס עס טוט זיך אין דעם דערבייאיקן לאַגער־געשעפט פון איבראַהים האַלאַבי.

און אַז ער זעט, ווי שווערע לאַסט־אויטאָס, לאָדן אָפּ גאַנצע

---

*) טערק מיינט אַראַבער — „אָלימפּיאַ" — אַ קאַפע־הויז, וואו סערווירנדיק זיך, זעט מען קינאָ־בילדער.

בערג מיט סחורה פּאַר האַלאַבין און ווי האַלאַבים קונים פֿאָרן אָפּ מיט פול־געפּאַקטע אויטאָס, זעצט ער פּאָר, מאַכלוף, מיט מער אימ־פּעט נאָך, זיין אַרומלויפן איבערן שמאָלן געשעפט, — ווי אַ געבי־סענער פון אַ שלאַנג.

ווי שנעל סאַלים זאָל ניט אַרומלויפן, קען ער אַלץ, מיט זיינע טריט, ניט דעריאָגן דעם לויף פון זיינע געדאַנקען, וואָס דרייען זיך אַרום אין זיין מח און שטויסן זיך דאָרטן.

אָט דער איבראַהים האַלאַבי, דער באַלעבאָס פון דעם דער־בייאיקן ברייטן און גרויסן געשעפט — מיטן אויג ניט צו פאַרנע־מען — וואָס זיצט דאָרטן, ערגעץ אין דער טיף, אין זיין אָפּיס, מיט האַלבע ווענט, פון ניט דורכזיכטיקן גלאָז אַרומגעצאַמט, וואו ער נעמט אויף די פאַבריקאַנטן, די רייזנדער און גרויסע קונים, — איז דאָך דאָס זיין געוועזענער שותף.

צוזאַמען זיינען זיי דאָס אַהער געקומען, פון ערגעץ אַן אַראַ־בישן דאָרף, פאַרהונגערטע, האַלב־נאַקעטע און באָרוועסע. צוזאַמען האָבן זיי דאָ געוואַנדערט, איבער דער ברייט און לענג פון לאַנד, אָנגעלאָדענע מיט שווערע פּעק אויף זייערע פּלייצעס און צוזאַמען האָבן זיי דאָס אַרויפגעאַרבעט די גרויסע „טיענדאַ" (שניט־קראָם), אין זידן.

און אַז די שותּפים זיינען געקומען צו אַ גרעסערן קאַפּיטאַל, האָבן זיי זיך צעטיילט, און זיך פאַרנומען אויף באַזונדערע וועגן.

מאַכלוף איז דאָס געווען דער, וואָס האָט פאַרלאַנגט די חלוקה. עפּעס האָט אים ערגעץ־וואו געצויגן. עס האָט אים געהויבן פון אָרט, געטריבן פון דער פּראָווינץ. עס האָט אים עפּעס געצויגן ווייט־ווייט. ער האָט זיך געפילט, ווי ער וואָלט פליגלען באַקומען און געוואָלט דערגרייכן אַלץ העכער און העכער.

ער איז דאָס געווען דער, וואָס האָט געוואָלט איבערקליגלען זיין געוועזענעם שותּף, דעם איינגעזעסענעם האַלאַבין. ער האָט אים געוואָלט איבערבריהן און באַווייזן, וואָס ער קען.

און איצט, אַז מאַכלוף האָט פאַרלאָרן זיין גאַנצן קאַפּיטאַל, אין אימפּאָרט־און עקספּאָרט־געשעפטן, האָט ער קוים מיט צרות אָפּגע־זוכט דעם דאָזיקן קאָרעדאָר — איבערגעמאַכט פון אַ געוועזענעם אָריינגאַנג צו אַ פּריוואַטער הויז — וואָס גרעניצט זיך מיט האַלאַ־

בים גרויסן לאַגער, און ער האָט זיך דאָ אויך אָװעקגעשטעלט מיט דער זעלבער סחורה — אַ לאַגער פון סאַראַטע.

לויפט ער דאָס אַזוי אַרום, מאַכלוף, איבער זיין שמאָלן קאָרע־דאָר, ווי ער וואָלט מיט זיין לויפן, הין און צוריק, וועלן דעריאָגן זיין געוועזענעם שותף. — עס גייט אים אין לעבן, צו דעריאָגן האַלאַבין.

דאָס לויפט ער אויך אַזוי אַרום, פאַרשטייט זיך, אין דערוואַר־טונג פון אַ קונה — אין דער דערוואַרטונג פון דעם קונה, סאַלאַמאָן בערקאָוויטש.

און אַז דער קונה באַווייזט זיך ניט אַזוי שנעל, ווערט מאַכלוף אומגעדולטיק. פון אומגעדולט צינדט זיך זיין פּנים. די אויגן שטאַרצן אים אַרויס, ווי אַרויסצושפּרינגען — און אינגאַנצן זעט ער אויס, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט ראַטעווען פון עפּעס אַ סכנה.

די לופט ווערט אים דאָן ענג. דער ריח פון סאַראַטע איבלט אים, דריקט אים אין האַלדז, דערשטיקט צו ווערן, און די קאָלירן, די געמעלן, פון איבער דער סאַראַטע, גיסן זיך צוזאַמען אין איין משונהדיקן אויסגוס, וואָס בלענדט אים די ראיה.

*

* *

שלמה בערקאָוויטש, געפינט זיך אינגאַנצן אַ פּאָר יאָר אין לאַנד. די ערשטע צוויי יאָר האָט ער געטאָן כל־עבודת־פּרך, אַבי זיך ניט צו נעמען צום „פּעקל" (הויזירן).

אין „פּעקל" האָט ער געזען אַ משא, וואָס דערנידעריקט, — אַ באַרג, וואָס דריקט אַראָפּ און צעפּלעטשט דעם מענטשן, — ני־דערט אים אַראָפּ ביז צו דער ערד און צעשטויבט אים.

ניט דער רייץ פון דער רייכקייט, וואָס ער האָט געזען ביי זיינע לאַנדסלייט, ניט דער הונגער, וואָס האָט אים און זיין פרוי געקוואָלן, האָבן אין זיינע אויגן לייכטער געמאַכט די משא פון דעם „פּעקל".

נאָר, ווען זיין יונג ווייבל, האָט דער וועלט געגומען באַווייזן דעם אָנקום פון אַ נייען דור און פון אירע פייכטע אויגן, האָט שטום אַרויסגעגלאַנצט דער הונגער פון אַ מאַמען, אַ שפּייזעריין... — האָט

זיך שלמה אונטערגעגעבן און אונטערגעשטעלט זיין פּלייצע, אונ־טער דער שווערער משא פון „פּעקל״.

אָבער ערשט דאַן, ווען שלמה האָט געוואָלט געבן אַ פּלייצע צום „פּעקל״, האָט זיך דאָס „פּעקל״ פון אים אָפּגעקערט.

די הורטאָווניקעס האָבן שלמהן קיין „פּעקל״ ניט געוואָלט געבן, — אָט טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט דעם „פּעקל״ ניט געוואָלט נעמען. זיי האָבן אים ניט געוואָלט געטרויען, דעם „מפונק״. אַזאַ איינער, וואָס האָט ניט ליב די מלאכה, וועט זיך ניט אויסטויגן.

שלמה האָט זיך שווער געראַנגלט אין זיין מסחר. ער האָט געמוזט האַנדלען מיט די ביליקסטע אַרטיקלען, מיט וואָס נאָר עס לאָזט זיך, מיט בילדער און מיט „געטער״, מיט פּאַרטעכער און אַבע־ראָלן און אויך מיט סאַראַטע, — אבי אַ לעבן צו מאַכן.

ווי נאָר שלמה פלעגט איבערטרעטן מאַכלופס שוועל, פלעגט ער, מאַכלוף, זיך אינגאַנצן אומבייטן, — ווערן אַן אַנדערער. יעדן טאָג פלעגט ער אויף אים וואַרטן, ווי אויף משיחן. ער האָט גע־גלויבט, באמונה שלמה, אַז דער יאַהוד, סאַלאַמאָן, ברענגט אים דעם מזל. מאַכלוף פלעגט לויפן, אַנטקעגן שלמהן, זיך רייבן די הענט פון צופרידנקייט. אין די אויגן פלעגט אים ליכטיקער ווערן. די בלומען אויף דער סאַראַטע, פלעגן, ווי לעבעדיקע אויפבליען. דער שטענדיק איבלדיקער ריח פון דער סאַראַטע, פלעגט אים, דאַן, אָנהויבן צו שמעקן, ווי דער דופט פון די אויפגעבליטע בלומען. מאַכלוף פלעגט אַרומשמייען אַרום שלמהן, ווי אַנטקעגן זיין רעטער, און פלעגט אים האַלטן אין איין רופן: „מיכיטאַ״ (מיין קינד, מיין קינד).

צווישן מאַכלופן און שלמהן, האָט עפּעס געהערשט, ווי אַ מין קעגנזייטיקע באַגייסטערונג פון איינעם צום אַנדערן.

מאַכלוף פלעגט זיך באַגייסטערן פון דעם גלויבן, אַז ווי באַלד דער יאַהוד סאַלאַמאָן באַווייזט זיך נאָר ביי אים אין געשעפט, גייט אים שוין אַוועק גוט — און שלמה פלעגט זיך באַגייסטערן פון מאַכלופס מענטשלעכער האַלטונג צו אים, פון זיין ליבלעכער באַ־האַנדלונג, פון דעם צוטרוי, וואָס ער האָט אים געשאָנקען און צו־

געבאָרגט אַ ביסל סחורה, אַ זאַך, וואָס זיינע יידישע לאַנדסלייט האָבן דאָס ניט געטאָן.

אַ גאַנצע וואָך האַלט זיך סאַלים מאַכלוף אין איין יאָגן נאָך זיין פאַרלוירענעם גליק. ער איז זייער טרוד, מאַכלוף, — ער האָט אַ סך, וואָס צו טאָן. פריער פאַר אַלץ דאַרף ער צוריקגעווינען זיין פאַרלאָרענעם פאַרמעגן, זיין קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט אָנגעוואָרן, ביים אימפּאָרט און עקספּאָרט. נאָכדעם דאַרף ער דעריאָגן זיין געוועזענעם שותף, האַלאַבין, — און ערשט דערנאָך דאַרף ער אים אַריבעריאָגן. —ער מוז דאָס.

איז ער שטאַרק פאַרנומען מיט אַרבעט, מאַכלוף. פון גאַנץ איינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט, היט ער אָפּ דעם געשעפט, מיט ליבשאַפט און געטריישאַפט. מיט אַ פלאַש מילך און ברויט קומט ער אָפּ דעם גאַנצן טאָג.

וואָס מערער און בעסער ער אַרבעט, אַלץ גיכער וועט ער אָנקומען צו זיין ציל. ער ווייסט דאָס, מאַכלוף, און האַלט זיך דאָס אין איין איינחזרן, יעדן טאָג פון גאָט.

נאָר איין טאָג אין וואָך, באַפרייט זיך סאַלים מאַכלוף פון דעם שטענדיקן געיעג, — זונטיק.

גאַנץ פרי, ווי ער שטייט נאָר אויף פון שלאָף, לאָזט ער זיך, בכבודו ובעצמו, אַוועק, מיט דעם גאַנצן ערנסט, אויפן מאַרק, איינצוהאַנדלען אַ בעסערן ביסן, לכבוד זונטיק. נאָכדעם נעמט ער אַ שוויץ-באָד. נאָך מיטאָג שלאָפט ער אַ לאַנגע „סיעסטע" (נאָכמיטאָג-שלאָף) און פאַרנאַכט-צו גייט ער פראַווען „אָנסע" (אַ נאָכמיטאָג-טיי) מיט זיין זעקס-יעריקן בן-יחידל, אין „אָלימפּיאַ".

אין „אָלימפּיאַ", גייט מאַכלוף אַריין, ווען די זון שיינט נאָך מיט איר גאַנצער קראַפט און רייפקייט, און בלייבן, בלייבט ער דאָרטן, ביז ביינאַכט, ביז מען פאַרענדיקט מיטן לעצטן בילד פון פּראָגראַם.

פאַרן אַהיים גיין, זעט מאַכלוף אויס, ווי אַ ייד, שבת, בין-השמשות, ווען עס איז זייער שווער זיך צו שיידן מיטן שבת-קודש.

מאַכלוף איז אינגאַנצן אַריינגעטאָן, דאַן, אין זיך. ער קוקט זיך

אויף קיינעם ניט אום. ער באַמערקט אפילו דאָרט ניט זיין פריינט, סאַלאַמאָן. אויף זיין פּנים באַווייזט זיך שוין אַן אָנגעשטרענגטקייט, אַ צעספּוזשעטקייט, אַ מורא פאַר דעם אָנקום פון דעם שווערן גע־יעג. ער שטעלט אַוועק, פאַרן אַהיים גיין, זיין בן־יחידל, אויף אַ שטול, טוט אים אָן דאָס מאַנטעלע, פאַרריכט עס אויף זיין קערפּערל, איינמאָל און נאָכאַמאָל, וויקלט אים איין שאַליקל, טוליעט אים צו זיך, גלעט אים די בעקעלעך. גלעט זיי איינמאָל און נאָכאַמאָל, ווי ער וואָלט, מיטן גלעטן זיי, די בעקעלעך, געוואָלט אָפּווישן די זאָרג־קנייטשן פון זיינע אייגענע באַקן.

ער קוקט טיף אַריין אין דעם קינדס אומשולדיקע אויגעלעך, ווי ער וואָלט דאָרטן זוכן אַ טרייסט פאַר דעם פאַרלוירענעם טאָג — און אַ הילף פאַר די קומענדיקע טעג...

1955.

ער איז מער נישט געלאָפן

קורט בראַון איז פון קינדוויז אָן געווען אַ שטיק קוועקזילבער. ער גייט, דוכט זיך, ביי דער זייט פון טאַטע־מאַע און אָט איז ער שוין העט ווייט און מען דאַרף זיך נאָך אים נאָכיאָגן.

„ער זיצט ניט איין קיין מינוט, נאָר אַ רוח זיצט אין דעם קינד” — פלעגן טאַטע־מאַמע האַלטן אין איין זאָגן.

עס איז נאָר אַ חדוש פון וואַנען זיין טאַטע האָט גענומען כח אים צוצושמידן צו זיין שניידערישן וואַרשטאַט. סיידן זכות־אבות איז אים ביי געשטאַנען, דער זכות פון דער בכבודיקער, שניידערי־שער משפחה, וואָס ציט איר יחוס פון ווייטע דורות אָן.

ער האָט אָבער זיין אומרו אויסגעלעבט אין דער מלאכה. זיין האַנט האָט זיך אַזוי שנעל באַוואויגן ביים נייען מיטן נאָדל־פאָדים, אַז מען האָט זי קוים באַמערקט און האָט ער נאָר אַרויפגעשטעלט זיין פוס אויף דער ניי־מאַשין האָט זי זיך צעלאָזן, ווי אין אַ מזמור און זיך צעגאָסן אין אַ מאָנאָטאָנעם געזאַנג.

אַז ער האָט נאָר פאַרענדיקט זיין אַרבעט איז ער שוין געלאָפן: אויף פאַרזאַמלונגען, אין פאַריין און אויף דעמאָנסטראַציעס. און אַז עס האָט זיך נאָר געהאַנדלט וועגן גיין וואו, איז ער תמיד געווען

דער ערשטער. עס האָט אים ניט געאַרט וואוהין — אבי גיין. און ניט נאָר איז ער געגאַנגען — נאָר געלאָפן.

אויף אַ דעמאָנסטראַציע האָט איר אים, קורטן, געקענט זען אין די ערשטע רייען. ער האָט מיט זיין לויפן פאָרויס, מיט אויפגעהויבענע הענט, צום הימל, נאָכגעצויגן נאָך זיך מאַסן גלייכגילטיקע, וואָס זיינען פון אים אָנגעשטעקט געוואָרן און מיטגעלאָפן.

אַזוי איז קורט אָפּגעלאָפן זיינע עטלעכע יונגע יאָרן, ביז ער האָט געדאַרפט **אַנטלויפן**. — אַנטלויפן פון דער נייער דייטשלאַנד, וואָס האָט ניט געדאַרפט האָבן ביי זיך אַזעלכע לויפערס...

אַנטלאָפן איז ער אין דעם וייטן טשילע, וואָס ער האָט אויסגעקליבן. אויסגעקליבן? ניין. אַהין האָט ער געקענט אַנטלויפן. דאָרטן האָט ער דערזען פאַר זיך אַן אָפענעם שפּעלטעלע, דורכצודרינגען, און אַהין איז ער געלאָפן.

געלאָפן איז ער צום באַן, געלאָפן איז ער צום שיף און אַרומגעלאָפן איז ער אויך אינעווייניק, אין שיף. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אַרומלויפנדיק אַזוי, הין און צוריק, אין שיף, וועט ער גיכער אָנקומען צו דעם געגאַרטן ברעג.

אין טשילע האָט דער אָרימער, עלנטער שניידער־יונג ערשט גענומען לויפן.

ער האָט זיך גענומען צום האַנדל. ער האָט פאַרקויפט קראַוואַטן, זאָקן, סקאַרפּעטן, טיכלעך און אַנדערע קלייניקייטן. ער איז אַרומגעלאָפן פון איין ביוראָ צו דער אַנדערער און פאָרגעלייגט זיין סחורה.

זיינע בונטע קראַוואַטן, די זאָקן און די איבעריקע זאַכן, זיינען געווען פון דעם זעלבן ביליקן סאָרט, ווי די וואָס עס האָבן אַרומגעטראָגן די איבעריקע פאַרקויפער. ער, קורט, אָבער, האָט זיי אויסגעלייגט אין עלעגאַנטע שאַכטלעך און זיי ניט געטראָגן אין צעוואָרפענע בינטלעך, אין די הענט, ווי די אָסט־יודן, און טאַקע געהאַט דערפאָלג אין זיין מסחר.

אַ חוץ דעם, ווער האָט דען אַזוי געקענט לויפן ווי ער?!

ווי אַ ווינט האָט ער זיך אַרומגעטראָגן איבער די סאַנטיאַגער גאַסן, מיט אַ בלייכן פּנים און מיט אויגן, וואָס באַלייכטן אים ווייט דעם וועג.

פאַר זיינע אויגן האָט ער שטענדיק געהאַט די היים, געזען ווי זי ברענט, ווי זי ווערט אַרומגענומען מיט פלאַמען און ווי זיין טאַטע-מאַמע, זיין איינציקע שוועסטער, ציען זיך צו אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט — און ער איז אַלץ געלאָפן און געלאָפן.

ער איז געלאָפן, כדי צו פאַרדינען אויפן לעבן און כדי צו קענען אַראָפּברענגען זיין משפחה. ער איז געלאָפן פון איין מלוכה אַנשטאָלט צו דעם אַנדערן, כדי אויסצופועלן, אַז עס זאָל זיך עפענען כאָטש אַ קליינינקע שפּאַרונעלע, וואָס זאָל אַריינגעמען אַן אָרימן, אויסגעמאַטערטן, יידישן שניידער מיט זיין ווייב און טאָכטער.

און אַז ער האָט שוין לעבן זיך געהאַט זיין טאַטע-מאַמע און שוועסטער, האָט ער געטאַנצט אַרום זיי, געזונגען אַ יידישע לידל, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט אין טעאַטער און זיך מיט זיי אַלע ווײַלע געקושט.

אָפּגעקושט זיך, אָפּגעפרייט זיך, אָפּגעטאַנצט — האָט קורט ווידער גענומען לויפן — אַ נעסט פאַרלייגט און צונויפגעבראַכט אַלץ אין נעסט אַריין.

לאַנג רוען האָט קורט ניט געקענט .
איצט האָט ער וועגן זיך אַליין גענומען זאָרגן.
די יאָרן האָבן דערווייל דאָס זייעריקע געטאָן.
לויפנדיק אַזוי איבער דער וועלט, האָט ער די האָר פון קאָפּ

פאַרלוירן. דער שפּיגל האָט אים יעדן טאָג באַוויזן די נאַקעטקייט פון קאָפּ.

קורט האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט פון לויפן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי אַ שרייב-מאַשין, האָט אָנגעשריבן אין אַ שיינעם דייטש, עטלעכע בריוו, מיט אַן אָנבאָט צו הייראַטן אַ יידישע פרייַלין, וואָס וויל קומען קיין טשילע און זיי צעשיקט צו די יידישע צייטונגען, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אין דייטשלאַנד.

אינגיכן האָט קורט באַקומען גאַנצע פּעק מיט ענטפערס און בילדער. פון אַ גאַנצן פּאַק בילדער, איז זיין אויג געפאַלן אויף ראָזאַ לאַנדאַו.

איר פּנים אַזאַ גוטער. אויגן, וואָס גלעטן. און דערצו אַזוי פיל חן!

חוץ דעם, איז אים נאָך געפעלן געוואָרן איר באַשעפטיקונג — אַ סעקרעטאַרשע אין דער ביוראָ פון אַ ראַבינער.

„אַן אמתע רבצין”, האָט ער אויסגעשריִען מיט עקסטאַז, אַנ־קוקנדיק נאָכאַמאָל איר בילד. „זי מוז זיין אַן אָנשטענדיקע מיידל. ניט אומזיסט אַרבעט זי אַלס סעקרעטאַרין ביי אַ ראַבינער” — און דער אויסוואַל איז געפאַלן אויף איר.

איין חסרון האָט ער נאָר געפונען ביי דער ראָזאַ. זי שרייבט אים אין אירע פּערסאָנאַליען, אַז זי מעסט איין מעטער פּופציק.

אַ גאַנצע וואָך איז קורט אַרומגעלאָפן פון איין פריינט צום צווייטן, דערציילט זיין נייען גליק און אויך שטיל צוגעגעבן מיט אַ ביסל טרויער אין דער שטימע: „אַבער זי האָט דאָך נור איין מע־טער פּופציק”.

*

* *

דעם טאָג, וואָס ראָזאַ לאַנדאַו איז אָנגעקומען מיטן שיף קיין וואַלפּאַראַיסאָ, האָט איר קורט ניט געקענט אַנטקעגן פאָרן. ער איז געלעגן קראַנק. דער מאָגן האָט אים לעצטנס אָנגעהויבן צו דאַקוטשען.

באַגעגנט ראָזאַן, האָבן, קורטס אַ פריינט און זיין שוועסטער.

ווי ראָזאַ איז נאָר אַריינגעקומען אין קורטס צימער, האָט זי דאָרטן גלייך אָנגעהויבן צו באַלעבאַטעווען, ווי ביי זיך אין דער היים, ווי זי וואָלט געווען אַן אייגענע אין הויז.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זי קורטן געשטעלט אויף די פיס. זי האָט אים אָפּגעהיט ווי אַ געצערטלט קינד. געמאַכט אים די עסנס, וואָס ער האָט געדאַרפט און צו דערצייט.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, האָט מען געקענט זען, אויף די זוניקע, סאַנטיאַגער גאַסן, אַ געמיטלעך פּאָרל. זיי האָבן זיך ניט אָנגעזע־טיקט צו קוקן איינער אויף דעם אַנדערן.

זייערע בליקן האָבן גערעדט מיט געטריישאַפט און צוזאָג.

זיי זיינען געגאַנגען געלאַסן, מיט געמאָסטענע טריט. אונטער די אָרימס האָבן זיי געטראָגן, יעדער איינער צו קליין פּעקעלע, וואו עס איז געלעגן די סחורה, וואָס זיי האָבן אָנגעבאָטן.

פון צייט צו צייט פלעגט קורט איבעררייסן די שטילקייט און אויספליסטערן מיט עקסטאַז: אַ, ווי שיין, ווי ליב דו בינסט, מיין טייערע רביצן!

זיין פּנים האָט זיך דערביי צעגאָסן אין אַ ברייטן שמייכל, און זיינע גרויסע אויגן האָבן אַרויפגעקוקט מיט דאַנק צו דעם ריינעם, זוניקן הימל.

„רביצן", דאָס איז געווען דער העכסטער לויב און שבח, וואָס קורט האָט געהאַט צו געבן פאַר אַן ערדישער פרוי.

לאַנג האָט איר אָבער ניט געקענט זען גיין דאָס פּאָרל, איבער די סאַנטיאַגער גאַסן. קורט איז מער ניט געגאַנגען.

ער איז פריער צו פיל געלאָפן...

1958.

אַ לויה

דער טאָג איז אויפגעשטאַנען אַן אַנגעכמורעטער אַ ברוגזער, — ווי ניט קיין אויסגעשלאָפענער. פון הימל, האָט די זון אַראָפּגעקוקט, ווי אַ גרויס, רויט אויג, וואָס איז באַצויגן מיט אַ בעלמע.

מיטן אָנקומען פון טאָג, איז איבערן שטאָט, בליץ-שנעל פאַר־שפּרייט געוואָרן די ידיעה, אַז דאָס עלף־יעריקע יינגל פון דאָקטאָר לעווינסקי איז געשטאָרבן.

די דאָזיקע בשורה, האָט די מענטשן, טיף־ ווייטיקדיק אַריינ־געשטאָכן אין האַרצן אַריין. קיינער האָט ניט מצדיק־הדין געווען. קיינער האָט ניט געוואָלט באַרעכטיקן, ניט גאָט און ניט זיין משפּט. אדרבה, די מענטשן האָבן זיך נאָך געבונטעוועט, קעגן גאָט, ווידער־שפּעניקט קעגן אים און געהאַלטן אין איין טענהן: „נו, איז דאָ יושר אויף דער וועלט, איז דאָ גערעכטיקייט? און וואו איז סתם רחמנות? פאַרוואָס קומט עס דווקא די לעווינסקים, אַזעלכע פיינע מענטשן, וואָס טוען נאָר גוטס אויף דער וועלט, אַזאַ שטראָף? פאַר וועלכע זינד?! ווי אַזוי קען דאָס די ערד צודעקן אַזאַ שיינס און געראָטנס?"

דער עולם האָט פאַרפלייצט דאָס הויז פון די לעווינסקיס, אַלע צימערן און קאָרעדאָרן, דאָס פירהויז, די טרעפּ, די גאַס ביים אַריינגאַנג — און גערעדט וועגן אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן אַמאָל און וועגן אַזעלכע, וואָס געפינען זיך איצט אין אַ סך הייזער, ווי זיי וואָלטן מיט דעם, זיך אַליין געוואָלט טרייסטן...

דערווייל האָט זיך דער ים צעכוואַליעט, אַריין אין דער רוגזה, און פאַר כעס גענומען בושעווען. פאַר צאָרן, צו מחמת פאַרדרוס, זיך גענומען שלאָגן אָן ברעג, אָן די האַרטע פעלזן און זיך געריסן, ניט אַנדערש, צו פאַרפלייצן די ערד און אַראָפּשווענקען פון איר אַלץ מיט אָן אַנדער. דאָס אויג אין הימל איז אינגאַנצן בלינד געוואָרן און זיך פאַרדעקט מיט דיקע, טונקל-גרויע שטיקער.

ווי וועלנדיק נאָכגעבן דעם ים, צופרידנשטעלן זיינע קאַפּריזן, האָט דער הימל גענומען פלייצן פון זיך מיט גאַנצע טייכן. די ווינטן האָבן דעם וואַסער אונטערגעכאַפּט אויף זייערע פליגלען, אים געווירבלט אין דער לופט און געשמיסן מיט אים אין אַלץ, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן.

די אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן מלוה געווען דעם יונגן לעווינסקין, האָבן זיך מיט גבורה געעפנט אַ וועג. די אָנפירערס פון די אויטאָמאָבילן, האָבן זיך נערוועז אונטערגעהויבן פון זייערע ערטער און זיך באַמיט צו זען, כאָטש עפּעס, אינמיטן פון דעם געדיכטן מבול.

אַלץ אַרום האָט געוויינט און געגאָסן מיט טייכן טרערן: די דעכער, די שויבן, די טעלעגראַפן-דראָטן, די לאָמטערנעס און די צווייגן פון די ביימער. די לעצטע האָבן נאָך דערביי טרויעריק צוגעשאָקלט מיט זייערע קעפּ...

עס האָט אויסגעזען, אַז פאַר ווייטיק, פון דעם אומקום פון דעם יונגן לעווינסקין, גייט די וועלט זיך אַ מעשה אָנטאָן...

דער טרויער, וואָס איז געהאָנגען איבער דער גאַנצער וועלט, האָט אַ ביסל געשטילט און גרינגער געמאַכט, דעם צער פון די אבלים.

ביים טויער פון דעם גרויסן, שטאָטישן בית-עלם, זיינען די אויטאָמאָבילן שטיין געבליבן אין דרויסן, און די מלווים האָבן דעם מת באַגלייט צופוס.

דער ווינט האָט זיי מיט כח געשטויסן פון הינטן און זיי זיינען

געלאָפן, ווי אויף איבערגעוואַלד געטריבענע, צו באַגיין אַ פּאַר־ברעכן — צו באַגראָבן אַזאַ יונג לעבן אין דער ערד אַריין...

די מענטשן זיינען צוגעקומען צו דעם יידישן מאַוזאָלעאום, וואָס האָט זיך געפונען אַ פּאָר צענדליק טריט אין דער נידער פון אַ הייל.

געבויגענע, האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזן אַהין. דער צודעק פון הייל האָט זיך צוגעמאַכט איבער זייערע קעפּ. דער חזן האָט, פאַר דער שיין פון אַן אָנגעצונדענער ליכט, טרויעריק אינטאָנירט אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק פון אַ קאַפּיטל תהילים: „דער מענטש איז ווי טרוקן גראָז, וואָס גיט אַ שפּראָץ און פאַשווינדט. ער איז געגליכן צו אַ פלאַנץ, וואָס בליט אויף און פאַרוועלקט, צו אַ בלאַט, וואָס ווערט פאַרוויאַנעט און פון ווינט פאַרטראָגן. ער איז ווי דער ווינט, וואָס פליט אַרום און ווערט ניט. ער איז געגליכן צו אַ צעבראָכע־נעם שאַרבן. ער פאַרשטייט גאָרניט, דער מענטש. צו אַ בהמה איז ער געגליכן...״

דעם חזנס זאָגן איז פון ווײַלע צו ווײַלע איבערגעשריען גע־וואָרן מיטן קראַכן פון אַ דונער, וואָס האָט אָפּגעהילכט איבער דעם מאַוזאָלעום.

אַ שאַרפער בליץ האָט זיך אַריינגעריסן, דורך די שפּאַרונעס פון דער הייל־טיר. די באַגלייטער האָבן זיך צענויפגעדריקט, זיך געטוליעט איינער צו דעם אַנדערן, ווי די אָרימע, צעשראָקענע שע־פעלעך, פאַר אַ לויערנדיקער סכנה. עס האָט זיך זיי אַלעמען אויס־געדוכט — די זעלבע זאַך, — אַז דאָס געפינען זיי זיך, איצט, אין אַ באַהאַלטענעם בונקער, און אַז אין דרויסן וואַרט אויף זיי דער טויט.

דער חזן איז אָנגעגאַנגען מיט דאָס זייניקע. און ווען ער האָט טרויעריק אַרויסגעזונגען: „את נשמת העלם הרך, ראובן בן שמואל, שהלך לעולמו״, האָט דאָקטאָר לעווינסקי אויסגעבראָכן אין אַ ברומ־טיק־מענערישן געוויין, וואָס האָט געקענט רירן אפילו אַ שטיין.

דער עולם האָט תמיד געהאַט אין לעווינסקין זיין מנהיג, זיין שוץ און כח, דעם וואָס פירט אים אַרויס פון אַלע שוועריקייטן און ברעכט זיך פאַר קיין זאַך ניט. ער האָט געגלויבט, אַז ער געפינט צו אַלץ אַן עצה און אויסגאַנג. און ווען דער עולם האָט אים, לע־

ווינסקין, איצט דערזען וויינען, האָט ער זיך דערפילט פאַרלאָרן, ווי ער וואָלט ניט געקענט געפינען דעם וועג, צוריק אַרויסצוקומען פון דעם דאָזיקן גרויסן גרוב, און האָט אין איין קול, יאָמערלעך מיט־געוויינט מיט אים.

אינדרויסן האָט זיך דערווייל גענומען איינשטילן. די זון האָט אָנגעהויבן אַרויסצוטויכן פון צווישן די לעצטע דינע וואָלקנס, וואָס זיינען געהאָנגען איבער איר, ווי שלייערס, — האָט אַ באַוויז גע־טאָן איר אויסגעטובלטן, אַרומגעוואַשענעם פּנים און געשמייכלט מיט ליבלעכקייט און לויטערקייט, ווי אַ דערלייכטערטע, נאָכן אויס־וויינען זיך...

איינער פון די מתעסקים, אין מאַוזאָלעום, האָט אויפגעכאַפּט דעם שמייכל פון דער זון, — האָט ער אַ צעפּראַל געטאָן דעם דעק פון דער הייל און די מענטשן האָבן זיך, שעמעוודיקע, ווי פאַרשול־דיקטע קעגן אימיצן, איינציקווייז, אַרויסגעשלייכט צום דרויסן אַרויס, — צו דער זון, וואָס האָט געמאַניעט, צום לעבן, וואָס האָט גערופן.

.1956

דער בלינדער זינגער

אינדערפרי, האָט דער באַן, וואָס איז געשטאַנען אין דער גרויסער האַלע, זיך פּאַוואָלינקע אַרויסגערוקט, פון צווישן די איבעריקע באַנען־שכנים, וואָס האָבן אים פאַרשטעלט די ליכטיקע שיין פון דעם נייעם, אָנקומענדיקן טאָג.

ווי ער האָט נאָר באַגעגנט, אין דרויסן, די אויפגעוואַכטע זון, האָט ער זיך, לעבעדיק, גענומען באַוועגן, און גאָר אינגיכן איבערגעגאַנגען אין אַ האָפּערדיקן, שנעלן טאַנצן.

און ניט נאָר האָט דער באַן אַליין געטאַנצט. אַלץ, וואָס ער האָט באַגעגנט, האָט מיט אים מיטגעטאַנצט און זיך מיטגעדרייט.

עס האָבן געטאַנצט און געדרייט זיך, די רינדער און שאָף, צוזאַמען מיט די פעלדער, אויף וועלכע זיי האָבן זיך געפּאַשעט, די פּויערים, וואָס האָבן באַגלייט זייערע אַקערס, די קינדערלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט, ביי די אָרימע, צעפּאָרענע ראַנטשעס, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי ברודיקע פלעקן אויף די רחבותדיקע, שיינע און רייכע פעלדער, — עס האָבן געטאַנצט און געהאָפּקעט די בערגלעך און טאָלן, ביי די זייטן פון וועג, די טעלעגראַפן־סלופּן און אַלץ, וואָס אַרום.

וואָלטן די פּאַסאַזשירן זיך אויך געלאָזן אין אַ טענצל, אַנטקעגן דעם טאָג, דעם נייען, וואָס ווערט געבוירן, אַנטקעגן אַזוי פיל זונען־שטראַלן, וואָס קומען, טאַנצנדיק, זיי אַנטקעגן. געפינען זיי זיך אָבער ענג פאַרצאַמט, צווישן די פיר ווענט פון באַן. טאַנצט עס ביי זיי אין האַרצן. עס שפּרינגט פון פרייד. טיילט מען זיך מיטן וויין, וואָס מען פירט, מיט אַ פרוכט, וואָס מען האַנדלט איין, דורך די באַן־פענצטערלעך, ביי יעדן אָפּשטעל, און מען פאַרציט אַ ליד, אַ פריילעכס.

די באַן־פאַרקויפערס, זינגען אויס זייער סחורה. די בונטע קראַוואַטן, טיכלעך און זאָקן, הוידען זיך, פלאַמיקע, אַנטקעגן דער זון און די „אַכט שטיק גאָלד־צירונג פאַר צען פּעזעס", בעטן זיך: „קויף, קויף". זיי דערמאָנען אָן אַ קרוב, אָן דעם קרובס קינדער, צו וועמען מען פאָרט, און מען האַנדלט איין די אַלע מציאות.

ביסלעכווייז, האָט דער באַן אויסגעלאָדן פון זיך, די פּאַסאַזשירן, זייערע זעק און פּעק און אויך די פרייד, וואָס זיי האָבן מיט זיך געפירט.

אומגעקערט האָט זיך דער זעלבער באַן, פאַרנאַכט.

די זון האָט דערווייל פאַרלאָרן איר גאווה און האָט זיך שוין געלאָזט אָנקוקן אין פּנים אַריין. פאַרן זעגן זיך, האָט זי זיך נאָך צעפלאַמט און צערויטלט. נאָכדעם האָט זי אינגאַנצן איר פּנים פאַרלוירן און מיט דעם לעצטן ביסל בלוט, וואָס זי האָט פון זיך אַרויסגעלאָזן, דעם האָריזאָנט פאַרגאָסן...

אַ בלוטיקע רויטקייט, האָט די בערג געפאַרבן. די דאָזיקע רויטקייט, האָט זיך אָפּגעשלאָגן, ווייט פון דאָרטן, האָט זיך געריסן צום אַרום און זיך צוגעקלעפּט, צו די אויבערשטע שייבלעך פון די באַן־פענצטער.

די אָנקומענדיקע שווארצקייט פון דער נאַכט, האָט זשעדנע געטרונקען און פאַרצערט דאָס לעצטע ביסל בלוטיקע רויטקייט, וואָס איז נאָך געבליבן פון הימל, און די געדיכטע, טונקעלע כמארעס, וואָס זיינען אָנגעקומען פון אַלע עקן וועלט, וואַלגערנדיק זיך איינע איבער דער אַנדערער, האָבן אינגאַנצן אויסגעלאָשן די זון און פון איר קיין זכר ניט געלאָזן.

די באַן־פענצטער האָבן זיך איבערגעפאַרבן פון רויט, אויף

טונקל־שוואַרץ און מען האָט שוין דורך זיי מער גאָרניט געקענט זען.

די רייזנדיקע, האָבן דאָן, אין זיך געגומען אַריינקוקן. דאָרטן האָבן זיי נאָר אומעט געפונען און זאַכן אָן וועלכע מען וויל פאַרגעסן. דער אומעט פון די מענטשן איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ פּישטשען פון עופות, וואָס זיינען געפירט געוואָרן, געבונדענע, צו דער שחיטה, און פון קינדערישן געוויין.

די פּאַסאַזשירן זיינען געוואָרן נאָענטער צווישן זיך, זיך גענו־מען טוליען איינער צו דעם אַנדערן און אויסדערציילן, אַזעלכע אינטימע זאַכן, וואָס מען דערציילט ניט, אפילו פאַר קיין מענטשן, וועמען מען קען אַ לעבן לאַנג.

פלוצלינג האָט זיך באַוויזן אַ בלינדער זינגער. זיין פּנים איז געווען אויף געלבלעך־טויט געפאַרבט. די האָר פון זיין באָרד און קאָפּ, האָבן זיך ניט אונטערשיידט פון דעם קאָליר פון זיין פּנים. די אויגן־גריבער זיינען געווען דורכגעשניטן מיט צוויי שמאָלינקע פּאַ־סיקלעך, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט אָן אומהיימלעכע, ווייסע טויטקייט. די קליידער זיינען אויף אים געהאַנגען, ווי פרעמדע.

דער בלינדער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ברעג באַנק, אַנגע־שטעלט, זיין אַלט, אויסגעריבן פידל, וואָס ער האָט אַרונטערגעלייגט, אונטער זיין שלאַבערדיקער באַק און פאַרגלאָצנדיק די בלינדע אויגן, צום באַלקן, גענומען עפּעס רימפּלען.

אַ קוויטשנדיק קולכל פון אַ יינגל, וואָס האָט דעם בלינדן גע־פירט, האָט פלוצלינג, ווי ניט מיט זיינע כוחות גענומען זינגען אַ ליד, וועגן אָפּגענאַרטער ליבע, און איבערגעריסן דאָס שטילע גערײ־דעריי פון די פּאַסאַזשירן.

דאָס יינגל האָט געשריען, זיך געריסן, אַלץ קעגן דער גרויסער עוולה, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן, דעם אָפּגענאַרטן, און דער בלינ־דער האָט אים אויפן פידל באַגלייט, אָן קיין שום געפיל, ווי ער וואָלט דורכגעפירט אַ רוטינערע אַרבעט, וואָס מען מוז אָפּטאָן, און פּטור.

אָפּגעזונגען, שטייט דער בלינדער אויף פון באַנק, און מיט אַ ספּעציעלן נגונדל, חזרט ער עטלעכע מאָל איבער דעם זעלבן פּזמון:

— אַ נדבה פאַר אַן אָרימן בלינדן, אוים ליבע צו גאָט!

— אַ נדבה פאַר אַן אָרימן בלינדן, אוים ליבע צו גאָט!

האַרטע מטבעות נעמען קלינגען אין אַ בלעכענער פּושקע.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך נאָך ניט באַוויזן איינצומאָשטשען, אויף זייערע ערטער, זיך לאָזן פאַרוויגן פון באַן, ווי פאַר זייערע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ יונגער, שלאַנקער בחור, מיט אַ לויטער, שיינעם געזיכט, מיט געקרויזטע, בלאָנדע האָר אויפן הויכן קאָפּ, אָנגעטאָן אין אַ נעט-געפּאַסטן, בלויען אַנצוג, מיט אַ קלאָר-ווייסער העמד און צוגעקליבענעם קראַוואַט.

אויפן אַקסל, האָט ער געטראָגן, צוגעבונדן צו אַ פּאַס, אַ שפּאָגל-נייע האַרמאָניע, וואָס האָט געגלאַנצט אין די אויגן.

געגאַנגען איז דער בחור אַליין, פון קיינעם ניט געפירט, און נאָר דאָס שפּילן פאַרן עולם, אין באַן, האָט פאַרמסרט זיין בלינדקייט.

דער בחור האָט אַ צעפיר געטאָן מיט זיין האַרמאָניע און אַרויבערגעפירט יעדער איינעם, אין אַנדערע, אויסגעחלומטע וועלטן, פון צויבער און שיינקייט.

*

* *

אין איינעם פון די לעצטע וואַגאָנעם פון באַן, איז, ביי זיין סוף, געווען אַ גרעסערער פרייער ווינקל, וואו עס זיינען אָפּגעלייגט געווען די ליידיקע קעסטלעך פון ביר, קאָקאַ-קאָלאַ, בילס און אַנדערע געטראַנקען, וואָס מען פאַרקויפט אין באַן.

דאָרטן, אויף די ליידיקע קעסטלעך און אויף עטלעכע בענק, ביי די זייטן, האָבן זיך אויסגעזעצט אַלע באַן-סוחרים, די בלינדע זינגער און די באַן-משרתים.

די סחורה פאַרקויפט, די רווחים שוין לאַנג איבערגעציילט, איז זיי אויך באַפאַלן אַ נאַכטיקע בענקשאַפט און עס האָט גענומען צופּן אין די הערצער פון אונטער די קרעמערישע בוזים-קעשענעס.

דער עולם האָט פאַרצויגן אַ נגון. דער יונגער, בלינדער זינגער, האָט אונטערגעכאַפּט אויף דער האַרמאָניע. דערנאָך איז שוין דאָס געגאַנגען ביי אים, ווי אַ מזמור, אַ געזאַנג נאָך אַ געזאַנג, אַ ליד נאָך אַ ליד.

„די שיינע מאַריאַ", פון וועמענס פּנים די פרייד איז קיינמאָל ניט אַנטרונען, האָט זיך צעוואַרעמט, און, אַ באַגייסטערטע, אין אַ טענצל געלאָזט. אירע זגראַבנע, בויגעוודיקע און פלינקע היפּטן, זיינען געווען אַרומגעגאַרטלט, מיט אַ קורצן פאַרטעכל, וואָס האָט

געהאַט אויף זיך אַרויפגעזויצטע, גרויסע קעשענעס, פון וועלכע עס האָט געקלימפּערט מיט אָפּגעלייזטן געלט.

זי האָט געטאַנצט. דער עולם האָט געזונגען, צוגעפּליעסקעט מיט די הענט און דער יונגער, בלינדער זינגער, האָט פון זיין האַרמאָניע די שענסטע טענער אַרויסגעבראַכט.

פלוצלינג, האָט „די שיינע מאַריאַ״, אַראָפּגעכאַפּט אַ הוט פון אַ פּאַסאַזשיר און גענומען שרייען:

— פאַר דער מוזיק, פאַר דער מוזיק!

פינפערלעך, צענערלעך און פאַרשיידענע אַנדערע מטבעות, האָבן גענומען פליען אין הוט אַריין, פון אַלע זייטן.

דער אַלטער בלינדער איז געזעסן אָן אַ זייט, אַ פאַרטראַכטער, אָן אַריינגעטועטער אין זיך, איינגעאַנצן אָן איבערגענומענער. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן פאַרלייגט, אָן אַ זייט, ווי ביים שפּילן, דאָס פידל — אין שוים, און אויף זיינע ליפּן איז געהאָנגען עפּעס אַ מאָדנער שמייכעלע, וואָס האָט געקענט באַדייטן צופרידנקייט, מיט דעם, וואָס דער יונגער חבר קען אַזוי פיל. דאָס שמייכעלע האָט אויך געקענט מיינען, אינעווייניקסטע אָנערקענונג צו אַ צווייטן: „איך וואָלט אַזוי שיין ניט געקענט שפּילן״. אָדער גאָר בטול: „וואָס זיינען זיי אַזוי נתפּעל פון די מאָדערנע שמאַנצעס?!״

נאָר ווען די „שיינע מאַריאַ״ איז פאַרבייגעגאַנגען זיין זייט, האָט ער זיך אויפגעהויבן, אָן אויסגעגלייכטער, און אַריינגעוואָרפן אין הוט אַריין, עטלעכע מטבעות.

נאָכדעם האָט „די שיינע מאַריאַ״ אַליין, באַוויזן, וואָס זי קען. זי האָט דעקלאַמירט אַ באַלאַדע, וועגן אַ פאַרליבטער, וואָס קומט יעדן טאָג אויפן קבר פון איר געליבטן, און בעט זיך ביי אים: נעם מיך בעסער מיט צו דיר אין קבר אַריין, אין דיינע קאַלטע אָרעמס, איידער זאָלסט מיך איבערלאָזן איינע אַליין אויף דער גאַנצער וועלט!

ווי נאָר מאַריאַ האָט פאַרענדיקט דעקלאַמירן, האָבן זיך פון אַלע זייטן דערהערט קולות:

— פּאַבלאָ, אַ קועקאַ (אַ נאַציאָנאַלער טאַנץ), פּאַבלאָ, עפּעס אַ טשילענישעס, געגנוג מיט די גרינגע מאַכערייקעס, פּאַבלאָ!

דער אַלטער בלינדער איז אויפגעשטאַנען, האָט שטאָלץ אַ פאַר־

וואָרף געטאָן מיט זיין בלינדן קאָפּ, האָט זיך אָנגעגורט מיט די לעצ־טע כוחות און גענומען שפּילן.

ער האָט פון זיין פידל אַרויסגעבראַכט איין פריילעכס נאָך דעם אַנדערן, מיט אַזוי פיל ברען, מיט אַזוי פיל התלהבות, אַז דער עולם איז געשפּרונגען פון די בענק און ווי אַ באַנומענער געשריען: „בראַ־וואָ, פּאַבלאָ, נאָכאַמאָל, פּאַבלאָ, בראַוואָ, פּאַבלאָ, בראַוואָ!״

פּאַבלאָ איז געבליבן זיצן אַן אויסגעשעפּטער. זיינע בלינדע אויגן האָבן ווייט געקוקט אין דער טיפקייט פון דער נאַכט. ער האָט דאָרטן נאָכאַמאָל דערזען זיין אַמאָליקע, ליכטיקע, זעעוודיקע יוגנט. ער האָט זיך דערזען צווישן זיינע יוגנט־פריינט פון אַמאָל, און האָט זיגעריש געשמייכלט.

1954.

פערלאַ

אַ טבע האָט געהאַט מיין פאָטער, צו קומען יעדן טאָג צו מיטאָג, אָן אָנגעלאָדענער מיט גאַנצע פעק, פעקלעך און פעקעלעך.

קיין זייגער האָב איך נאָך דעמלט ניט פאַרמאָגט. און דאָך האָב איך, תמיד, פינקטלעך, געטראָפן די מינוט, ווען מיין פאָטער דאַרף אָנקומען. — דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט — און איך בין אים אַנטקעגן געלאָפן.

איך פלעג אים דערזען, פון דערווייטן, אָנקומענדיק אַהיים. ער איז געלאָפן גיך, גיך, ווי איינער, וואָס איילט זיך צו כאַפן דעם באַן.

איך פלעג אים באַוואונדערן, ווי אַזוי ער קען דאָס, אַזוי קונציק, איינער אַליין, טראָגן אַזוי פיל פעקלעך. אַ פאָר פעקלעך פלעגט ער טראָגן צווישן די אָרעמס, אַ פאָר אויף די אָרעמס, אָנגעשפאַרט אָן דער ברוסט, און עטלעכע פעקלעך זיינען אים אַראָפגעהאָנגען אויף די פינגער פון די הענט.

צוגעלאָפן צו אים, האָב איך זיך איינגעקלאַמערט אין זיינע קני — העכער האָב איך ניט דערגרייכט — און געפענטעט זיינע טריט.

אַז איך האָב, אין אַ פאָר מינוט אַרום, זיך אַרויסגעפלאָנטערט

פון צווישן זיינע פיס און זיך געלאָזן גיין ביי זיין זייט, געפירט פון עטלעכע פינגער פון זיין האַנט, — עס האָבן נאָך אים געקלעקט עטלעכע פינגער, מיך צו פירן און גלעטן מיט זיי, — איז זיין טראָט שוין מער ניט געווען דער פריערדיקער, דער שנעלער, — נאָר אַ באַזאַכטער.

און וואָס נאָענטער מיר פלעגן צוקומען צו דער היים, אַלץ מיושבדיקער זיינען געוואָרן מיין פאָטערס טריט.

ביי דער טיר האָט ער שוין אינגאַנצן פאַרלאָרן זיין דרייסטקייט און האָט אויסגעזען, ווי איינער, וואָס דערוואַרט, אַז דער פּסק, וואָס קומט אים, פאַר דעם חטא, וואָס ער איז באַגאַנגען, זאָל שוין קומען, וואָס גיכער...

דעם פּסק פלעגט ער באַקומען פון מיין מאַמען און דער פּזמון איז געווען יעדן טאָג דער זעלבער:

— זע, אברהמל, ווי גאָט איז דיר ליב, האָסט שוין ווידער אָנגעבראַכט גאַנצע פּעק ? ! זאָלסטו מיר געזונט זיין. עס פעלט חלילה אוים צו עסן ? מען וועט דאָך עס דאַרפן אַרויסוואַרפן. אַן עבירה, כלעבן, גאָטס גאָב.

מיין מאַמע פלעגט אַזוי אַריינריידן אין מיין פאָטער, און מיינע אויגן האָבן דערווייל געוואונקען פון איין פּעקל צום צווייטן און איך האָב ניט אויפגעהערט דערביי צו גלעטן מיין פאָטער, זיך טו־ליען צו אים און התפּעלותדיק צווינגען : „פּאַפּאַסיטאָ ריקאָ, פּאַפּאַ־סיטאָ לינדאָ" (טייערער פּאַפּעלע, שיינער פּאַפּעלע) — ביז וואַנען מיין מאַמע פלעגט פאַרענדיקן אירע טענות מיטן שטענדיקן : — נו, אברהמל, וואָס שטייסטו ? בינסט דאָך הונגעריק. גיי זשע שוין צום טיש, עסן.

נאָכן פאַרצערן די געשמאַקע מאכלים, וואָס די שיינע הענטלעך פון מיין מאַמען, האָבן צוגעגרייט, מיט אַזוי פיל זאָרגפעלטיקייט און ליבע, האָבן מיר זיך גענומען צו די דעסערטן, וואָס האָבן זיך גע־פונען אין די זעקלעך און פּעקלעך, וואָס מיין פאָטער פלעגט אָנ־ברענגען. און דאַן האָט פּאַסירט אַזוי : האָט מיין מאַמע זיך איינגע־ביסן, מיט אירע ווייסע ציינדלעך, אין אַ באַטעמטער פרי, אָדער אין אַן אַנדער געשמאַקער זאַך, וואָס מיין פאָטער האָט געבראַכט, און זיי דאָרט געלאָזט אַ ווײַלע שטעקן, און אירע אויגן האָבן דערביי,

ווי דורכגעפירט מיט זיך אליין אַ קורצן ישוב-הדעת און אויך אַרויס-געטראָגן אַן אורטייל: „יאָ, עס איז גאָר ניט שלעכט", — און נאָכדעם גענומען קייען די דאָזיקע פּרי, אָדער מאכל, באַזאַכט און נחתדיק, כדי אָנצוהאַלטן וואָס לענגער דעם גענוס, — דאַן פלעגט מיין פאָטער צו די דאָזיקע דעסערטן, זיך כמעט ניט צורירן.

ער האָט מערער הנאה געהאַט זיך צוקוקן, ווי מיין מאַמע עסט זיי, ווי פון דעם, וואָס ער אַליין וואָלט זיי געגעסן. דאַן פלעגט מיין פאָטער, יעדער ווײַלע, צורוקן צו מיין מאַמען נאָך אַ שטיקל פון דעם דעסערט און זיך בעטן ביי איר: — „זע, שרהלע, עס נאָך אַ שטיקעלע, עס, דאָס האָט דאָך טויזנט טעמים".

פאַרקערט אָבער, טאָמער האָט מיין מאַמע פאַרזוכט פון עפּעס, וואָס מיין פאָטער האָט געבראַכט און זי האָט עס שנעל-שנעל גע-נומען קייען, דאַן פלעגט מיין פאָטער האַלטן אין איין עסן פון דעם דאָזיקן דעסערט. ער פלעגט מיר געבן דערפון גאַנצע שטיקער און מיט קענטעניש געהאַלטן אין איין ריידן וועגן די מעלות-טובות פון די דאָזיקע מאכלים, וועגן די וויטאַמינען, וואָס זיי פאַרמאָגן און וויפל געזונט עס קומט דאָס צו דעם מענטשן, וואָס עסט זיי, און מיין מאַמע פלעגט בלייבן צופרידן, וואָס „גאָטס גאָב גייט ניט אין ניוועץ"...

*

* *

איינמאָל, אין איינעם אַ טאָג, ווען איך בין געלאָפן מיטאָג-צייט, ווי מיין געוואוינהייט איז געווען, צו באַגעגענען מיין פאָטער, האָב איך אים דערזען, אָנקומענדיק, אַנדערש ווי תמיד.

דאָסמאָל איז ער געגאַנגען אַ פרייער, ניט קיין באַהאָנגענער מיט קיין פּעקלעך, — כמעט מיט פרייע הענט.

נאָר אונטער איין אָרעם, האָט ער עפּעס געטראָגן אַ פּעקל, — אַ שלעכט פאַרפּאַקטן.

איך האָב אים מיט פאַרוואונדערונג אָנגעקוקט און זיך געוואָלט דערוויסן, וואָס עס טוט זיך אין פּעקל.

מיין פאָטער האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ האַנט, נאָר **געפירט האָב איך אים, ניט ער מיר.**

עפּעס איז ער דאָסמאָל געגאַנגען לאַנגזאַמער, ווי שטענדיק, נאָר אַז ער איז אָנגעקומען נאָענט צום שטוב, האָט ער זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און האָט גיך אַריבערגעשפּרייזט דעם שוועל.
אויך מיין מאַמע האָט אים אָנגעקוקט מיט חדוש.

מיין פאָטער האָט פאַוואָלינקע אַרויסגענומען דאָס פּעקל פון אונטער זיין אָרעם. עפּעס האָט זיך דאָס פּעקל גענומען באַוועגן. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט פאַר אויפרעגונג, צוליב דער שטאַרקער נייגעריקייט, וואָס איך האָב איבערגעלעבט.

מיין פאָטער האָט זיך ניט געאיילט. ער האָט געפירט מיט זיין בליק פון מיר צו מיין מאַמען און פון מיין מאַמען צו מיר און דערווייל לאַנגזאַם פאַרנאַנדערגענומען איין פּאַפּיר נאָך דעם אַנדערן, ביז ער איז געקומען צו אַ ווייסן זעקעלע פון לייוונט. ער האָט פאַרנאַנדערגעעפנט דאָס ווייסע זעקעלע און פון דאָרטן האָט אַרויסגעבלאַנקט נאָך אַ ווייסערער הינטעלע. אַן אמתער, לעבעדיקער הינטל.

דאָס הינטל, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אין זעקעלע, האָט מיט צופרידנקייט אָנגעקוקט די וועלט, וואָס האָט זיך אים ערשט אַנטפּלעקט, נאָך אַ ליכטיקערע ווי תמיד, און די וועלט איז געוואָרן נאָך העלער פון די ליכטיקע אויגעלעך, וואָס האָבן ביים הינטעלע געשיינט.

— „פּאַפּיטאַ לינדאַ" — האָב איך, מיט אַנטציקונג, אויסגעשריען, און אויסגעקושט אַלע פינגער פון מיין פאָטערס הענט, פאַר גרויס דאַנקבאַרקייט צו אים.
און מיין מאַמע?

מיין מאַמע איז געשטאַנען אין אַ ווינקעלע, האָט זיך צוגעקוקט צו מיר און צו מיין פאָטער, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און דאָס מאָל אַנדערש געטענהט צו מיין פאָטער:

— אברהמעלע, אברהמניו, אדרבה, זאָג דו אַליין, ווייסטו וואָס דו טוסט? צו וואָס האָסטו מיר אַהער געבראַכט דעם כלב? (פון אַ קליין הינטל איז שוין ביי איר געוואָרן אַ כלב), וואו וועל איך אים אַהין טאָן?

דאָס הינטל איז שוין דערווייל געלעגן אין מייע אָרעמס, האָט

זיך מיט זיינע לאַפּקעס דערדראַפּעט צו מיין אַקסל און האָט מיך, לעקנדיק געקושט אויפן האַלדז און אונטערן אויער.

ביינאַכט, האָט מיין מאַמע אַליין צוגעגרייט אַ געלעגער פאַרן הינטל און ווי אַזוי צו רופן עס, האָבן מיר אויך לאַנג ניט געדאַרפט טראַכטן. מיר האָבן עס גערופן פּערלאַ, — ווי עס האָט אים אַ נאָמען געגעבן די פרוי, וואָס האָט אים געשענקט מיין פאָטער.

אַלע אין שטוב האָבן פּערלאַן ליב באַקומען, און ער אַלעמען.

מיין מאַמע פלעגט אים אָפט צודריקן צום האַרצן און אין אים אַריינריידן: „בינסטו קלוג, פּערלאַ, דיינע אויגן ריידן דאָך. דאָס איינציקע, וואָס דיר פעלט איז נאָר דאָס לשון".

איך האָב ניט געהערט, אַז פּערלאַס אויגן זאָלן ריידן, ניט קוקנדיק וואָס איך האָב ניט איין מאָל צוגעלייגט מיינע אויערן צו פּערלאַס אויגן...

פּערלאַ פלעגט זיך שפּילן צוזאַמען מיט מיר, מיט מיינע אַלע צאַצקעס, און קיינער, אַ חוץ מיר, האָט זיך צו די שפּילצייג, מיינע, ניט געטאָרט צורירן.

פּערלאַ איז געווען זייער אייפערזיכטיק צו ביכער. טאָמער פלעגט מיין מאַמע, אַרומטועענדיק זיך פון איר אַרבעט, נעמען אַ בוך צום לייענען, האָט זיך געטאָן חושך. פּערלאַ האָט זיך ניט אויפגע־הערט אַרומצודרייען אַרום מיין מאַמען, בילן מיט כעס און צופּן איר ביים ברעג קליידל, ביז וואַנען זי האָט ניט צוגעמאַכט דאָס בוך און אים אַ גלעט געטאָן.

אויך מיין פאָטער פלעגט ער ניט לאָזן לייענען. דערפאַר איז ער אָבער געווען טאָלעראַנט צו מיין זיידנס תהילים. ווייל מיין זיידע פלעגט דעם תהילים אַרויסלייענען אויפן קול און מיט אַ שיינעם נגון.

אינדערפרי, אַז פּערלאַ פלעגט זיך נעמען דראַפּען, ביי מיין קאָלדרע, האָב איך געוואוסט, אַז איך דאַרף זיך גלייך אויפהויבן און לויפן אין שול אַריין.

נאָכן באַגלייטן מיך צום טראַמוויי, פלעגט פּערלאַ אָפּליגן, אַ גאַנצן פרימאָרגן, ביי די פיס פון מיין זיידן.

מיין זיידע איז געזעסן ביי דער טיר פון אונדזער שטוב און זיך געוואַרימט אונטער דער זון, זינגענדיק דערביי איין קאַפּיטל תהילים

נאָך דעם אַנדערן און פּערלאַ איז געלעגן לעבן אים און אים אַריינ־געקוקט אין מויל אַריין.

מיטאָג־צייט פלעגט פּערלאַ לויפן, צוזאַמען מיט מיר, באַגעג־נען דעם פאָטער.

און אַז מיין מאַמע פלעגט דערזען מיין פאָטער, אַן אָנגעלאָדע־נעם מיט די פּעקלעך, אונטער אַזאַ שמירה, — פון איין זייט איך און פון דער אַנדער זייט פּערלאַ — פלעגט זי שוין מער ניט טענהן, נאָר אַנטקעגן קומען און וואָס שנעלער באַפרייען מיין פאָטערס הענט פון דער לאַסט.

1954.

אירע אויגן האָבן אים פאַרפירט

דוד יאַשינאָווסקי, איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, מיט אַ לויטערן און לייכטן געמיט.

ביים וואַשן זיך, מיטן קאַלטן וואַסער, האָט ער געשמאַק און פריילעך געפאָרשקעט, מיט די ליפּן און נאָזלעכער, ווי אַ זאָרגלאָזע באַשעפעניש.

ער האָט זיך אָנגעטאָן, צווישן זינגען און פייפן. און ווען ער האָט אַן עפן געטאָן די טיר צום אַרויסגיין, האָט אים דער טאָג, אַ שיינענדיקער און לויכטנדיקער, יום־טובדיק אַ באַגעגן געטאָן, צוזאָגנדיק אים אַלע גליקן פון דער וועלט.

די באַוועגונג אין גאַס, דער גערויש פון טראַמווייען און אויטאָמאָבילן, דאָס טראַסקען פון שווערע משא־וועגענער, דאָס בראַזגען פון אייזן, אין באַוועגונג, דאָס געקלאַפּעריי פון די האַמערס, אין וואַרשטאַטן, דאָס איבערווופן זיך פון די מענטשן, די געשרייען פון גאַסן-הענדלער, וואָס באָטן אָן, מיט פאַרשיידענע נגונים, זייערע סחורות, דאָס געלעכטער און געוויין פון קינדער, — דאָס אַלץ צוזאַמען, האָט אין דודס אויערן געקלונגען, ווי אַ האַרמאָניש געזאַנג, ווי אַ מוזיק, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן און ווערט דיריזשירט, פון אַ גרויסן מייסטער.

ברייט צעעפנטע, האָבן זיינע נאָזלעכער, מיט תאווה, געזויפּן די פרישע לופט, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך דעם דופט, פון פעלד און וואַלד, און גרוסן פון ווייטע וועלטן, פון אַריבער די כוואַליקע רוקנס פון ים.

מילדע, קילע ווינטעלעך, האָבן זיך שטיפעריש אַראָפּגעקייקלט פון די שניי־בערג, פאַרגנבעט צווישן זיינע קרויזן, זיך געשפּילט דאָרטן אין באַהעלטעניש און דערווייל צעפּאַטלט זיינע האָר.

האָפעררדיק און טענצלדיק האָבן זיך זיינע פיס באַוועגט און אים מעכאַניש אַוועקגעפירט צו דעם ברעג־גאַס פון וואַנען ער האָט טעג־לעך גענומען זיין טראַמוויי.

ווען דוד איז אַרויפגעשטיגן אויפן טראַמוויי, האָט ער זיך אויסגעגלייכט און אויסגעצויגן, און זיין אַזוי אויך געוויקסיקער קער־פּער, האָט נאָך שטראַמער און העכער אויסגעזען, ווי תמיד. פון אים, פון זיין גאַנצן געשטעל און אָנטאָן, האָט עס מיט פרייד אַראָפּ־געזונגען.

אויף דעם באַנק, וואָס אַנטקעגן אים, האָט ער באַגעגנט אַ יונגע דאַמע, אינגאַנצן אין שוואַרצן באַקליידט.

דער קאָפּ האָט זיך אַרויסגעהויבן איבער אירע אַקסלען, ווי די קרוין פון אַ בלום, פון שוואַרץ־גלאַנציקן געוויקס.

צווישן דעם שוואַרצן קאָפּ און דעם שוואַרץ־באַצויגענעם קער־פּער, אירן, האָט מיט מער בולטקייט אַרויסגעשיינט איר אַלבאַסטער־קלאָרער האַלדז און דער דריי־עק, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ברוסט.

די ראָזקייט פון אירע צאַרטע שפּיץ־באַקן, האָט זיך, אַנטקעגן דער שוואַרצקייט, מיט מער ליכטיקייט געצונדן.

אין אירע אויגן האָט זיך די מאָרגן־זון געשפּיגלט און זיי האָבן געשמייכלט מיט געוויין און געלעכטער פון קליינע קינדער.

פאַרחתמטע, פאַרזיגלטע אין שטיל־שווייגן, זיינען אירע ליפּן געלעגן, ווי פאַרנדרטע, ניט אַרויסצוברענגען, די טיפע סודות פון איר האַרצן, וואָס געהערן נאָר צו איר. און צו איר ברוסט האָט זי געטו־ליעט אַ בוקעט, ווייסע רויזן.

דוד האָט זיין בליק ניט אַראָפּגענומען פון דער אַנטקעגן־זיצנ־דיקער פרוי. ער האָט געזוכט אַ באַגעגעניש מיט אירע אויגן. ער

האָט געבעטלט ביי איר אַ קוק, אַ שמייכל, און גאָרניט דערגרייכט.

וואָס דרינגלעכער דוד האָט אויף איר געקוקט, אַלץ שטאַרקער האָט זי דעם בוקעט צו איר האַרץ געדריקט און זיך געקאָרטשעט פאַר צערטלעכקייט און איבערגעגעבנקייט צו אים, צום בוקעט.

דוד האָט זיך אויסגעמאָלט אין געדאַנק, אַז מיט די דאָזיקע בלו־מען, גייט זי דאָס באַגעגענען איר געליבטן. און נישט קאָנענדיק יענעם, האָט ער אים שוין מקנא געווען און געוואָרן אייפערזיכטיק צו אים. ער איז געווען זיכער ביי זיך, אַז ער שטייט העכער און מערוווערטיקער פון יענעם און עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער האָט ניט די געלעגנהייט, זיך צו פאַרמעסטן, מיט אָט דעם „יענעם”.

דוד איז געבליבן זיצן אַ צוגעשמידטער צום בענקל, ווי ער וואָלט זיך ניט געקענט רירן פון אָרט.

ער איז שוין לאַנג אַריבערגעפאָרן די גאַס, וואו ער האָט גע־דאַרפט אויסשטייגן, און פאָרט ווייטער.

ער וואָלט געוואָלט, אַז דער טראַמוויי זאָל ניט אויפהערן צו פאָרן. ער זאָל אַזוי פאָרן און פאָרן אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג און זיך קיינמאָל ניט אָפּשטעלן.

וואָס ווייטער און ווייטער איז דער טראַמוויי אַלץ שיטע־רער און שיטערער געוואָרן און האָט זיך אַן אימפּעטדיקער און איילנדיקער, שטיפעריש געטראָגן, איבער די שטילע און אָפּגעלייגטע גאַסן, ווי ער וואָלט מיט אַ כיוון, דורך זיין שנעלן פאָרן, געוואָלט שטערן זייער רו.

צווייגן־שפּיץ־קעפּלעך פון די בוימער, ביי די גאַסן־ראַנדן, האָבן נייגעריק אַריינגעבליקט, דורך די אָפענע פענצטער פון טראַמוויי, זיך גענויגט, באַגריסט און געוואונקען צו דעם לעצטן פאָרל, וואָס איז נאָך דאָרטן פאַרבליבן.

פון צווישן די בוימער האָט גענומען אַרויסהעלן דער פאַנטעאָן־פּלאַץ. איבערן פּלאַץ, האָט זיך צו דער ליכטיקער זון, אַ מאַדאָנע געשטרעקט. ביי אירע פיס האָבן זיך יונגינקע מלאכימלעך געוואַל־גערט. מיט אָנטקעגן־געשפּרייטע הענט, האָט זי, ווי אַ ליבע, גע־טרייע מוטער, אירע קינדער, — גערופן צו זיך אַלע געליטענע און געפּייניקטע, נאָך רו און טרייסט, אין איר שוים אַריין.

פון ווייטן האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ ווייסער קופּאָל, וואָס האָט צוגעזאָגט אייביקע רו.

ערשט איצט האָט זיך דוד געכאַפּט, וואוהין די אַנטקעגנאיבער־דיקע פרוי האָט די בלומען געפירט...

דוד איז איר שטיל און ערפורכטיק נאָכגעגאַנגען, ווי ער וואָלט ניט געוואָלט טרעטן איבער אירע געפילן...

ווען דוד איז אַרויפגעקומען אויפן צעמענטער, האָט זיך פאַר זיינע אויגן אַנטפּלעקט, אַ נייע וועלט.

ער האָט דערזען פאַר זיך אַ גאַנצע שטאָט, מיט גאַסן און אַלייעס, וואָס טראָגן נעמען פון היסטאָרישע העלדן און באַרימט־קייטן, פונקט ווי יענע גאַסן פון וואַנען ער קומט. אַנדערע צעמענ־טער־גאַסן, די מער־צענטראַלערע, זיינען געווען פאַרבויט מיט געצעלטן און פּאַלאַצלעך, און פון ביידע ראַנדן, באַצירט מיט בלומען־בלעטערדיקע כאַקעראַנדעס און מיט שאָטן־ברענגענדיקע פּאַלמעס.

אויף די זייטיקע גאַסן, האָט דוד געזען, אָרימערע מצבות, ברײ־דער־קברים און מאַוזאָלעומס.

אויף איינער פון די צעמענטער־גאַסן, האָט זיך אפילו אויפגע־הויבן אַ זעקס־שטאָקיקער מאַוזאָלעום, מיט אַ טרעפּ־אַרויפגאַנג, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען און אויף דער פראָנט־וואַנט, איז אויף אַ שילד געווען אָנגעגעבן דער נאָמען פון דעם אַרכיטעקט, וואָס האָט דעם דאָזיקן מאַוזאָלעום געבויט.

דאָס אַלץ, וואָס דוד האָט פאַר זיך דערזען, האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אָן טויט און אים געהאַלטן צוגעבונדן צום לעבן.

די פרוי, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט נאָכגעפירט נאָך זיך..., איז, אָן אָנגעבויגענע, שטיין געבליבן, ביי אַ וואַנט־קבר, איבער וועלכן עס האָט אַ טונקעלער מאַרמל אַ גלאַנץ געטאָן מיט אַן אויפ־שריפט: „ליבינקער, קיינמאָל וועל איך דיר ניט פאַרגעסן".

דוד איז שטיין געבליבן הינטער איר. זי האָט אויף איר רוקן געשפּירט דעם צערטלעכן, וואַרימען גלעט פון די פליגלען פון דער זון און אַ פּאָר בעטנדיקע אויגן, וואָס דרינגען איר אַדורך. אַ פּאָר אויגן, וואָס טראָגן אין זיך דעם צוזאָג פון אַ סך ליבשאַפט און געטרייקייט. זי האָט מיטאַמאָל מורא געקראָגן, טאָמער זיינען די דאָזיקע אויגן שוין פאַרשוואונדן געוואָרן. האָט זי זיך, אַנטשיידן, אויף צוריק אַ

דריי אום געטאָן, און געפינענדיק זיי, האָט זי אַ ציטערנדיקן עפן געטאָן אירע קנאָספּן־ליפּן און געשאָנקען פון זיי, דודן, דעם ערשטן, ניחאדיקן און ליבן שמייכל אירן.

.1955

אַנטלאָפן פון אַמעריקע

משה שיפּמאַנאָוויטש, האָט די ערשטע העלפט פון זיינע יאָרן, איבערגעלאָזן, ביים שוועל פון יענער זייט אַנדן.

דאָס זיינען געווען יאָרן, שטורמישע און קעמפערישע. יאָרן פון ליידן, — און אויך פון לוסט און פון פרייד.

אַריבער דעם אַנדער זייט פון די בערג, האָט ער אַריבערגע־בראַכט זיין גוף, אַ ביסל אַן אויסגעמאַטערטן, און די נשמה, שוין אויך אַ מידלעכע.

זיין פּאַך, וואָס האָט אים באַגלייט, ביז אַהער, אין לאַנד אַריין, האָט אים דאָ אויפגעהערט צו גילטן. און דאָס לעבן האָט אים גענו־מען אַוועקפירן אויף נייע וועגן.

שיפּמאַנאָוויטש איז געוואָרן אַ רייזנדער. און ווער ווייסט, צי האָט ער, צוליב זיין נייער פּראָפעסיע, געדאַרפט אַרויפציען אויף זיך אַ נייע הויט ,וואָס איז אים מיט דער צייט אייגן געוואָרן, אָדער ער האָט אַ נייע הויט אויף זיך בכיוון אַרויפגעצויגן. דער סך־הכל אָבער איז אַ קלאָרער — משה שיפּמאַנאָוויטש האָט אונטערגעצויגן אַ שטריך, אונטער זיין פריערדיקן לעבן און האָט אָנגעהויבן אַ נייעם.

אָבער ניט קוקנדיק, וואָס משה האָט געלעבט, ווי אַ גאַנצער ספּאָרט, — האָט זיך שוין אָנגעטאָן און גוט פאַרבראַכט, — האָט אַן עלנטקייט זיך דאָך באַזעצט אין זיין האַרצן, — אין זיין האַרצן, וואָס איז אויסגעהוילט געוואָרן פון די גוטע געפילן צו חברים, פון דער ליבע צו דער באַוועגונג, וועמען ער האָט יאָרן לאַנג געדינט, און פון דעם גלויבן אין אַ שענערן לעבן...

*

* *

— סעניאָריטאַ! קויף אָפּ ביי מיר דעם דאָזיקן שיינעם זייד. ער פּאַסט דיר זייער שיין צו דיין פּנים — האָט שיפּמאַנאָוויטש אָנגעוויזן, מאַריאַ גאַלוועזן, אויף אַ שטיק זייד, וואָס האָט געהאַט אַ ווייסן פאָן און איז מיט העל-בלויע וויינטרויבן געווען געשפּרינקלט.

— צו דיין פּנים פּאַסט עס בעסער. איבערהויפּט צו דיינע בלויע אויגאַנעם — האָט פון מאַריאַס מויל אַ געלעכטער זיך זילבערדיק געלאָזט הערן און ווייס אָנזען.

דורך די דאָזיקע עטלעכע ווערטער, האָט זיך שיפּמאַנאָוויטש מיט מאַריאַ גאַלוועזן פאַרפלאָנטערט און נאָך אַ פּאָר מאָל זיך טרעפן, האָט דער קוילן-גלאַנץ פון מאַריאַס אויגן זיך געטובלט אין דעם הימל-שיין פון משהס.

ברוינע, שלאַנגען-אָרימס, האָבן זיך אין ווייסע געקלאַמערט. די שניי-ווייסע ציינער פון מאַריאַן, האָבן זיך איינגעביסן, אין די דיקלעכע, ווייכע ליפּן פון משהן, וואָס כאָטש זיי זיינען געווען באַדעקט מיט בלאָנדע וואָנצעם, האָבן זיי דאָך אויסגעזען קינדיש-קאַפּריזנע און האָבן זיך געבעטן: „קושט אונדז, קושט אונדז, וועט איר ערשט פילן דעם טעם פון אונדזער זאַפט"...

אינדיאַ-שפּאַניש בלוט, האָט זיך, שכור, מיט יידישן געמישט און פון דעם דאָזיקן געמיש איז דאָס אַ שלמהלע אַרויסגעקומען.

אַז שלמהלע איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָט משה באַמערקט, אַז דאָס קינד איז פּונקט אין זיין טאַטן, דעם מלמד, געראָטן.

דער זעלבער הויכער שטערן, דער זעלבער איידל-געשניצטער נאָז, דער זעלבער שמייכל, אפילו, דער זעלבער שניט פון די אויגן, נאָר מיט אַן אַנדער שפּראַך אין זיי. — ווען די אויגן פון זיין טאַטן

האָבן צו דער גאַנצער וועלט געוועדט בעטנדיק: „זעט, לאָזט מיך געמאַך, איך טשעפּע דאָך אויך קיינעם ניט" — האָבן זיין זונס אויגן געגלאַנצט האָפערדיק, אַרויסרופנדיק און אַגרעסיוו.

*

* *

ווען שיפּמאַנאָוויטש איז זיך צוזאַמענגעגאַנגען מיט מאַריאַ גאַלוועז, האָט ער גאָרנישט געמאַכט קיין ווען פון דער ייד און גוי־פראַגע. פאַר אים, — יאָרן לאַנג אַ דערצויגענעם אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, — איז דאָס אינגאַנצן קיין פּראָבלעם ניט געווען. דאָס גלייכן מאַריאַ. זי האָט געוואוסט, אַז זי גייט חתונה האָבן פאַר אַן אויסלענדער, — פאַר אַ „רוסאָ". (יידן פלעגט מען אַמאָל רופן „רוסאָס"). זי האָט געוואוסט, אַז די „רוסאָס" באַהאַנדלען גוט זייערע פרויען, גיבן זיי אַ פיין לעבן און זיינען אָנשטענדיקע, גוטע פאַמיליע־מענטשן. זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ „גרינגיטאָ קאָן אָכאָס אַסולעס" (אין אַ גרינינקן מיט בלויע אויגן). אָבער אַז, דער „גרינגאָ" זאָל גאָר זיין אַ ייד, — דאָס איז איר ניט איינגעפאַלן, אפילו. זי האָט בכלל, דאַן, קיין באַגריף ניט געהאַט וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס אַ ייד.

אָבער מיט דער צייט איז איר אַלץ קלאָר געוואָרן. עפּעס איז אויף דער וועלט פאָרגעקומען. איין טייל פון דער ערד האָט אַזוי אַ ציטער געטאָן, אַז פון דעם עכאָ, האָט די גאַנצע וועלט זיך גענומען טרייסלען.

אין דער צייט, ווען אין אייראָפּע, זיינען מיליאָנען מענטשן געפירט געוואָרן צו דער שחיטה און דאָס יידישע פאָלק איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן, אונטער דער באַגלייטונג פון קוילערישע געשרייען: הרגעט, שלאָגט, שחט! — האָבן, ווי אַ ווידער־קול, די דאָזיקע געשרייען אָפּגעהילכט, אין די מיילער פון די קוילערס פון דער גאַנצער וועלט.

דער רויך פון די קרעמאַטאָריעס, דער גיפט פון די גאַז־קאַמערן, האָבן זיך צעשפּרייט, איבער דער גאָרער וועלט, האָבן איר פאַרסמט און פאַרחושכט, — און די דאָזיקע פינצטערניש האָט אויף די יידן געשפּיגן, זיי באַליידיקט.

די ווילדע, מערדערישע געשרייען, האָבן מיט מערער אימפעט דערגרייכט צו די דרום־שטעט פון טשילע, אין וועלכע עס וואוינען אַ סך דייטשן, — דאָרטן, וואו שיפּמאַנאָוויטש מיט מאַריאַ גאַלוועז האָבן געלעבט.

מאַריאַ האָט אויפגעהערט צו קוקן אויף שיפּמאַנאָוויטשן, ווי אויף איר מאַן, ווי אויף דעם טאַטן פון איר קינד. זי האָט אין אים איצט נאָר געזען דעם כודיאָ, דעם מיזעראַבלען, דעם קאַרגן, — די פאַרצוקנדיקע חיה.

שיפּמאַנאָוויטש איז, דוכט זיך, דער זעלבער, ווי שטענדיק, פירט זיך אויף, ווי תמיד, נאָר זי, מאַריאַ, זעט אים דאָך, ווי אַן אַנדערן.

זעט זי אים אויסציילן געלט, וואָס ער דאַרף אָפּצאָלן די סוחרים, ווענען ער איז שולדיק, — אַהאַ! — דער קאַרגער ייד! ער באַהאַלט דאָס געלט. ער גיט עס מיר ניט (מאַריאַ, האָט, ווי אַן אָפּשטאַמלינג פון אינדיער, ניט געהאַט דעם באַגריף פון אייגנטום). — ציילט ער שוין, אַ צווייטן מאָל, דאָס געלט, אין אַ באַזונדערן צימער, כדי אויסצומיידן מחלוקת, איז ווידער: — „דער ייד האָט מורא, באַהאַלט זיך, ווען ער ציילט דאָס געלט". און אָט אַזוי, ייד אַהער און ייד אַהין.

און ער — שיפּמאַנאָוויטש?

שיפּמאַנאָוויטש איז אינגאַנצן באַהערשט געוואָרן פון אַנדערע געפילן.

יעדן טאָג שמייסט ער זיך אַליין, אין פּנים אַריין, דעם פאַרברעכן, וואָס ער איז באַגאַנגען, — הלמאי ער האָט פּונקט אויסגעקליבן, זיך צו דערווייטערן פון זיין פאָלק, דאָן, ווען עס ווערט געשלאָגן און געפּייניקט, גערודפט און אויסגעהרגעט. דערצו דאַרף ער נאָך וואוינען מיט אַ יידן־שונא, אונטער איין דאַך.

— וואַרט, וואַרט, — רעדט ער אין זיך אַליין אַריין, — וועסט נאָך זען! פון דיין שטאָם וועט נאָך אַרויסוואַקסן אַ רוט, וואָס וועט שמייסן דיינע אייגענע ברידער...

ער באַטראַכט, תמיד, זיין שלמהלען, מיט דער גרעסטער ליבע און צאַרטקייט. שלמהלע איז דאָך דער איינציקער, לעבעדיקער אוצר, וואָס ער פאַרמאָגט. אָבער, גלייכצייטיק מיט דער ליבע און פרייד, לעבט ער אויך איבער די גרעסטע שרעק.

עס דוכט זיך אים, אַז ער, שלמהלע, זיין זון, וועט נאָך אויסוואַקסן אַ יידן-פּיינט און וועט נאָך אַמאָל שלאָגן יידן, אויך.

איבערהויפּט זעט ער דאָס בולט, אין די פינצטערע חלומות, וואָס ער מאַכט, לעצטנס, דורך.

זיין גוטער, צאַרטער פאָטער, רייסט אים אָפּט אין שלאָף, שטעלט אָן אויף אים זיינע מילדע רחמנות-אויגן און טענהט צו אים: „זע, משהלע, זע ווער עס שלאָגט. זע דיין אייגן פלייש און בלוט, דיין אייגן קינד. גוט אַזוי? אַזוי האָסטו מיר דאָס אָפּגעטאָן? אַזוי שיין האָסטו באַצאָלט דיין טאַטן, דיין זיידן און אונדזערע אבות-אבותינו, וואָס האָבן זיך מקריב געווען, צו זיין יידן?"

משה שיפּמאַנאָוויטש זעט, אין שלאָף, ווי פון איין זייט שטייט אַ דייטש, מיט אַ גומענעם בייטש אין האַנט, און פון דער אַנדער זייט שטייט זיין שלמהלע און זיי קאַטעוועןביידע, איבער דער אַל-טער, איינגעבויגענער פלייצע פון זיין טאַטן. ער כאַפּט זיך דאַן אויף, אָן אויסגעבאָדענער אין שוויים, קוקט אויפן בעטל פון זון, דרייט, פאַרצווייפלט, מיטן קאָפּ, הין און הער, און לעבט נאָכדעם איבער אַ סך, אַ סך שווערע טעג, — טעג פון פיין און יסורים.

*

* *

אויף דעם טור, וואָס עס איז מיר אויסגעקומען דורכצומאַכן, איבער אייניקע זיד-אַמעריקאַנער לענדער, האָב איך אויך באַזוכט די שטאָט וו.

נאָך דער פאַרלעזונג, וואָס איך האָב דאָרטן געהאַלטן, אין דעם יידישן צענטער, בין איך אַרומגערינגלט געוואָרן, ווי דער שטייגער איז, פון אַ פּאָר צענדליק יידן. דער האָט אויסגעדריקט אָנערקענונג, יענער האָט עפּעס געפרעגט, איינער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף לאַנדסלייט און גאָר אַן אַנדערער האָט זיך באַנוגנט מיט אַ שטילן שלום-עליכם — סתם אָנגעקוקט דעם גאַסט אין פּנים אַריין און אַוועק נאָכדעם מיט אַ פאַרלעגענעם שמייכעלע.

עטלעכע נאָענטערע מענטשן, האָבן ניט אָפּגעלאָזט דעם גאַסט און אים פאַרבעטן אויף אַ גלאָז טיי אין קאַזינאָ פון יידישן צענטער. דער קאַזינאָ איז געווען העל-באַלויכטן, האָט עלעגאַנט אויסגע-

זען און דער קאָנפאָרט האָט פון אַלע זייטן איינגעלאָדן: „קום אַריין, ביטע, קום אַריין”.

ביי קליינע טישלעך זיינען געזעסן צו צוויי דריי מענטשן, וואָס האָבן, ביי אַ גלעזל טיי, געמיטלעך פאַרבראַכט.

ביסלעכווייז איז די גרופּע, אַרום גאַסט, אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן.

די קליינע טישלעך האָבן זיך גענומען צונויפרוקן און פון אַלע טישלעך איז געוואָרן איין לאַנגער טיש, אַרום וועלכן עס איז געוואָרן פריילעך און מונטער.

נאָר איין טישל איז געבליבן שטיין אַ פאַראיינזאַמטער, אָן אַ זייט.

ביים טישל איז געזעסן אַ מענטש, איינער אַליין, — קענטיק אַ צוגערייזטער פון פּראָווינץ, וואָס קען קיינעם ניט און קיינער קען אים ניט.

דער מאַן, ביים טישל, האָט האַסטיק און גיריק געצויגן אין זיך דעם רויך פון זיינע ציגאַרעטלעך און אים נאָכדעם אַרויסגעלאָזן אין געקרייזלטע וואָלקנדלעך, פאַרטרינקענדיק דערביי, פּאַוואָלינקע, מיט קליינינקע זופּעלעך, פון אַ שוואַרצן קאַווע, וואָס האָט געציטערט אין זיין האַנט.

פון וויטן האָב איך אויך געקענט באַמערקן, ווי זיינע אויגן ריידן זיך אַדורך מיט זיך אַליין, בלאָנדזען, פון צייט צו צייט, איבער מיין פּנים און נעמען סוף־כּל־סוף אָן אַן אויסדרוק פון הסכּמה.

איך האָב אויך געפילט, ווי דער מענטש פון דעם אַנטקעגנדיקן טישל, וואַרט אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט, כּדי מיט מיר צו פאַרפירן אַ שמועס.

און טאַקע — נאָכדעם, ווי די אַרומיקע האָבן זיך איינציקווייז גענומען אָפּזעגענען, — בעת די גרופּע איז שיטערער און שיטערער געוואָרן, האָט זיך דער מאַן פון אַנטקעגן צו מיר אַנטשלאָסן דער־נענטערט, האָט מיר אויסגעשטרעקט, גאַר פריינטלעך, זיין האַנט און מיט אַ שמייכל אַ פרעג געטאָן: — וואָס מאַכסטו, מנשה? דער־קענסט מיר גאָרניט?

די נייגעריקייט צו וועלן וויסן, ווי אַזוי קומט דאָ אַ מענטש, וואָס רופט מיך, אַזוי פאַמיליער ביים נאָמען — און נאָך אויף „דו” דער־

צו — און דעם מאַנס שמייכעלע, וואָס איז מיר אויסגעקומען עפּעס ווי אייגן, האָבן געפּרואווט וועקן מיין זכרון, האָבן דאָס אָבער ניט געפּועלט.

נאָר ווען זיין מוזיקאַליש-באַטעמטער קול, האָט וואַרים אויס-געשריען:

— מנשה, מנשה? וואָס איז מיט דיר?! דערקאָנסט ניט דיין פריינט, משהן, משהל שיפּמאַנאָוויטש?! — האָב איך מיין אַלטן חבר אַריינגענומען אין מיינע אָרימס, אים געדריקט צו זיך און פאַרמאַכנ-דיק, אויף אַ ווײַלע מיינע אויגן, האָב איך אויף בליץ-שנעל, אין מיין דמיון, משהס קאָפּ באַדעקט מיט בלאָנדע לאָקן, אים אויסגעגלעט די קישעלעך פון אונטער די אויגן, אויסגעגלייכט די קנייטשעלעך אַרום זיינע אויגן-שניטן און מויל-ווינקלען און פאַר מיר איז טאַקע געשטאַנען דער זעלבער שיפּמאַנאָוויטש פון אַמאָל, מיט וועמען איך האָב יאָרן לאַנג צוזאַמען געלעבט און געקעמפט.

איך בין געבליבן מיט מיין פריינט אַליין און האָב זיך איבער-געזעצט צו זיין טישל.

משה האָט מיר דערציילט די געשיכטע פון זיינע לעצטע פופצן יאָר לעבן, זינט מיר האָבן זיך צעשיידט. — אַ טייל פון דער דאָזיקער געשיכטע, האָב איך דאָס, פריער, איבערגעגעבן.

ווען מיינע אויערן האָבן, מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמ-קייט, פאַרנומען די רייד פון מיין פריינט, האָבן מיינע אויגן, ווייט, ווייט אַרומגעבלאָנדזעט אין דער פאַרגאַנגענהייט:

אָט האָב איך געזען, משהלען, אַ מונטערן, אַ גלויביקן, דעם אָרגאַניזאַטאָר פון אומלעגאַלע „סכאָדקעס” (צוזאַמענקומען), אָט זע איך אים שפּעטער, ווי ער רופט צום שלאַכט, — גיכער מיט דעם וואונק פון דעם ווייסן באַנדאַזש, וואָס האָט זיך אַרויסגעגנבעט, פון אונטער זיין רויט-אַרמייאישער, אָפּיצערישער, ברייטער פּאַלערינע, ווי מיט זיינע רייד — און מיין פריינט איז מיר געוואָרן נאָענט, ווי אַמאָל.

און פונקט דאַן, ווען איך האָב מיין פריינט געזען אונטער דער רויט-אַרמייאישער פּאַלערינע, האָט ער מיר פאַרענדיקט צו דער-ציילן, וואָס ער טוט אַליין, כדי זיין זון זאָל ניט אויסוואַקסן קיין יידן-פיינט: ער דערציילט אים וועגן יידן, וועגן זייער לעבן, וועגן זייער

פאַרגאַנגענהייט. ער האָט אים אפילו געפּירט, יום־כּפּור, אין שול אַריין. זאָל ער זען יידן. זאָל ער זיי זען אין זייער פּורכט. אפשר וועט דער איינדרוק פון דער צוזאַמען דורכגעלעבטער מורא, אַמאָל אָפּ־האַלטן זיין האַנט, פון צו הויבן זיך, אַנטקעגן אַ יידן.

מיין חבר האָט דערביי נעבעכדיק געשמייכלט און פאַרלעגן גע־קוקט אויף מיר.

זיינע אויגן האָבן געבעטן ביי מיר פאַרגעבונג און געמאָנט פאַרשטענדעניש. און פון זיינע קנייטשעלעך, אַרום זיינע שמייכלענ־דיקע מויל־ווינקלען, האָט שעמעוודיקייט אַרויסגעקוקט.

*

* *

עס זיינען פאַרביי עטלעכע יאָר, זינט איך האָב באַגעגנט מיין חבר שיפּמאַנאָוויטש. איך פלעג, אָפּט מאָל, מיטליידנדיק, זיך דער־מאָנען, אָן מיין אַלטן פריינט און פלעג אַריינפאַלן אין טרויער.

איינמאָל — עפענענדיק אין אַן אינדערפרי די מאָרגן־ציימונגען, — האָב איך אין אַלע געפונען די זעלבע ידיעה: „פון דער שטאָט וו. איז דער הער מ. ש. אַנטלאָפן מיט זיין אַ יינגל פון 12 יאָר, אויף אַן עראָפּלאַן, קיין ישראל. ווי מען גיט איבער, האָט דער מאַן, מיט אַ טאָג פריער, געהאַט אַ העפטיקע קריגעריי מיט זיין פרוי. דאָס זאָל זיין די סיבה פון זיין אַנטלויפן".

איך האָב די דאָזיקע ידיעה געלייענט איינמאָל און נאָכאַמאָל. פון צווישן די שוואַרצע אותיות פון דער ציימונג האָט זיך אויסגע־שיילט פאַר מיינע אויגן דאָס געשטאַלט פון מיין חבר. ער האָט אויסגעזען, ווי אַן אויסגעהיילטער, נאָך אַ לאַנגער, שווערער קראַנ־קייט, וואָס האָט אים יאָרן לאַנג געמאַטערט.

איך האָב אים געזען אַן אויסגעגלייכטן, מיט אָפענע אויגן, אַריינגעזויגן אין דער ליכט פון הימל, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל, נאָך אַ סך יאָרן, די ליכט פון דער זון דערזען, ווי די וועלט וואָלט פאַר אים אַ נייע געשטאַנען.

.1950

אַוועקגעוואָרפן

וועלוול פרידמאַן איז אָנגעקומען אויף דער באַן־סטאַנציע, פון סאַנטיאַגאָ, נאָך האַלבער נאַכט.

הונדערטער מענטשן זיינען אָנגעקומען פון יענער זייט אַנדן און פון לאַנד גופא און האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער גרויסער מאַסע, וואָס האָט מיט אומגעדולט דערוואַרט די רייזנדיקע.

פרייד־אויסגעשרייען, ווערטער פון פריינטשאַפט און אויסרופן אין אַלערלייאיקע לשונות, האָבן זיך אויסגעמישט אין דער לופט. נאָענטע זיינען איינע די אַנדערע געפאַלן אין די אָרימס, אויף די העלדזער און זיך צעקושט.

נאָר דאָס קושן זיך איז געווען די איינציקע שפּראַך, וואָס אַלע האָבן פאַרשטאַנען.

וועלוול, נאָר, האָט זיך געשלעפּט, איינער אַליין, צווישן עולם און זיך אָפּט אָנגעשטויסן אָן די מענטשן.

ער האָט זיך געשלעפּט מיט זיינע צוויי גרויסע, שווערע, עמיגראַנטסקע פּעק, וואָס האָבן אים געצויגן צו דער ערד אַראָפּ.

ווען ער איז שוין געווען אויף דער גאַס, איז צו אים צוגעלאָפן

אַ מאַן, געריסן די פּעק פון זיינע הענט און אַריינגעשטופּט אין זיי אַ קאַרטל פון אַ האָטעל.

טשאַ־קאַ־קאַ־טשאַ — טשאַ־קאַ־בו־קאַ — האָט ער קוים איבער־גייעלנט. און דאָס וואָרט האָט אים אַזוי מאָדנע, אַזוי ווילד־פרעמד געקלונגען.

דער מאַן האָט אים — צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאַרשוין — אַריינ־געזעצט אין אַ גרויסן, אַלטן פאָרד, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן אויסגעשפּאַנטע קאַרעטע און אַוועקגעפירט אין האָטעל אַריין.

דער האָטעל איז געווען אַן אַלט־מאָדישער. ער האָט זיך געפונען ערגעץ זייער ווייט.

די טרעפּ פון האָטעל זיינען געלעגן קיילעכדיק און געבויגן פאַר אַלטקייט און מחמת אַזוי פיל טרעטן איבער זייער קאַרק. — זיי האָבן פאַרלאָרן זייער קאַנטיקייט.

דאָס צימערל, וואָס וועלוול האָט פאַרנומען, האָט געהאַט אַ קליין פענצטערל, אין דער הויך פון דער וואַנט, אין דער פאָרם פון אַ פיר־קאַנטיקן קעסטעלע. און אַ חוץ אַ בעט איז נאָך דאָרטן גע־ווען אַ טישל מיט אַ בענקל און אַ טואַלעט, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ פאָרצעלייען־געבלימטע, גראָבע שיסל, מיט אַ קרוג אויף וואַסער, פון דעם זעלבן פאָרצעליי, מיט די זעלבע בלומען.

דאָס צימערל האָט געדרושט מיט שטילקייט און אָנגעוואָרפן אויף וועלוולען אַ קעלט, כאָטש עס איז געווען אינמיטן זומער.

אַ חוץ דעם האָט ער, אין דעם קליינעם צימערל, דערשפּירט, צו פיל, זיך אַליין.

פון דעם טאָג, וואָס ער האָט פאַרלאָזן זיין היים ביז איצט, איז ער געווען אויסגעמישט מיט מענטשן, סיי אויף דער שיף, סיי אין באַן.

אויסער דעם, האָט ער איבער דעם אומענדלעכן ים, אויף וועלכן ער איז געשוואומען, איבער די אַרגענטינער, ברייטע סטעפּעס, אויף וועלכע ער איז געפאָרן און קלעטערנדיק מיטן שמאָלן באַן איבער די רוקנס פון די קאָרדיזשערן־בערג — פאַרביי די אָפענע מיילער פון טיפע אָפּגרונטן — זיך געפונען אינגאַנצן פאַרלאָרן אין דעם אומענדלעכן אַרום.

ערשט דאָ, אין דעם קליינעם האָטעל־צימערל, האָט ער זיך אַליין אָפּגעפונען.

ער האָט זיך, אַ מידער פון קאַרגע צוויי מעת־לעת פאָרן מיט דעם באַן, אויסגעצויגן אויפן בעטל. אָבער איינשלאָפן האָט ער ניט געקענט.

ספקות זיינען אים באַפאַלן פון אַלע זייטן, געטאָרקעט זיין מידן גוף און זיך געגרויעט אין זיין מח, ניט געלאָזן צורו:

„און אפשר האָב איך טאַקע געדאַרפט פאָלגן מיינע אַלטע טאַטע־מאַמע און ניט פאָרן? איי די קליינט האָט זיך וואָס פון טאָג אַלץ מערער אויסגעליידיקט, די לעכער פון די פּאַליצעס האָבן אַרויס־געקוקט מיט אימה צו די קונים און פריער זיי פון דאָרטן פאַרטריבן און נאָכדעם אויך מיר? האָב איך זיך אפשר ניט געדאַרפט לאָזן פאַרטרייבן? — דאָרטן בין איך דאָך פאָרט געווען וועלוול פריד־מאַן, ניט קיין פאַרלאָרענער, אומעטום אַן אַנגענומענער. עס איז נאָר געווען גענוג אַ זאָג צו טאָן, „איך בין פון די פרידמאַנס", אַז מען זאָל אַנדערש קוקן אויף דיר און מען זאָל דיר אַנטקעגן גיין. און דאָ ווער בין איך דאָ, וואָס בין איך דאָ און וועמען האָב איך דאָ? — אַ שטומער, אַ פאַרלאָרענער, אַן אַ גואל, אַן אַ פריינט און נאָך אַן געלט דערצו".

אין אַ ווינקל פון זיין זכרון, איז נאָך געלעגן באַהאַלטן איין שטיקל האָפענונג — דער אַדרעס פון זיין לאַנדסמאַן, לייזער גאַרבער.

דורך די בריוו, וואָס לייזער האָט געשיקט אין דער היים, האָט ער זיך דאָס דערוואוסט פון דעם טשילע.

ער האָט אין זיין מידקייט, אין זיין האַלב־שלעפערדיקייט, אַלע ווײַלע איבערגעטאַפּט אין זיין זכרון, אָט דאָס שטיקל האָפענונג — די נומערן, די אותיות פון דעם לאַנדסמאַנס אַדרעס און דער דאָ־זיקער שפּליטער פון האָפענונג האָט אים אַן אויסגעשעפּטן פאַר־שלעפערט.

פאַרטאָג איז ער אויפגעוועקט געוואָרן פון דעם לעבעדיקן גע־קלאַפּ פון די טראַמווייען, וואָס זיינען געלאָפן אָפּגעפרישטע, נאָך אַ נאַכט פון רו, איבער די ליידיקע גאַסן פון סאַנטיאַגאָ.

אַ פייף פון אַ באַן האָט אַנגעזאָגט דער וועלט, אַז ער קלייבט זיך אין וועג אַריין.

וועלוול איז אויפגעשטאַנען, כאָטש עס איז נאָך געווען זייער פרי. ער האָט מיט זיין פריען אויפשטיין געוואָלט צואיילן דעם אָנקום פון טאָג.

ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן, אָפזוכן דעם לאַנדסמאַן.

די גאַסן זיינען נאָך געלעגן רואיק אויסגעצויגן אין זייער לעצטן שלאָף. וואו־ניט־וואו האָבן זיי זיך געגומען טשוכענען. פון אַ שלאָפעדיקער שטוב, וואָס האָט נאָך געהאַלטן צוגעמאַכט אירע לאָדנס, האָט זיך אָן עפן אויף געטאָן אַ טיר, וואָס האָט אַרויסגעלאָזן אַן אַרבעטער, מיט אַ קלומיקל אין די הענט און מיט אַ שטיקל ניט דערשלאָפענער נאַכט אין די אויגן.

וועלוול האָט זיך דערוייל דערפרעגט דעם אַדרעס פון זיין לאַנדסמאַן ביי די מענטשן, וואָס האָבן זיך באַוויזן איבער די גאַסן.

ווען וועלוול איז צוגעקומען צו דעם אַדרעס פון זיין לאַנדסמאַן, איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער. — דער אַדרעס איז דער זעלבער, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים, אָבער וואו איז דאָ ערגעץ די „קאַסאַ פאַלאַניאַ?" ער האָט נאָך אין דער היים, מיט דער הילף פון אַ ווערטער־בוך, זיך דערוואוסט די באַדייטונג פון וואָרט „קאַסאַ" — „קאַסאַ" מיינט אַ האנדלס־הויז. ער האָט זיך, לכן, געריכט צו געפינען דאָ אַ וואָסער עס איז געשעפט. און געפונען האָט ער גאָר אַ פשוטע וואוינונגס־הויז. וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

די טיר פון דער שטוב, ביי וועלכער וועלוול איז געשטאַנען אַ היבשע ווילע און געוואַרט, האָט זיך פלוצלינג אָן עפן אויף געטאָן און אַנטפּלעקט פאַר אים דעם סוד, אַז די „קאַסאַ פאַלאַניאַ" געפינט זיך אין איינע פון אירע צימערן.

„אָט דאָס איז „קאַסאַ פאַלאַניאַ" — האָט אים מיט אַ שמייכל אָנגעוויזן לייזער גאַרבער אויף זיין שרייב־טישל, איבער וועלכן עס איז געהאָנגען אַ צעקעסטעלטע פאַליצקע, וואו עס זיינען געלעגן ווייסע, צעווירעטע קאַרטלעך, פאַרשריבענע מיט אַדרעסן און ציפערן און אויף אַ פעקל מיט שניט־סחורה, וואָס איז געלעגן אַ גוט צונויפגעלייגטס אויף אַ בענקל. „און דאָ" — האָט ער אים אָנגעוויזן אויף אַ צווייטן צימער — „דאָ געפינט זיך „קאַסאַ רומאַניאַ". דאָ וואוינט אַ רומענישער".

לייזער גאַרבער איז געווען גוט אויפגעלייגט. ער האָט מיט עפּעס געוואָלט דינען פרידמאַנען, זיין לאַנדסמאַן, דעם יחסן. ער האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ דערבייאיקער קאַפע און לאַנג איין אים אַריינגעטענהט, ער זאָל זיך ניט זאָרגן, וועלוול, עס וועט זיין „מועי ביען" (זייער גוט), אַז אַרבעטן זאָלן בעלגישע פערד און אַז טשילע איז אַ וואויל לאַנד.

— פאַרשטייסט, וועלוול, דו דאַרפסט זיך נעמען צום „פּעקל" (דאָס מיינט אַרומגיין מיט אַ פּעקל סחורה), צו „סעמאַנאַל" (פאַר־קויפן אָפּצוצאָלן וועכנטלעך) — דו קענסט ניט ריידן? — נאָך בע־סער. ביי אַ גרינעם קויפן די „מאַריאַס" (מאַריאַס הייסן די קונהטעס, ווייל מאַריאַ איז זייער אַ פּאָפּולערער נאָמען) נאָך גיכער. און „טשוועקעס" (שלעכטע צאָלער) מאַכט אַ גרינער אויך ווייניקער. פון אָנפאַנג קענסטו נעמען ביי יענעם אַ „פּעקל" — אויב דו ווילסט — נאָכדעם, אַז דו וועסט זיך אַ ביסל אויסגרינען, וועסטו אָנהויבן צו אַרבעטן פאַר זיך. קענסט אויך גלייך אָנהויבן אַרבעטן פאַר זיך.

וועלוול איז געזעסן מיט אַן אָפּענעם מויל. עפּעס רעדט לייזער צו אים, דוכט זיך, יידיש און דאָך פאַרשטייט ער אים ניט. „בעלגי־שע פערד זאָלן אַרבעטן" — זאָגט ער — און פונדעסטוועגן ראָט ער אים, ער זאָל אַרבעטן פריער ביי יענעם, נאָכדעם פאַר זיך? און דאָס מיינט עס „פּעקל", „מאַריאַס", „טשוועקעס".

היינט, לייזער? עפּעס איז דאָס יאָ דער זעלבער לייזער און ניט דער זעלבער. ער איז — פאַר די פאַר יאָר, וואָס ער האָט פאַר־לאָזן זייער שטעטל — געוואָרן גאָר אַן אַנדערערער, האָפערדיקער ביי זיך, קליגער.

לייזער צעצאָלט זיך מיטן קעלנער, הויבט זיך אויף פון אָרט, גיט גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ וועלוולען איבער דער פּלייצע און זאָגט: „עט, וועלוול, ניט געזאָרגט. עס וועט זיין, ווי מען זאָגט דאָס „מועי ביען". קום מיט מיר אַ פּאָר טעג און איך וועל דיר אויסלערנען די מלא־כה פון „סעמענאַל". נישקשה, אונדזערע גרעסטע גבירים, היינטיקע, האָבן אַלע געאַרבעט פריער „סעמאַנאַל". אַלע האָבן דערמיט אָנ־געהויבן".

אַרויסגייענדיק פון קאַפע, האָבן זיי זיך אויפגעזעצט אויף אַ

טראַמוויי, וואָס האָט זיי אַוועקגעפירט אַ ביסל אויסער דער שטאָט. דאָרטן האָט לייזער זיין קליענטור געהאַט.

לייזער האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ פּעקל קאַרטלעך, וועלכע ער האָט גערופן „טאַרכעטלעך", האָט זיי אויסגעסדרט, לויט די גאַסן נאָך, לויט די אַדרעסן און גענומען גיין.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין איין טיר, אין אַ צווייטער, אין אַ דריטער און איז אַזוי געגאַנגען פון איין קליענט צום צווייטן, פון איין גאַס אין דער אַנדערער. פון טייל הייזער האָט מען אים אַרויסגעטראָגן געלט, פון אַנדערע האָבן זיך די טירן אינגאַנצן ניט געעפנט און אין אייניקע האָט מען אים פאַרבעטן אַריינצוגיין. דאָרטן וואו מען האָט אים געבעטן אַריינקומען אין שטוב אַריין, פלעגט מען אים קיין געלט ניט געבן, נאָר לאַנג ריידן צו אים.

וועלוול איז אים נאָכגעגאַנגען.

לייזער איז אַזוי אַרומגעגענאַגען מיט וועלוולען דעם ערשטן האַלבן טאָג.

אויסליידיקנדיק די פולע קעשענעס ביי זיך אין צימער, האָט לייזער וועלוולען דערקלערט, אַז דאָס „קאַברירן" (דאָס קאַסירן) איז טאַקע אַ שווערע אַרבעט, איבערהויפּט אין די ערשטע טעג פון חודש, ווען מען דאַרף זיך אַ סך אַנגיין. דערפאַר איז אָבער די „וועגטאַ" (דאָס פאַרקויפן) איינע פון די לייכטסטע זאַכן. מען גייט פּאַוואָלינקע, שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן און מען קלאַפּט (אין די טירן). און אַז מען האָט אַ „קליענטעלע" (אַ קונדשאַפט), דאַרף מען שוין דאָס אויך ניט. מען טראָגט נאָר פאַרנאַנדער די „ענקאַר־גאָס" (די באַשטעלונגען). פונדעסטוועגן — האָט לייזער געזאָגט צו וועלוולען — איז בעסער, אַז מען קלאַפּט אָן יעדן טאָג אַ נייעם קליענט — אַ נייער בעזים קערט בעסער.

אויף דעם אַנדערן טאָג איז וועלוול ווידער געקומען צו לייזערן.

איצט האָט אים לייזער געדאַרפט ווייזן די מלאכה פון פאַר־קויפן, פון „קלאַפּן".

לייזערן האָט ער געפונען אין פולן „סטרוי". ער האָט אים כמעט ווי ניט דערקאַנט. דאָס איז ניט געווען דער נעכטיקער געפוצטער לייזער. היינט איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ פּאָר גערעמע, אַלטע, צעליאַפּעטע, שוין לאַנג ניט קיין געפוצטע שיך, אין אַ פּאָר ברייטע,

ווי די זעקלעך, אראפהענגענדיקע הויזן, אין א געל, קארטענעם, לייכטן רעקל און אין א הארטער, פארשווארצטער, שטרויענער הוט.

— וועלוול, דאס פעקל האט פיינט דעם פוץ — האט ער אים באגעגנט.

— ביי דער ארבעט דארף מען גיין אנגעטאן אין דאס ערגסטע, וואס מען האט. ביי דער דאזיקער מלאכה ווערט פון די זאכן א בארג אש. מען דארף אויסקריכן אלע בלאטעס, מען ווערט פארפאראשעט און מען פארטשעפעט זיך אן אלע כאליערעס.

לייזער האט ארויפגעלייגט אויף זיין אקסל א שמאל־צונויפגע־פאקטן פעקל, וואו עס האט זיך געפונען זיין גאנצע קראם — פון א שטיקל לייוונט אויף ווינדעלעך ביז א קאפע, דאס בעט צו פאר־דעקן. — און זיך געלאזט גיין.

וועלוול איז אים נאכגעגאנגען א שווייגנדיקער.

זיי האבן ווידער געגומען דעם זעלבן טראמוויי, וואס נעכטן. נאר דאס מאל האט ער זיי אוועקגעפירט א ביסל נאך ווייטער, אהין וואו דער הימל זעט זיך אן א ברייטערער און פון צווישן שטיבל און שטיבל, רייסט זיך אדורך א גרין גרעזל, וואס ציט זיך צו דער זון.

לייזער איז שוין ניט געגאנגען לויט קיין אדרעסן, נאר געקלאפט פון טיר צו טיר, מיט אזא מין אייזערנעם הענטל, וואס איז געהאנגען איבער זיי.

פון די טירן פלעגט זיך באווייזן א קאפ פון א פרוי, פון א שטוב־מיידל, אדער פון א קינד. כמעט אלע האבן זיי געמאכט די זעלבע באוועגונג, מיטן ווייז־פינגער פון דער רעכטער האנט, אויף הין און צוריק — ווען זיי האבן דערזען לייזערן מיטן פעקל אויפן אקסל. — דאס האט געדארפט הייסן — ניין, ניין.

אנדערע האבן זיך צעשריען, צעבייזערט.

וועלוול האט ניט פארשטאנען, וואס זיי שרייען און לייזער האט זיך ניט געמאכט קיין צימעס פון זייער שרייען.

אז א טיר האט זיך געעפנט פון א באלעבאסטע אליין און זי האט איר גלייך ניט פארהאקט, איז לייזער געווארן האפערדיקער ביי זיך. ער האט צוגעדריקט א שפיץ פון זיין שוך צו דער טיר און אריבערגעלייגט דאס פעקל זיינס אויף דער קני. דאס זאל הייסן ער וויל אפכאפן א ביסל דעם אטעם. דאן האט ער אנגעהויבן צו

שיטן פון זיך רייד און רייד. ווּעלוול וואָלט געשוואָרן — כאָטש ער פאַרשטייט ניט די שפּראַך, — אַז די רייד זיינען געווען די זעלבע, איבערגעחזרטע. נאָכדעם איז ער שוין אַריינגעבעטן געוואָרן אינע־ווייניק. די באַלעבאָסטע האָט זיך איבערגעשריען, דורך דער וואַנט, מיט אַ דערבייאיקער שכנה, וואָס איז באַלד אַריינגעקומען. ביידע פרויען האָבן זיך באַגייסטערט מיט די געבלימטע רעשטלעך זייד און אַנדערע סחורות און לייזערס פּעקל איז געוואָרן אַ ביסל קלענער און לייכטער.

לייזער האָט אַרויסגענומען אַ ביכעלע, אַריינגעשריבן אַהין דעם נאָמען, דעם אַדרעס פון דער קונה, גענומען האַנטגעלט און איז אַוועק.

— זעסט, וועלוול, איצט וועט עס שוין גיין ווי געשמירט, אַבי אַ „פעטשאַטעק״ געהאַט. פאַרשטייסטו, וועלוול, סתם פאַרקויפן איז קיין קונץ ניט. מען דאַרף זיך היטן פון „טשוועקעס״. זאָלסט פריער פּאָר אַלץ קוקן אויף די טירן. אויף אַ סך טירן איז פּשוט אָנגעשריבן — „טשוואָק״. פון אַזאַ טיר זאָלסטו וויי‌כן. דאָ איז שוין אָן אַנדערער אַריינגעפאַלן. טאָמער רופט מען דיר פון גאַס — זאָלסטו ניט גיין. דאָרטן וואו עס איז שווער צו פאַרקויפן, איז נאָכדעם לייכט צו „קאָברירן״.

אויף דעם דריטן טאָג, נאָכדעם ווי וועלוול איז אָנגעקומען קיין טשילע, האָט ער זיך געטראָפן מיט לייזערן ביי דעם הורטאָווניק, מילנערן.

מילנער, אַ געפּאַקטער יידל, מיט אַ רויטן פּנים, אַ רויטן קאַרק און אפילו אַ רויטן פּליך, זאָגט קאַלט צו לייזערן:

— קע דיסע? (וואָס זאָגסטו?)

— איך וויל איר זאָלט געבן אַ פּעקל דעם גרינעם.

— געבן? איך גיב ניט. איך פאַרקויף.

— כע, כע, כע, פאַרשטייט זיך, סעניאָר מילנער, פאַרשטייט זיך.

— נו, און שרייבן, לייזער? דו שרייבסט?

— אָבער, סעניאָר(הער), מילנער, ער איז אַ פיינער מענטש, אַ טאַטנס אַ קינד. איך קען אים פון דער היים. ער איז מיינער אַ „פּאַיסאַן״ (לאַנדסמאַן), צוזאַמען אין איין חדר געגאַנגען.

— ווער דאַרף זיין יחוס? ! וואָס מיר יחוס, ווען מיר יחוס, דו שרייבסט?

— איך שרייב.

מילנער איז געשטאַנען פון איין זייט טיש און לייזער פון דער אַנדער זייט און דאָס בערגל סחורה האָט זיך געהויבן.

וועלוול איז געשטאַנען אינגאַנצן אַ צעטומלטער. אַלץ טוט זיך אַרום אים. דאָס איז דערוויילע. אָבער מאָרגן? מאָרגן דאַרף ער אָנהויבן די „קאָמעדיע”. מאָרגן דאַרף ער אַרויסגיין אָן אָנגעלאָדע־נער ווי אַן אייזל, גיין איבער די גאַסן, קלאַפּן אין די טירן, שטערן מענטשן אין זייער אַרבעט, אָדער אין זייער רו, אויסגעזידלט ווערן, געטריבן ווערן ווי אַ הונט און ווייטער גיין, ווייטער קלאַפּן. וועט ער קענען אָנציען אַ לעדער אויף זיין פּנים? וועט ער דאָס אַלץ קענען? וועט ער אויסהאַלטן דעם עקזאַמען?

די שער האָט געשניטן די סחורה פאַר דעם מאָרגנדיקן וועלוולען און אין האַרצן, ביי אים, האָט געשניטן די בענקשאַפט און דער צווייפל.

*

* *

גאַנצע טעג — פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין — האָט וועלוול געמאָסטן די סאַנטיאַגער גאַסן. ער האָט זיך געשעמט די זון אין פּנים אָנצוקוקן און איז געגאַנגען. דער הימל איז אים געפאַלן אויפן קאָפּ און ער איז געגאַנגען. מען האָט אים געטריבן פון די טירן און ער איז געגאַנגען. קאַלטע טראָפּנס האָבן אים אַריינ־געטריפט אין קאַלנער אַריין, פון די נאַסע וועש, וואָס זיינען צע־האָנגען געווען אין די „קאָנווענטיזשאָס” (שמאָלע הויפן, וואו עס וואוינט די אָרימקייט), וואו ער האָט געהאַט זיינע קונים, און ער איז געגאַנגען. קיין צוריק איז ניט געווען. דער וועג אויף צוריק איז פאַר אים געווען אָפּגעשניטן. די בריוולעך פון פוילן זיינען אַלץ גע־ווען שוואַרצערע. ער האָט געוואוסט, אַז דאָרטן וואַרטן מיט אומ־געדולט זיין ווייב, אסתר-ליבע, און זיינע צוויי קינדערלעך. זיי וואַרטן יעדן טאָג אויף זיין רוף. — איז ער געגאַנגען, געגאַנגען און געקלאַפּט אין די טירן.

די גאַסן זײַנען אים דערווײַל געוואָרן איינגן; די מענטשן נאָענט און ביסלעכווײַז האָט ער זיך צוגעוואוינט צו זײַן נײַער מלאכה.

*

* *

װעלװל האָט װײַט איבערגעשטיגן זײַן רבין, לײזערן. ער, װעלװל, האָט ניט געװאוסט פון קײן „שיל" (אַזוי האָט מען אַמאָל גערופן דעם יידישן קלוב, וואָס איז געווען צוזאַמען מיט דער שיל) און פון קײן „אָלימפּיאַ" (אַזאַ קאַפע), װאו די יידן קלײַבן זיך צו־זאַמען, נאָך מיטיק, און פאַרברענגען ביי אַ „דערדל" (אַזאַ קאָרטן־שפּיל), אַ פּאָקער, אָדער אַ דאָמינאָ. ער האָט נאָר געװאוסט פון דער אַרבעט. ער האָט נאָר געװאוסט פון זײַנע קאַרטלעך און זײַנע קונים.

*

* *

אַז אסתּר־ליבע איז אָנגעקומען קײן סאַנטיאַגאָ, האָבן איר, בײַם באַן, דערוואַרט, אַ חוץ װעלװלען — זײער לאַנדסמאַן לײזער און נאָך אַ פּאָר װעלװלס פרײַנט, פון זײער געגנט אין דער אַלטער הײם, וואָס דאָ האָבן זיי שוין געהייסן „פּאַיסאַנאָס".

נאָכדעם ווי אסתּר־ליבע האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך, האָט אַ ביסל אָנגעוואַרימט די פיס אין לאַנד, האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז איר פײַן אויסגעשטאַטע הײם, איז אַ גאָרנישט אַנטקעגן די אַנדערע היימען, וואָס זי האָט געזען ביי יידן. — אַנדערע הייזער, אַנדערע מעבל און אַן אַנדער פּירונג. עס איז איר אויך ניט געפעלן געוואָרן, וואָס מען זעט װעלװלען ניט אָן אין דער הײם. גאַנצע טעג ליגט ער אין גאַס. און אַז ער קומט שוין אַ הײם, קומט ער אַ מידער. און ווי ער כאַפּט נאָר אַ ביסן, נעמט ער זיך גלײַך צו די חשבונות. נאָכאַנאַנד ער חשבונט, נאָכאַנאַנד ער שרײַבט.

ווען לײזער פלעגט נאָר אַרײַנקומען צו די פרידמאַנס אין הויז, האָט ער װעלװלען קײנמאָל ניט געטראָפן.

— וואו איז װעלװל, אסתּר־ליבע?

— ביי דער אַרבעט.

— בעלגישע פערד זאָלן אַרבעטן!

אסתּר־ליבע האָט שנעל איבערגענומען לײזערס תּורה און האָט

אַנגעהויבן צו קוקן אויף וועלוולען, ווי אויף אַ בעלגישן פערד, וואָס ווים נאָר שווער צו אַרבעטן, וואָס זעט ניט ווייטער פון זיינע „טאַר־כעטלעך". זיינע „מאַריאַס" האָבן פאַרשטעלט פאַר אים די ברייטע וועלט.

און וועלוול טוט זיך דאָס זייניקע. ער גייט און גייט. ער חשבונט און חשבונט. און אַז ער האָט אַ גוטן טאָג, אַז דער סך־הכל איז אַ גוטער, רייבט ער זיך פון צופרידנקייט די הענט און ברומט אונטער אַ נגונדל.

זיין נגונדל ברענגט אסתר־ליבען פון געדולט אַרויס. וואָס איז ער אַזוי צופרידן דער נאַר? (דאָ איז ער דער נאַר. אין דער היים איז ער געווען דער יחסן. דאָרטן איז ער געווען וועלוול פרידמאַן און האָט איר געטאָן אַ גאַנצע טובה, וואָס ער האָט מיט איר חתונה געהאַט, אָן אַ גראָשן נדן און קעגן דעם ווילן פון זיינע עלטערן, וועמען עס איז דער יחוס ניט אָנגעשטאַנען. דאָ, דאָ אין אַמעריקע, איז זי די יחסנטע. ווער האָט נאָך אַזאַ שיין פנים ווי זי, אַזאַ שטאַלטנע פיגור און אַזאַ זיסן שמייכל, אַזאַ פאָרנעמען גאַנג? און וועלוול, ווער איז ער? — אַ פשוטער „סעמאַנאַלשטשיק").

— וועלוול, זאָג מיר נאָר, וועלוול, ווען וועסטו שוין אַמאָל פטור ווערן פון דיין „סעמאַנאַל"? כלעבן, מעגסט זיך שוין נעמען צו אַ שענערער פרנסה. ביז ווי לאַנג וועסטו ליגן ווי אַ וואָרים אין כריין? פאַרוואָס אַזאַ לייזער איז שוין לאַנג אַריבער אויף אַ „מועבלעריאַ"? (מעבל־געשעפט) און דער „פּאַיסאַנאַ" לעדערמאַן אויף אַ „סאַסטרע־ריאַ"? (שניידער־געשעפט) און ווי לאַנג וועלן מיר דאָס וואוינען ווי די גרינע? עס איז שוין צייט איבערצובייטן די דירה, די מעבל און געניסן עפּעס פון לעבן, ווי לייטן.

— דו זינדיקסט, מיין טייער ווייבעלע, מיין, אסתר־ליבעלע! וואָס פעלט אונדז? מיר מאַכן אַ פיינעם לעבן. די קליענטור וואַקסט ביי מיר און אַ פּאָר פעזעס שפּאָרט מען אויך, גאָט צו דאַנקען, אָפּ. דו ווייסט דאָך, אסתר־ליבעלע, איך בין ניט פון די לויפערס. איך האָב מורא אָנצופאַנגען מיט אַ נייער זאַך. מען וועט זען.

אָט אַזעלכע שמועסן ביים עסן, ביים לייגן זיך שלאָפן, גלאַט אַזוי, אויף אַ גלייכן וועג, אָדער דורך אומוועגן, פלעגן אָפט פאָרקו־מען, צווישן וועלוולען און אסתר־ליבען.

און וועלוול איז אַלץ געגאַנגען איבער סאַנטיאַגאָ. געגאַנגען אי־בער די „קאָנווענטיזשאָס” און געגאַנגען איבער די גאַסן, געגאַנגען אין קעלט און אין היץ, געאַנגען אין רעגנס און געגאַנגען אין בלאָטעס. קיין וועג אויף צוריק איז ניט געווען, און פאַראויס גיין האָט ער ניט געקענט.

*

* *

עס איז געווען אַן אָנהויב חודשדיקער זומער־טאָג. וועלוול האָט אויסגעמאָסטן הונדערטער גאַסן פון סאַנטיאַגאָ. די זון האָט אויס־געטרונקען פון אים אַלע זאַפטן. אים אויסגעטריקנט דאָס לייב. זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, אַ מידער און אַ הונגעריקער. ער האָט אויסגעליידיקט זיינע טיפע קעשענעס פון אַלערליי מטבעות און פאַפיר־געלט, האָט אָפּגעגעסן זיין איבערגע־שטאַנענעם מאָלצייט, וואָס די דינסט האָט אים דערלאַנגט און איז קוים אַרוים אויף דעם גאַניק ביי דער שטוב. אסתר־ליבע איז ניט געווען אין דער היים. — מסתמא האָט זי זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ טעאַטער — האָט וועלוול געטראַכט.

אויפן גאַניק האָט זיך וועלוול צעשפּרייט. עס איז געווען אַ חיות. קילע, לייכטע ווינטעלעך האָבן זיך אַריינגעכאַפּט דורך זיין צעכראַס־טעטער העמד, דורך די אָפּגעשפּילעטע אַרבל, האָבן זיך פאַרגנבעט אונטער די פאַכוועס און אין אַנדערע פאַרבאָרגענע ערטער און האָבן מחיהדיק געגלעט די צעהיצטע לייב.

וועלוול איז געזעסן און גערעכנט זיינע חשבונות. די חשבונות האָבן געשטימט. ער איז געווען רואיק און אויפגעלייגט. ער האָט אויסגערעכנט, אַז מען איז אים אַ סך מערער שולדיק, ווי ער איז אַנדערע שולדיק. סחורה האָט ער אויך און דאָס באַנק־ביכל איז, ברוך־השם, גאָר נישקשהדיק אויסגעוואַקסן. ער וועט איינגיכן זיך אַרויסלאָזן אָפּזוכן אַ רעכטע שטוב צו קויפן. טאָ וואָס פעלט אים?

ערשט חלומענדיק אַזוי זיס אויף דער וואָר, האָט ער זיך גע־כאַפּט, אַז עס פעלט אים יאָ עפּעס. עס פעלט אים דאָס ווייב. — דער זייגער איז שוין צען און זי איז נאָך אַלץ ניטאָ.

בייזע מחשבות האָבן פאַרטריבן די פריערדיקע זיסע געדאַנקען פון זיין קאָפּ און האָבן פאַרנומען זייער אָרט: „אָבער וואו קען זי

דאָס זיין, אסתר־ליבע, אַזוי שפּעט? אפשר שלעפט זי זיך שוין ווידער אַרום מיט דעם ליידיק־גייער, מיטן שאַלטעק, מיט לייזערן?"

איצטער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דער לייזער, איז פון תמיד אָן — נאָך אין זייער שטעטל — געווען אַ שאַלטעק.

פּלוצים, ווי ער טראַכט אַזוי פון לייזערן — לייזער איז דאָ.

זיי האָבן זיך ביידע מאָדנע, פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. וועלוול האָט געקוקט אויף לייזערן אַ פאַרשעמטער און לייזער האָט אויף וועלוולען געקוקט מיט רחמנות.

— וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט, לייזער?

— און וואָס זיצסטו דאָ אַזוי שפּעט?

— מיין אסתר־ליבע איז נאָך אַלץ ניטאָ. איך ווייס שוין ניט וואָס איבערצוקלערן. איך האָב געמיינט זי איז אַוועק אויף „מאַ־טינע". אָבער עס איז שוין נאָך צען אַ זייגער.

— דו ווייסט גאָרניט? — האָט זיך ביי לייזערן אַרויסגעכאַפּט.

— וואָס, לייזער, טייערער, רייד גיכער!

— אסתר־ליבע איז דאָך אַוועק. זי האָט היינט גענומען דעם באַן, צוזאַמען מיט דר. סילוואַ. טאַקע, דו ווייסט גאָרניט, וועלוול? די גאַנצע שטאָט קאָכט דאָך מיט דעם.

וועלוול איז אַרומגעלאָפן, איבערן גאַניק, ווי אַ לייב אין שטייג און האָט וויטאָקדיק געברומט. אַזאַ וויטיק! אַזאַ חרפּה! אַוועק־געוואָרפן! אַוועקגעוואָרפן! ווי אַזוי וועט ער ווייזן זיין פּנים פאַר די קינדער? וואָס וועלן זיי נעבעך טאָן אָן אַ מאַמען? און אַז זיינע אַלטע טאַטע־מאַמע וועלן זיך דאָס דערוויסן? און דאָס שטעטל?! אַוועקגעוואָרפן, פונקט דאַן, ווען ער האָט געזאָלט צוטראָגן זיין ווייב אַן אייגענע שטוב!

ער האָט ניט געקענט קוקן לייזערן גלייך אין די אויגן. לייזערן, זיין פריינט, האָט ער אַזוי אומזיסט חושד געווען. הלוואַי, הלוואַי וואָלט שוין דאָס בעסער געווען לייזער. הלוואַי וואָלט זי אים פאַרביטן אויף לייזערן. כאָטש אויף אַ יידן. אַוועקגעוואָרפן און אַנטלאָפן מיט אַ גוי. אַוועקגעוואָרפן!

וועלוול האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן לייזערן, איז אים אַרויס־

געפאַלן אויפן אַקסל, האָט קיין וואָרט פון זיך ניט אַרויסגעבראַכט, נאָר האָט זיך יאָמערלעך צעשריען:

„אוי, מאַמע! אוי, מאַמע!"

און דער אַלטער, יידישער „אוי, מאַמע!" האָט זיך געטראָגן דורך דער גאַס הויך צו די פרעמדע הימלען אַרויף.

.1958

נומער פיר און צוואַנציק

איך בין נאָך דאַן גאָר יונג געווען.
דער טויט איז נאָך געשטאַנען, ווייט אָפּגערוקט פון מיר.

נאָר אָט בין איך קראַנק געוואָרן. איך האָב באַקומען אַ בלוט־שטורץ און דער טויט איז מיטאַמאָל צוגעשפּרונגען צו מיר: אָט בין איך דאָ!

איך האָב אים ניט געוואָלט גלויבן. עס איז מיר גאָרניט איינגעפאַלן, אַז שוין, דאָס איז ער — דער סוף. אַז איך האָב נאָך געהאַלטן ביים סאַמע אָנהויב.

אין מיר האָב איך אים טאַקע ניט געזען, דעם טויט. נאָר איך האָב אים דערזען — דערשפּירט זיין נאָענטקייט — אין די אויגן פון די אַרומיקע. — עפּעס האָט זיך פאַרטייעט אין זייערע אויגן אַ געזעגענונגס־בליקעלע אַזאַ, וואָס זיי וואַרפן אים אויף מיר אַלע ווײַלע. עפּעס איז מען געוואָרן צו גוט צו מיר און צו נאָכגיביק. מיין אַ וואונטש ווערט הייליק דערפילט — ווי דער וואונטש פון אַ פאַרמשפּטן צום טויט.

*

*   *

די אַמבולאַנס האָט זיך געטראָגן צום שפּיטאָל, ליאַרעמענדיק: פּנו דרך! פּנו דרך! (מאַכט אַ וועג!).

קיינמאָל, ביז דאַן, בין איך אַזוי שנעל ניט געפאָרן אין שטאָט. דערצו נאָך אויסגעצויגן.

אַן אַנדער אויסזען האָט די שטאָט באַקומען. איך האָב זי ניט דערקענט. איך האָב ניט דערקאָנט, ניט די גאַסן, ניט די מענטשן.

די גאַסן האָבן משוגע געשפּרונגען. די בוימער האָבן זיך גע־דרייט אין אַ ווילדן קאַראַהאָד. און די מענטשן, אַזעלכע קליינטשינ־קע, פּיצינק־מאָנטשינקע, זיינען אַרומגעלאָפן, ווי די פּאַרסמטע, וואָס זוכן אַ ראַטונעק.

דורך די אַמבולאַנסן־פענצטערלעך, האָט אַריינגעבליקט דער ראַזלעכער אָפּשיין, וואָס איז געפאַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון אויף דעם שניי פון די בערג, ווי אַ פאַרחלשטער שמייכל פון אַ גוסס — ווי מיין שמייכל.

אַ בענקעניש האָט מיר אַרומגעכאַפּט צום לעבן. אַ פאַרלאַנג צו זען, כאָטש נאָך איין מאָל, אָט־אַ די שפּרינגענדיקע גאַסן, די טאַנצנדיקע בוימער און די מענטשן, וואָס פליען אַרום, ווער ווייסט וואוהין און נאָך וואָס.

עס איז אַ חרפּה צו דערציילן. דאָס געזעגענען זיך מיט דער וועלט, אַזוי ווי איך האָב איר געזען, דורך די פענצטערלעך פון דער אַמבולאַנס, אויפן וועג צום שפּיטאָל, איז מיר אָנגעקומען שווערער, ווי דאָס געזעגענען זיך מיט מיינע נאָענטע. דאָס גלייכן איז דער פאַרלאַנג צו זען נאָכאַמאָל די וועלט, אַזוי ווי איך האָב איר דעם לעצטן מאָל געזען — געווען ביי מיר שטאַרקער, ווי צו זען מיין משפּחה.

*

* *

אין דער סאַלע פון שפּיטאָל, וואו איך בין געלעגן, זיינען גע־שטאַנען צוועלף בעטן. יעדער בעט אַ וועלט — אַ קראַנקע וועלט. אונדזער סאַלע איז געווען די צווייטע, לויט דער ריי. די ערשטע האָט אויך געהאַט צוועלף בעטן און די נומעראַציע פון די בעטן האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן פון דרייצן און ווייטער. מיין נומער איז געווען פיר און צוואַנציק.

ווי איך בין נאָר אָנגעקומען אין שפּיטאָל, האָב איך די קראַנ־

קייט מיט די ווייטיקן מיינע, וויניקער געשפּירט. אַ קנאַפּער יחסן געווען. עס זיינען דאָ געווען געפּערלעכערע פון מיר. אגב האָט מיין גאַנצע קרענק, מיט דער געשיכטע וועגן איר און וואָס מען דאַרף טאָן צו איר, — איצט געהאַט אַ גרעסערע שייכות צו עפּעס אַ נו־מער, צום נומער פיר און צוואַנציק, ווי צו מיר... דער נומער פיר און צוואַנציק האָט היין, דער נומער פיר און צוואַנציק שלאָפט ניט, ביי דעם נומער פיר און צוואַנציק דאַרף מען נעמען בלוט, צו פּרו־בירן. דאָס אַלץ מאַכט פאַרגעסן אַ ביסל אָן זיך.

עס האָט געדויערט עטלעכע טעג, ביז איך האָב זיך איינגע־בירגערט אין דער סאַלע. איך האָב שוין געוואוסט יעדערנס שלאָפ־קייט, זיין פאַמיליע־אַנגעהעריקייט, זיין שטאַנד און ווי עס האַלט מיט אים. אויך דער טויט איז מיר געוואָרן היימישער. ער איז דאָ געווען אַן אָפטער גאַסט.

דער עלטסטער תושב פון דער סאַלע איז געווען דער נומער דרייצן. אויף יענער זייט שפּיטאָל איז ער געווען אַ טראַמוויי־אַרבעטער. דאָ איז ער שוין געלעגן אַנדערטהאַלבן יאָר. ער האָט געליטן אויף אַ רעומאַטיזם. ער איז געווען גוט מיט אַלעמען. אַלע ניט דערעסענע פּאַרציעס פון דער סאַלע, זיינען אין זיין מאַגן־זעקל אַריין. ער איז געווען די לעבעדיקע כראָניק פון זיין סאַלע. ער האָט געוואוסט ווער עס איז דאָס ריכטיקע ווייב פון דעם קראַנקן און ווער עס איז די געליבטע, ווער עס איז אָרים און ווער עס איז רייך, ווער עס האָט שאַנסן אויפן לעבן און ווער עס איז אַ פאַרלאָרענער. נאָך אַזאַ צייט אין שפּיטאָל, איז ער שוין אַליין געוואָרן אַ שטיקל דאָקטאָר און פאַרשטאַנען די רייד פון די דאָקטוירים און אפילו זייער ווינקען.

אַז דער נומער דרייצן האָט אָנגעקוקט אַ חולה און אַ וואונק געטאָן צו דער טיר, האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז דער דאָזיקער קראַנקער גייט אַ גאַנג.

דער נומער פערצן, איז געווען אַ „פּיטוקאַ“ (אַ סנאָב, אַן אָנגע־צויגענער). ער האָט געליטן פון אַ שווערער געלזוכט און שוין מיט איין פוס אין קבר, האָט ער אַלץ געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף זיין שכן דעם „ראָטאַ“ (אָפּגעריסענעם — נאַציאָנאַלער צונאָמען פון דעם

טשילענער). ער האָט געליטן פון דעם, וואָס ער דאַרף ליגן אין אַן אַלגעמיינער סאַלע, מערער ווי פון דער קראַנקייט גופא.

די בעט פון דעם שפּאַניאָל, נומער זיבעצן, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאַנצן צימער, מיט אַזאַ מין פּאַליצקע אין דער הויך און מיט אַנדערע איינריכטונגען, מחמת ער האָט זיך ניט געקענט רירן פון אָרט, אפילו ניט פּאָר זיינע באַדערפעניש.

דער נומער ניינצן, וואָס האָט זיך גענומען בעסערן פון אַ לונגען־אַנטצינדונג, האָט אַ גאַנצן טאָג געזאָרגט, מען זאָל אים חס־ושלום ניט אויסשרייבן פון שפּיטאָל, ווייל אין דרויסן איז געשטאַנען אַ האַרבער ווינטער. דערפאַר, אַז עס איז אַריבער דער טאָג און מען האָט אים נאָך ניט אויסגעשריבן — האָט ער — ווי נאָר די נאַכט איז צוגעפאַלן — אָנגעהויבן צו דערציילן, אַזעלכע שיינע צוגעטראַכטע מעשיות, אַז די נשמה האָט געקענט אויסגיין פון מתיקות.

*

* *

איינמאָל, אַ פאַרנאַכט, האָט מען אויף דעם קראַנקען־וועגעלע אַריינגעפירט אין אונדזער סאַלע אַ חולה. ער איז געווען אַ פּולער, אַ הויכער, אַ יונגער. ווער האָט זיך דאָס געקענט פאָרשטעלן, אַז ער איז קראַנק! נאָר די בעקלעך, האָבן זיך ביי אים מאָדנע גערויטלט — ווי ביי אַן אָנגעקלאַפּטן עפּל. ער האָט אויסגעזען פון אַ יאָר דרייסיק. דאָס ווייב זיינס, וואָס האָט אים באַגלייט, האָט אויסגעזען נאָך אַ סך יינגער פון אים. עס איז געווען קאָנטיק אויף איר פּנים, נאָך איר באַנעמען זיך מיטן מאַן, אַז זי האָט אים ליב און אַז זי איז אָנגעפילט מיט באַנג און צער.

די מערסטע חולאים פון דער סאַלע, האָבן זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן:

— אַלאַ, פערנאַנדיטאָ, בינסט שוין ווידער דאָ?! וואָס האָט פּאַסירט? האָסט ניט געקענט אויסהאַלטן?

— נאָר אַ טוצל ביר אַריינגעכאַפּט. וואָס האָב איך זיך געקענט העלפן? דורשטיק געווען. און אין דרויסן איז געווען אַזוי כמורנע־רעגנדיק. און „טשיטשאַראָנעס" (גריבענעס) זיינען געווען, מחיה־דיקע. און אַן „אַסאַדאָ" (אַ געבראָטנס). איר ווייסט דאָך ווי ביי אַ קצב. זיינען מיר זיך געזעסן, איך מיטן „קאָמפּאַדרע" (קוואַטער)

כואַן, געשמועסט, צוגעביסן און פאַרזופּט מיט ביר. זי, מיין ווייבל, האָט זיך טאַקע געבעטן ביי מיר: — פּערנאַנדיטאַ, טרינק ניט, עס ניט קיין „טשיטשאַראָנעס”. דאָס איז פאַר דיר סם. ווער האָט זיך דאָס געקענט ריכטן, אַז אַ ביסל „טשיטשאַראָנעס” דאָרטן, מיט אַ טוצל ביר, זאָל מיר אָוועקהרגענען. אוי, ברידערלעך, האָב איך דאָס געהאַט אַ נאַכט! — און אָט בין איך ווידער דאָ, צווישן אייך.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען אַרויסגערופן צו פּערנאַנדיטאָן דעם וואַרטע־דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אים געטאַפּט אין בויך און פּערנאַנדיטאַ האָט געשריען אַ באַנומענער.

— האָסט זיך שוין ווידער אָנגעזשליאָקעט, פּערנאַנדיטאַ? די לעבער, ביי דיר, איז געשוואָלן ווי אַ באַרג. זי וויל מער ניט אַרבעטן. דו וועסט אַזוי צוזעצט ווערן, קראַפּירן. וויפל מאָל האָט מען דיר אָנגעזאָגט, זאָלסט ניט זשליאָקען און דו טוסט זיך דאָס דייניקע — האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגעבייזערט אויף פּערנאַנדיטאָן, צוגעשריבן עפּעס פאַר אים און איז אָוועק.

ביינאַכט איז פּערנאַנדיטאַ אַריינגעפאַלן אין אַ מין דעליריום. ער האָט גערעדט אומפאַרשטענדלעכע רייד און צודרינגלעך גערופן זיין שכן, דעם נומער איין און צוואַנציק.

— נומער איין און צוואַנציק, האַ?! איין און צוואַנציק! האַ?! איין און צוואַנציק!!

זיין קול איז קוים אַרויסגעקומען פון קעל. ער האָט גערופן, ווי פון קבר אַרויס. זיין רופן איז געווען אַ מין מיטשלעפן, יענעם, וואָס ער האָט גערופן, אַהין, וואוהין ער אַליין גייט.

איך האָב ביי זיך געפועלט, געמאַכט ביי זיך אַ סמן, אַז ווען פּערנאַנדיטאַ וועט אויפרופן היינטיקע נאַכט, יענער וועט מיטגיין מיט אים, אויף יענער וועלט און איך האָב געציילט די מינוטן, וואָס זיינען אָוועק און ער האָט מיר ניט גערופן.

ערשט איך הער:

— פיר און צוואַנציק! פיר און צוואַנציק, האַ?! האַ? פיר און צוואַנציק!!! פיר און צוואַנציק!!!

איך בין אויפגעציטערט געוואָרן. אַזוי אויפפאָדערנדיק איז גע־

ווען דער דאָזיקער רוף. — עס איז געקומען מיין סוף — האָב איך זיך געטראַכט.

נאָכדעם, אַז איך האָב זיך באַזינט, האָב איך גענומען קלערן: „אָבער ווי אַזוי קען ער דאָס מיר רופן, אַז מיר קען ער דאָך גאָרניט. דאָס האָט ער זיכער געמיינט דעם פריערדיקן פיר און צוואַנציק, וואָס איז דאָ געלעגן פאַר מיר, בעת פערנאַנדיטאָ איז דאָ געווען צום ערשטן מאָל".

גאַנץ פרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שטיקל גערודער אין דער סאַלע. דאָס האָט דער איין און צוואַנציק זיך פאַרקלאָגט אויף פערנאַנדיטאָן פאַר דער עלטסטער קראַנקען־שוועסטער, אַז ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געשטערט די רו. באַלד האָט מען פערנאַנדיטאָן צוגענומען פון דער סאַלע און אַוועקגעפירט אין דעם חדר־מיוחד, וואו די קראַנקע געפינען זיך שוין צום לעצטן מאָל אונטער אַ דאַך צוגעדעקט.

פערנאַנדיטאָ איז איצט געווען ביים פולן זינען.

— אַ דאַנק דיר, חבֿרל, — האָט ער בייסיק צוגעוואָרפן דעם איין און צוואַנציק, איידער ער האָט פאַרלאָזן די סאַלע.

פערנאַנדיטאָ האָט געוואָרפן אַ לעצטן, פאַרוווירטן בליק אויף דעם איין און צוואַנציק. מיט דעם דאָזיקן בליק, האָט ער אים נאָך דרינגלעכער גערופן צו זיך, ווי ביינאַכט מיטן שרייען: „איין און צוואַנציק, האַ? ! איין און צוואַנציק !"

אויף דעם אַנדערן טאָג האָט מען דעם איין און צוואַנציק אַוועקגעפירט אין דעם זעלבן צימער, וואו נעכטן פערנאַנדיטאָן.

און אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אין אונדזער סאַלע דער־ציילט, אַז דער פריערדיקער פיר און צוואַנציק, וואָס איז דאָ געלעגן פריער פאַר מיר, איז געשטאָרבן אין אַן אַנדער סאַלע, דריי וואָכן נאָך דער אָפּעראַציע, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט.

און איך?

איך לעב.

איך לעב נאָך ביז היינטיק טאָג.

ווייל גערופן האָט ער דאָך יענעם — דעם פריערדיקן פיר און צוואַנציק. — ניט מיר.

.1958

שלום־בית

רבקה ליגט אַף גאַנצענע טעג
ביי איר רייזעלען. וואו זי האָט נאָר אַ שעה, אַ פרייע, לויפט זי צו
איר טאָכטער. וויפל זי שפּילט זיך ניט אָן מיט איר אייניקל, מאַר־
קיטאָן, — אַ נאָמען נאָך איר טאַטן, מרדכי, עליו־השלום — קען זי
זיך אַלץ ניט אָנזעטיקן.

עס פאַלט איר גאָר ניט איין, אַז איר אייניקל, מאַרקיטאָ, איז
מיט עפּעס אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע קינדערלעך.

געיידישט איז ער, אַ יידישן נאָמען האָט ער, קלוג איז ער, ווי
נאָר אַ יידיש קינד קען זיין, ליכטיקע אויגן האָט ער, פּונקט אַזעל־
כע, ווי רייזעלע און אַ ווייסן הויכן שטערן, אַזאַ ווי איר פאָטער
האָט געהאַט — איי דער איידים אירער איז אַ היזיקער, ניט קיין
ייד ? — איז ער אָבער אַזאַ וואוילער — אַ גוטער מאַן און אַ גוטער
טאַטע, — אַז זי האָט זיך צו אים צוגעוואוינט, ווי צו אַן אייגן קינד,
זי האָט אים ליב און פאַרגעסט גאָר, אַז ער איז ניט קיין ייד.

פון אָנהויב — גלייך נאָכדעם, ווי רייזעלע האָט חתונה געהאַט,
קעגן דעם ווילן פון טאַטע־מאַמע, פאַר ראָולן — פלעגט זי זיך בגנבה
אַריינכאַפּן צו איר רייזעלען, זען וואָס זי מאַכט, זיך דערוויסן, — גי־

כער וועלן דערשפּירן — צו איר טאָכטער, איר איינציק קינד, דאָס אויג אין קאָפּ, איז חס־ושלום ניט אומגליקלעך, ניט אַריינגעפאַלן. זי פלעגט דאָס טאָן בשתיקה פון איר מאַן, פון איר משהן, וואָס האָט ניט געוואָלט מער הערן פון זיין טאָכטער.

זי, רבקה, האָט לאַנג ניט געקאָנט אָנהאַלטן איר כעס, איר ברוגז קעגן רייזעלען. צו שוואַך איז געווען איר מוטער־האַרץ, צו־פיל אָנגעפילט מיט ליבשאַפט, צו איר איינאיינציקער טאָכטער, אַז עס זאָל זיך ניט ברעכן פון רחמנות צו איר.

אָבער, זינט דעם, ווי רייזעלע, איר רייזעלע, איז אַליין געוואָרן אַ מאַמע — און האָט דערצו נאָך געיידישט דאָס קינד, אים געגעבן אַ יידישן נאָמען און ראַול האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט — זינט דאַן, איז רבקה אַרויס אין אָפענעם רעוואָלט קעגן איר משהן און האָט זיך אויפגעהערט צו באַהאַלטן פאַר אים, מיט איר גיין צו דער טאָכטער.

רבקה האָט גערעכנט, אַז ווען איר משה וועט געוואויר ווערן פון אירע באַזוכן ביי רייזעלען, וועט זיך טאָן חושך. ער וועט שרייען, ליאַרעמען, אויסגיסן כל־חמתו אויף איר. אָבער עס האָט גאָרניט פּאַסירט. ער איז געבליבן גלייכגילטיק צו דעם און רואיק.

זי האָט אים אפילו חושד געווען, אַז מסתמא האָט ער נאָך פון פריער זיך משער געווען, אַז זי גייט צו דער טאָכטער און ער האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק דערפון. נאָך מערער, זי דענקט אפילו, אַז ער, משה, הערט גערן אוים די „באַריכטן" אירע, וועלכע זי ברענגט אַהיים פון רייזעלען און גיט זיי איבער, ווי ריידנדיק צו זיך אַליין. כאָטש ער ברומט בייז:

— גוט, גוט, אָבער ווער פרעגט דיר, ווער?!

ציימנווייז דוכט זיך איר אוים, רבקהן, אַז דאָס אייז ברעכט זיך, אַז משהס האַרץ ווערט ווייך — פאָרט אַ טאַטנס האַרץ — און ווער נאָך ווי זי ווייסט, ווי ליב ער האָט זי, די רייזעלען, — הויבט זי דאַן אָן אַ טאָפּ טאָן אין וואָגן:

— משה, הערסט, משה, דאָס קינד איז אַזוי שיין! עס לויכט ממש, ווי אַ מלאכל.

— גוט, גוט! אָבער ווער פרעגט דיר?!

— הערסט, משה, אַזאַ קלוג קינד זעט מען גאָר ניט אויף דער

גאַנצער וועלט. אינגאַנצן צוויי יאָר אַלט און רעדט יעדעס וואָרט, אַז עס איז אַ חיות צו הערן. זאָלסטו מיר אַזוי לעבן און געזונט זיין! דאָס קינד, אַז עס דערזעט מיך, שרייט עס אויס: „באָבע, איך ווין (בין) אַ יידיש יינגעלע!" ער האַלט אין איין שרייען דיין נאָמען: „זיידזשע, משה, זיידזשע, משה!"

— הער אויף, רבקה, איך בעט דיר, איך בין דיר קיין זיידע ניט און האָב קיין אייניקל ניט. ניין, ניין! איך וויל ניט האָבן קיין שגצל פאַר אַן אייניקל! הער אויף! הערסט?!

— איך הויב דיר ניט אָן צו פאַרשטיין! ווי קען מען דאָס זיין אַזאַ אַן איינגעגעסענער עקשן, ווי אַזוי קען מען דאָס זיין אַזוי איינגעשפּאַרט? האָסט דאָך אַ שטיין אין זיך, אָנשטאָט אַ האַרץ — פּרוואווט זיך רבקה, מיט אירע רייד, וואָס זיינען פול פון צער.

—ניטאָ וואָס צו פאַרשטיין, רבקה, ניטאָ וואָס צו פאַרשטיין, דו הערסט?! און הער אויף! הער אויף זאָג איך דיר!

*

* *

משה האָט חתונה געהאַט שפּעט — אין די הויכע פערציקער. אַ שווער לעבן האָט ער ביז דאַן דורכגעמאַכט. אַ ביטערע קינדהייט און אַ שווערע יוגנט. פאַר יעדער ביסן ברויט, וואָס ער האָט אַראָפּגעשלונגען ביי זיין טאַטנס טיש האָט ער געדאַרפט באַצאָלן מיט מורא פאַר גאָט, מיט שטרענגן דרך-ארץ פאַרן טאַטן און מיט סטאַטעטשנעקייט, מיט דאָ שטיי ניט, דאָ גיי ניט און דאָ זיץ ניט.

דאָ, אין דעם נייען לאַנד, האָט זיין טאַטע זיך ניט אויסגעטאָן פון זיין יידישקייט. ער האָט ניט אַראָפּגעצויגן פון זיך זיין לאַנגע קאַפּאָטע, ניט אָפּגעהאַקט זיין באָרד, ניט פאַרגעסן דעם שבת, דעם יום-טוב.

אין דער היים, האָט ער זיין טאַטן ניט דערזען. דאָרטן איז ער געווען אַ ייד, ווי אַלע. איינער פון אַ סך. איינער פון אַלעמען. דאָ האָט ער אים דערזען — אים, זיין טאַטן. ער האָט אים געזען איינעם אַליין, — איין יידן, וואָס ראַנגלט זיך, קעגן אַ גאַנצער וועלט, אַ פרעמדער וועלט. דאָ האָט ער זיין טאַטן דערזען אַ פרעמדן אפילו

צווישן אייגענע, אַ פרעמדן צווישן זיינע אייגענע ברידער, צווישן די יידן, — אַ פרעמדן אפילו צווישן זיינע לאַנדסלייט, וואָס ער האָט דאָ געהאַט און וועלכע ער האָט בשום אופן נישט געקענט דערקענען, צוליב זייער אויסזען, צוליב זייער הילוך.

און ווען ער האָט דערזען זיין טאַטן, זיין הדרת־פּנימדיקן טאַטן, רב שמעון בערגמאַן, שטיין, אין דער קלייט פון זייער לאַנדסמאַן, נפתלי ווייסמאַן, מיט זיין צעקעמטער, ברייטער באָרד, מיט זיין ווייכן, שוואַרצן קאַפּעליוש, אַ ביסל צופּיל אַראָפּגערוקט איבערן ווייסן, הויכן שטערן, מיט פאַרווירטקייט אין די אויגן און מיט אַ פּעקל סחורה, אַנגעלאָדן אויף דער פּלייצע, האָט אים אַ קנויל גע־נומען שטיקן אין האַלדז — איז ער שטיל צוגעקומען צום טאַטן, אונטערגעשטעלט זיין יונגן, כמעט ייִנגלשן, בויגעוודיקן אַקסל, און־טער דעם שווערן פּעקל און קוים אַרויסגעפּליסטערט: „לאָז מיר, טאַטעשי, עס איז נישט פאַר דיר”.

די אויגן פון זיין טאַטן, זיינען אויף אים געווען אַנגעשטעלט, ווי פון אַ צום טויט פאַרמשפּטן אויף זיין רעטער און ער האָט זיך נישט געוועדט.

פון דאַן אָן איז משה געוואָרן דער שפּייזער און פאַרזאָרגער פון טאַטע־מאַמע און פון דריי שוועסטער.

*

* *

עס איז געווען אַ זומערדיקער פאַרנאַכט. די זון האָט גענומען ביסלעכווייז אָפּטרעטן, הינטער די קאָרדיזשערן. די שטאָט האָט זיך געקילט אונטער דעם פרישן שפּריץ פון די מחיהדיקע ווינטעלעך, וואָס האָבן געשטראָמט פון די שניי־בערג.

ראָול איז געזעסן אַ רואיקער, אַ זאָרגלאָזער אין אויטאָבוס, וואָס האָט אים געפירט אַהיים, פון דער אַרבעט, צו זיין ווייב און קינד. זיין קאָפּ האָט ער געהאַלטן אַרויסגערוקט דורכן פענצטער, צום דרויסן אַרויס: זאָלן די ווינטעלעך זיך שפּילן מיט זיין טשופּ־רינע, זאָלן זיי איר צעפּאַטלען, זאָלן זיי גלעטן זיין האַלדז און זיך פאַרגנבענען אונטער די בגדים.

פּלוצלינג דערזעט ער, דורכן פענצטער, אַ פּנים. אַ באַקאַנטן

פנים, וואָס ער באַגערט אַזוי צו זען, דאָס פנים פון אַ מענטשן, וועלכן ער האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געזען. דאָס איז דאָך לואיס, לואיס וואַלענזועלאַ, זיין שול־חבר, וועגן וועלכן ער טראַכט אָפט אַזוי פיל!

ער מאַכט זיך אַ וועג, צווישן די פּאַסאַזשירן, שפּרינגט אַראָפּ פון אויטאָבוס אין גאַנג און לויפט אַנטקעגן זיין יוגנט־חבר.

— וואַלענזועלאַ, לוטשאָ!

— גאַרסיאַ, ראַול, ראַוליטאָ!

די חברים זיינען זיך געפאַלן אין די אָרימס, זיך לאַנג געקלאַפּט איבער די פּלייצעס, זיך אָנגערופן מיט אַלערליי צונעמענישן, וואָס זיי האָבן נאָך געדענקט פון דער קינדהייט און געאָרימטע אַריין אין אַ רעסטאָראַן.

פאַרביידן איז דאָס טרעפן זיך געווען אַ גליקלעכע איבער־ראַשונג. אָבער באַזונדערס פאַר ראַול גאַרסיאַ. צייט ראַול האָט זיך באַקאַנט מיט ראָסיטאַן, מיט ראָסיטאַ בערגמאַן, איבערהויפּט זינט ער איז געוואָרן נאָענטער מיט איר, פלעגט ער זיך אָפט פאַר־טראַכטן: צו וועמען איז זי ענלעך? און ביי וועמען האָט ער גע־זען אַזעלכע גרויסע, ליכטיקע אויגן, וואָס פלעמלען אַזוי אָפט מיט פאַרקלערטקייט און אומעט? ביי וועמען האָט ער געזען אַזעלכע ליפּן, ווי ביי איר, וואָס שפּילן מיט, מיט די אויגן? ביז וואַנען ער האָט זיך געכאַפּט, נאָך אַ סך מאָל קלאַפּן זיך אין שטערן, — כדי אויפצוואַוועקן דעם זכרון פון שלאָף, — אַז אירע אויגן לייכטן מיטן זעלבן ליכט און אירע ליפּן שמייכלען מיט דער זעלבער ווייכקייט, ווי ביי זיין ליבסטן און נאָענטסטן קינדהייטס־חבר — לואיס, לו־טשיטאָ.

די צוויי חברים זיינען געזעסן ביי אַ טישל, געזופּט דעם קאַלטן ביר, פאַרביסן מיט געזאַלצענע מאַנדלען, מיט דינע פענעצלעך, גע־טריקנטע קאַרטאָפל, מיט איילבערטן און געמיטלעך געשמועסט. יעדער איינער פון זיי האָט אַרויסגענומען פון דער באַהעלטעניש פון זיין זכרון, דאָס סאַמע זיסטע פון דער יוגנט, וואָס איז נאָך דאָרטן פאַרבליבן און זיך געטיילט מיטן חבר. זיי האָבן זיך געפרייט מיט יעדער קלייניקייט.

— וויסטו — זאָגט ראַול צו לואיסן, — איך האָב חתונה געהאַט און האָב שוין אַ זיס ייִנגעלע.

— איך באַגריס דיך — ענטפערט לואיס — און מען ליידיקט אויס די גלעזער.

— און דו?

— איך אויך.

— וויסט, לואיס, איך האָב חתונה געהאַט פאַר אַ ייִדישקע, פאַר ראָסאַ בערגמאַן.

— אַזוי? — האָט לואיס אַ שמייכל געטאָן.

— דו האָסט אַ פאָראורטייל צו ייִדן?

— ניין. וואָס פעלט דיר איין!

— טאָ וואָס זשע שמייכלסטו?

— ווייל איך אַליין, — אַז מען וויל — בין אויך אַ ייִד.

— ס'הייסט?!

— ס'הייסט, אַז מיין באָבע האָט געטרונקען פאַרבאָטענע ליבע פון אַ ייִדישן בעכער און עס איז דערפאַר אַרויסגעקומען פון דעם, אַזאַ מין זיסע פרי, ווי איך בין, ראַוליטאַ.

— איך הויב דיר ניט אָן צו פאַרשטיין.

— ס'איז ניטאָ וואָס צו פאַרשטיין. דו געדענקסט דאָך, ראַול, אַז מיין טאַטע האָט געהייסן, מאַיסעס וואַלענזועלאַ-וואַלענזועלאַ. ער האָט געהייסן צוויי מאָל וואַלענזועלאַ, ווייל זיין פאָטערס פאַמיליע-נאָמען האָט אפילו מיין באָבע אַליין — דאָס הייסט זיין מאַמע — ניט געוואוסט. דאָס איז געווען אַ קורצע און אומגליקלעכע ליבע. מיין אַלטנס טאַטע, איז פאַרשוואונדן געוואָרן, ניט וויסנדיק אפילו, אַז זיין ליבע האָט געגעבן פרוכט. דאָס איינציקע, וואָס מיין באָבע האָט געוואוסט, איז געווען דער נאָמען פון איר געליבטן — מאַי-סעס — און אַזוי האָט זי אַ נאָמען געגעבן מיין טאַטן. דער אַלטער האָט דאָס מיר דערציילט, ווען איך בין אונטערגעוואַקסן.

ראַול האָט אויסגעהערט זיין חברס דערציילונג, אונטערשפּרינ-גענדיק פון אָרט און זיך רייבנדיק די הענט. זיין חבר האָט ניט פאַר-שטאַנען, וואָס ביי אים טוט זיך אינעווייניק. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ ווערטפולע ידיעות ראַול האָט פון אים באַקומען. ער האָט געמיינט, אַז ער איז דאָס אַזוי אויפגעלייגט, פון דעם ביר, וואָס

ער האָט אין זיך אריינגעגאָסן, פון דער באַגעגעניש און פון דעם, וואָס ער האָט אויפגענומען אַן פאַראורטיילן זיין חתונה האָבן מיט אַ יידישקע.

ראַול האָט ווייטער געצויגן דעם שמועס:

— הערסטו, לואיס, אַזעלכע ווייבער ווי די יידישע זיינען — איז שווער צו געפינען אויף דער וועלט. מיין ראָסיטאַ איז אַ שטיק בריליאַנט. אַ גרויסער, אומשאַצבאַרער פערל. היינט אַ יינגעלע האָב איך, איז ער קלוג, ווי צען יידן צוזאַמען. ווייסט, איך האָב מיך אפילו ניט קעגנגעשטעלט, מען זאָל אים מל זיין. אַז זי, ראָסיטאַ, וויל דאָס טאָן, איז דאָס אויך מיין רצון. זי וועט דאָך ניט וועלן טאָן קיין שלעכטס צו איר קינד, צו איר יינגעלע, וועמען זי האָט ליב, ווי דאָס קענען נאָר יידישע מאַמעס.

— לוטשיטאַ, אפילו מיין שווער, וואָס טרעט ניט אַריבער מיין שוועל, צייט איך האָב חתונה געהאַט מיט מיין ראָסיטאַן, אפילו אים, האָב איך אויך ליב. עס געפעלט מיר זיין יידישע עקשנות. אָט אַזוי קען איבערלעבן אַ פאָלק אַלע זיינע שונאים. אָט אַזוי, מיט עקשנות און מיט ליבשאַפט. מיט די צוויי כלי-זיין, קען מען טרעטן פעסט אויף דער ערד און בייקומען אַלע שטרויכלונגען. הערסט, לואיס, איך באַוואונדער זיי, די יידן. מיר האָבן אַ סך, וואָס צו לערנען ביי זיי. און מיט דעם חלק, וואָס געהערט דיר — איך מיין דעם יידישן חלק, — זיי שטאָלץ — האָט ער צוגעגעבן מיט גע־לעכטער.

פאַרן פאַרלאָזן דעם רעסטאָראַן, האָט ראַול — גיכער פון העפ־לעכקייט וועגן, ווי מיט אַן אמת — אַ זאָג געטאָן צו זיין חבר:

— נו, לואיס, און מיין שטוב ווילסטו גאָרניט אָנקוקן, ווילסט ניט זען מיין ווייבל, מיין יאַטל?

— ראַול, עס פאַרדריסט מיר באמת, אָבער איך קען זיך ניט העלפן. מאָרגן גאַנץ פרי פאַר איך אָפּ אין די מאַגאַזשאַנעס און איצט מוז איך לויפן צו מיין ווייבעלע. זי וואַרט אויף מיר אין האָטעל. זי איז דיר ניט קיין יידישע ווייבל. אונדזערס אַ פייגעלע איז אַ ריזיקע צו לאָזן צו פיל אַליין. זי קען נאָך אַרויספליען פונעם נעסטעלע.

ראַול איז פון רעסטאָראַן ניט געגאַנגען גלייך אַהיים. געשטויסן פון דער באַרוישונג פון דעם ביר, וואָס ער האָט געטרונקען און פון

די נייעס, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט, האָבן אים זיינע פּיס אַוועק־געטראָגן צו דער קליינער פּלאַסע (גערטנדל), וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון זיין שווער, וואו ער פאַרברענגט תמיד אין דער זעלבער צייט.

— אַלאַ, דאָן מאָיסעס, וואָס מאַכט מען?

— אַלאַ — האָט, אַ ניט ניחאדיקער, משה בערגמאַן געענט־פערט, ניט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פון דער יידישער צייטונג, וואו ער האָט אַריינגעקוקט.

— וואָס בינסטו אַזוי ברוגז, דאָן מאָיסעס?

— איך בין ניט ברוגז און לאָז מיך צו רו.

— איך לאָז דיך צורו. איך האָב דיר נאָר געוואָלט אָפּגעבן אַ גרוס פון דיין אייניקל — האָט ראַול כוואַטסקע אַ זאָג געטאָן.

— איך האָב ניט קיין אייניקל און איך האָב ניט קיין טאָכטער. איך בעט דיך, לאָז מיך צורו.

— ניט פון דעם אייניקל, דאָן מאָיסעס. דעם גרוס, וואָס איך ברענג דיר, איז פון דעם אייניקל, וואָס שטאַמט פון דיין זון, ניט פון דער טאָכטער.

— בינסט משוגע צי שכור?

— ניט משוגע און ניט אינגאַנצן שכור. — פון דיין זון וואַלענ־זועלאַ. זיין מאַמע האָט געהייסן מאַריאַ וואַלענזועלאַ. אפשר דער־מאָנסטו זיך, דאָן מאָיסעס? דו האָסט דאָך אַזאַ גוטן זכרון. דו פאַר־געסט דאָך אויך ניט אַזוי גיך, ווען מען באַגייט אַן עוולה קעגן דיר — האָט ראַול בייסיק פאַרענדיקט.

משה בערגמאַן האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט איינגע־גראָבן זיין פּנים איןביידע הענט פאַר חרפּה, כדי ניט אָנצוקוקן ראַולן אין די אויגן אַריין.

אין די עטלעכע מינוט, וואָס משה בערגמאַן איז אַזוי געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָבן זיך די דערינערונגען אין זיין מח באַ־וועגט מיט דער שנעלקייט פון אַ פילם־לענטע: ער איז יונג. ער איז שטאַרק. זיינע פּלייצעס ווערן ניט צעפּלעטשט אונטערן יאָך פון „פּעקל״. זיי ציען זיך צום זוניקן הימל אַרויף. יעדן טאָג וואַקסט ער, באַקומט כחות. זיינע אויגן לויטערן זיך, יעדער טאָג אַלץ מע־רער, פון ליכט און פון פאַרבן, וואָס זיי זאַפּן איין.

אויגן פון די טעכטער פון טשילע פאַלן אָפּט אויף אים. עס איז אים שווער זיי בייצוקומען. זיי זויגן זיך איין אין אים, אין זיין גוף און אין זיין נשמה. ער געדענקט אָבער תמיד זיין שטאָט, זיין טאַטע־מאַמע. ער ווייס, אַז זיי, זיין טאַטע־מאַמע, וועלן דאָס ניט אויסהאַלטן, וועלן פאַרשניטן ווערן פאַר דער צייט, ווען ער גיט זיך זיי אונטער. ער וויל אויך ניט זיין דער לעצטער בוים פון וואַלד, דער לעצטער שטאָט. ער וויל ניט, אַז ביי אים זאָלן די וואָרצלען אונטערגעהאַקט ווערן.

ער דערמאָנט זיך, אַז איינמאָל האָט ער זיך שוין שיעור ניט געהאַט פאַרפּלאָנטערט. האָט ער אָבער געהאַט גענוג כח אין זיך פון פּלאָנטער אַרויסצוגיין.

ווען איז דאָס געווען? — שוין לאַנג. שוין דאָ אַ קאַרגע פופ־ציק יאָר אין דעם. עס איז דאַן געווען אַ זומער פאַרנאַכט. אפשר אַזאַ פאַרנאַכט ווי דער היינטיקער. נאָר דעמאָלסט האָט ער אַנדערש אויסגעזען.

עס גיט אים נאָך איצט אַ שלאָג מיט ליכט פון יענעם פאַרנאַכט — כאָטש עס איז געווען אַ פאַרנאַכט...

ער האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן זיין אַרבעט. עס זיי־נען נאָך אים געבליבן אַ פּאָר קונדן צו קאַסירן. ער איז שוין געווען מיד פון גיין אַ גאַנצן זומערדיקן טאָג, אונטער דער גליענדיקער זון. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט: „דאָס וואָס דו קענסט טאָן היינט, לאָז ניט איבער אויף מאָרגן”.

די לעצטע קליענטקע, וואָס ער האָט געהאַט צו קאַסירן, איז געווען מאַריאַ וואַלענזועלאַ. ער האָט איר געלאָזט אויף צו לעצט, ווייל מיט איר צאָלן איז ער זיכער געווען.

זיין קליענטקע איז ניט געווען אין דער היים — אַוועק צו איר אַרבעט. דאָס געלט האָט זי איבערגעלאָזן מיט איר טאָכטער, וואָס האָט אויך געהייסן מאַריאַ.

משה האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— ענטרע (אַריין), דאָן מאָיסעס, — האָט זיך געהערט אַ גע־זאַנג פון יענער זייט טיר. — איך האָב דיר שוין געזען דורכן פענצטער, אָנקומען. זעץ דיך. בינסט אַזוי מיד — האָט זי אַלץ ניט אויפגעהערט צו זינגען, אונטערדרוקנדיק אים אַ בענקל.

די זון האָט דורך דעם פענצטער, אַ לעצטן וואונק געטאָן צו משהן און מאַריאָן, איידער זי האָט פאַרלאָזן די ערד.

אין דער טונקלקייט פון צימער, האָבן מאַריאָס אויגן מערער געליכטיקט, ווי תמיד, און איר לייב האָט אַרויסגעהעלט פון קלייד-אויסשניט.

יעדעס מאָל, ווען משה פלעגט טרעפן די יונגע מאַריאַ — אפילו ווען איר מאַמע איז געווען דערביי — פלעגן זיינע הענט ציטערן,ביים אויסשטעלן די קבלה אויפן געלט, וואָס ער האָט באַקומען און ער פלעגט אַ טעות האָבן אין ציילן און אין געבן רעשט.

די גרויסע, רונדע, ברוינע אויגן פון מאַריאָן, פלעגן מיט זייערע פלעמעלעך אַרומבלאָנדזען איבער זיין גוף, פלעגן לעקן די ווייסקייט פון זיין לייב, פון זיין האַלדז און זיך אַריינזויגן אין די ראָזקייט פון זיינע באַקן. זיין האַרץ איז פון די דאָזיקע פלעמלעך אויפגעזאָפטן געוואָרן. די היץ פון זיין האַרץ פלעגט זיך אַריבערטראָגן אין קאָפּ אַריין און דאָרטן צעמישן זיינע רעיונות.

דאָס מאָל האָט ער זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן. ער האָט געהערט איר קול, ווי דורך אַ חלום. זי רעדט צו אים און ער פאַרשטייט ניט וואָס זי רעדט. ער שטאַמלט נאָר מיט אַן אומבאַהאָלפענעם שמייכעלע.

ער לאָזט זיך אַ וואַקלענדיקער צום אַרויסגאַנג צו. ערשט, מיט דער פלייצע אָנגעשפּאַרט אָן דער טיר און מיט געקרייצטע אָרימס, שטייט מאַריאַ און אירע אויגן רופן אים צו זיך, גלעטנדיק, בעטנ-דיק. ער פאַלט אַריין אין אירע בויגעווריקע, וואַרימע אָרימס.

זיין אַלט לייב קאָרטשעט זיך נאָך איצט, אונטער דער צאַרטער ווייכקייט פון אירע הענט, וואָס גלעטן אים איבערן פּנים, איבער די אויגן-דעקלעך, איבערן האַלדז. אַ שטראָם פון דעם לעצטן ביסל בלוט, וואָס זיין גוף פאַרמאָגט נאָך, גיט אים אַ פלייץ אין קאָפּ אַריין. ער איז שכור. ער איז פאַרשכורט פון אירע זאַפטיקע ליפּן, פון דעם הייסן געטראַנק, וואָס ער זויגט פון זיי, ווי פון צוויי פאַר-כשופטע בעכערס.

נאָך יענעם אָוונט — דערמאָנט ער זיך — פלעגן שוין אים, יעדער טאָג, אין דער זעלבער שעה, די פיס אַליין — ניט פרעגנדיק

אים — אוועקפירן אהין, אין דעם ליכטיקן שטיבעלע פון מאריא וואלענזועלא.

ער פלעגט זיך ניט געבן קיין רעכענונג, ווי אזוי זיין האנט, פלעגט, פונקט זעקס א זייגער פארנאכט, אנרירן דאס הענטל אויף דער טיר פון לאס-לילאס 517 און ער פלעגט שטיל אנקלאפן אין איר.

ער האט זיך פון איין טאג ביז דעם אנדערן, טויזנט שבועות געגעבן, אז ער גייט מער ניט צו מאריאן. ביינאכט איז ער איינגע־שלאפן, האלטנדיק אין איין חזרן, שעפטשענדיק: „איך גיי מער ניט צו איר. איך גיי ניט. איך גיי ניט. איך גיי ניט" — און ווי עס איז נאר געקומען זעקס א זייגער האט ער זיך געפונען אין מאריאס שטיבל, כאטש געגאנגען איז ער גאר ערגעץ אנדערשוואו...

אוי האט זיך דאס געטאן ביי אים אין דער היים, ווען ער איז געקומען מיט דער פלוצלינגער נייס, אז ער פארט אפ קיין ארגענטינע.

עס האט ניט געהאלפן, ניט דעם טאטנס בעטן, ניט דער מא־מעס וויינען, ניט די טרערן פון די שוועסטער — ער מוז פארן.

איבער צוואנציק יאר האט ער אפגעריכט גלות. ער האט אוים־געמאסטן די ארגענטינער ערד מיט דעם „פעקל" אויף די אקסלען. ער האט שווער געהארעוועט צו פארדינען פאר זיך, פאר טאטע־מאע, פאר די שוועסטער. ער האט זיי פון דער ווייטן געהאלפן חתונה מאכן און נאכדעם ערשט וועגן זיך גענומען טראכטן.

אין די טעג האט ער שווער געארבעט און געוואנדערט און אין די נעכט האט ער זיך געשטיקט מיט זיין ניט אויסגעגאסענער ליבע צו מאריאן. עס האבן געדארפט דורערן איבער צוויי צענדליק יאר, כדי ער זאל אן איר קענען פארגעסן, ער זאל זיין ליבע צו איר קענען פארלעשן.

און אז ער האט נאכדעם חתונה געהאט מיט זיין ריווען, האט ער זיין גאנצע האפענונג, — א באצאלט פאר זיינע ליידן, פאר זיין וואגלען איבער דער וועלט, פאר זיין שווערן לעבן, — געזוכט אין זיין טעכטערל, אין זיין רייזעלען, וואס איז ביי זיי געבוירן געווארן.

מיט יעדן טאג, וואס רייזעלע איז געוואקסן, האט זיין הארץ געקוואלן אין אים. האדעווענדיק איר, האט ער געכאוועט זיין הא־

פענונג אין איר, זיין נחת, וואָס וועט קומען צו אים אויף די עלטערע יאָרן.

רייזעלע איז געוואַקסן שיין און שטאַלטיק. גוט און קלוג. ער האָט נאָר געבעטן אין זיין האַרצן, צו גאָט, אַז זיין גליק זאָל ניט צעשטערט ווערן.

און דאָס האָט זי אים אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך! מיר ניט, דיר ניט, — אַוועק און חתונה געהאַט פאַר ראַולן. זיך גאָר ניט געקוואָלן. זיך גאָרניט געמאַטערט. גענומען און זיך אָפּגעריסן פון וואָרצל — פון דעם וואָרצל, וואָס איז דורכגעוואַקסן און באַפּייכט געוואָרן מיט אונדזער בלוט. און זי, רייזעלע, אַזוי גרינג איז דאָס איר אָנגעקומען. אַוועקגעפלויגן. גענומען און אַוועק.

לעבן אים איז נאָך אַלץ געזעסן ראַול. ער איז געזעסן רואיק. קיין פּאַרע האָט מען פון אים ניט געהערט. ווי ער וואָלט אינגאַנצן ניט געווען ביי זיין זייט. ער איז געזעסן אַ פאַרשולדיקטער.

משה האָט באַשלאָסן אַהיים צו גיין. ער איז אויפגעשטאַנען. ער האָט זיך געשעמט פאַר ראַולן דעם פּנים צו ווייזן. ביים אויפשטיין פון באַנק האָט אים אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. ראַול איז צוגעלאָפן. ער איז גלייך געווען ביי זיין זייט. ער האָט אים אונטערגעכאַפּט ביים אָרים און געפירט.

אויפן וועג האָט ראַול זיך אַליין געזידלט. ער האָט זיך געשלאָגן מיטן פויסט אין האַרצן אַריין און געשריען: „איך בין אַ „ראַטאָ" (אָפּגעריסענער)! איך בין אַ גראָבע זאַך, אַן אומפאַרשעמטער!"

— דאָן מאָיסעס, — האָט ער זיך ביי משהן געבעטן, — פאַרגיב מיר, איך ווייס, אַז איך האָב זייער מיאוס געהאַנדלט קעגן דיר. איך בין געווען באַטרונקען. פאַרגעס, דאָן מאָיסעס. און דאָס וועגן דיין אייניקל, פאַרגעס אויך. עס איז גאָרניט געווען. איין זאַך דאַרף איך דיר נאָר זאָגן, דאָן מאָיסעס, מעגסט זיין שטאָלץ. דיין זריעה איז אַ גוטע. ער איז אַ בראַווער און אָרנטלעכער מענטש, דיין אייניקל. ער איז מיינער אַן אַלטער, גוטער חבר. אָבער פאַרגעס. ער איז אַוועק ווייט. זייער ווייט. ערגעץ אין אַלע אויסרייסעניש — אין די מאַגאַזשאַנעס. ער קען דאָרטן אָפּלעבן אַ לעבן לאַנג און מער ניט קומען אַהער. פאַרגעס, אַלטיטשקער.

משה האָט זיך געלאָזט פירן פון ראַולן. ער האָט געטראַכט:

„וואָס האָב איך צו דעם ראָולן? אַ פיינער, איידעלער מענטש. און ווער איז ער דאָס, וואָס משפּט אַזוי שטרענג רייזעלען? איז ער דען בעסער פון איר? אייגנטלעך האָט ער דאָך געהאַנדלט ווי אַ פּחדן, ניט זי. ער איז אַנטלאָפן פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זי איז ערלעכער פון אים".

— קום אַריין צו מיר — האָט אים ראָול איבערגעריסן די גע־דאַנקען.

משה האָט זיך געפונען ביי דער שוועל פון רייזעלעס הויז. רייזעלעס פּנים האָט געמיניעט צו אים פון יענער זייט וואַנט פון שטוב. אַ מאַגישער כח האָט אים אַהין געצויגן. ער איז אַריין צו רייזעלען אין שטוב, אונטערן אָרים פון ראָולן, ווי אַ פאַרשולדיקטער חדר־ייִנגל.

רייזעלע האָט אויסגעשריען: „פּאַפּאַ, פּאַפּאַסיטאָ לינדאָ (שיינער פּאַפּאַ)!" און שיעור ניט אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד, וואָס זי האָט גע־האַלטן אין שויס. משהס ווייסער קאָפּ איז געפאַלן אויפן אַקסל פון זיין טאָכטער און זיין גאַנצער גוף האָט זיך קאָנוואולסיוו געוואָרפן. נאָכדעם האָט ער איינגעקלאַמערט זיין אייניקל אין זיינע אָרימס און באַזאַלבט זיין קאָפּ מיט די הייסע טרערן, וואָס האָבן געשטראָמט פון אַן אַלט, צעווייטיקט יידיש האַרץ — פון דעם האַרץ פון אַ ייִדישן זיידן.

ריווע איז אַרומגעלאָפן אַ צעמישטע. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך. זי איז צוגעלאָפן צו איר טאָכטער, איר אַרומגע־נומען און באַדעקט מיט קושן.

— נו, טאָכטער, — האָט זי געטענהט, — וואָס זאָגסטו? האָב איך דען דיר אַלעמאָל ניט געזאָגט, אַז דער טאַטעשי וועט זיך אַמאָל איבערבעטן מיט דיר? האַ טאָכטערשי?

פּאָרט אַ טאַטע! אַ טאַטנס אַ האַרץ איז ניט אָפּצושאַצן...

1958.

אויפן וועג

פּיליפ דוואָרקין איז אַריינגעשטיגן אין באַן, וואָס האָט געפירט קיין וויניאַ דעל מאַר. ער האָט זיך באַקוועם געמאַכט ביים פענצטערל.

עס האָט אָקאָרשט לייכט אָפּגערעגנט.

די בערג האָבן זיך, טונקל, געהויקערט, אונטער דעם אָנקום פון דעם פאַרנאַכט.

די זון, אַן אויסגעלייטערטע, האָט, פאַרן פאַרגיין, אויסגעווישט די טרערן פון פנים, און האָט נאָך באַוויזן — מיט איר אָפּגלאַנץ — צו באַצירן, צו באַזוימען, די זילבערנע וואָלקנס, מיט אַן עלעקטרישן זיג־זאַג...

ער האָט זיין אויג ניט געקענט אָפּרייסן פון דעם אויסטערלישן אין דרויסן.

ער האָט זיך אַליין געזידלט, הלמאי ער קוקט ניט אָן די וועלט. — רק ער איז פאַרנומען. אָדער די געשעפטן, אָדער דאָס שפּילן.

ער האָט זיך געשפּירט, ווי איינער, וואָס איז אַ שטיק צייט בלינד געווען און האָט מיטאַמאָל, צוריק די ראיה באַקומען.

דערווייל האָבן זיך די וואָלקנס אויף העלישן פייער־רויט געפאַרבן און זיינען ווי שווימענדיקע שרפות אונטערן הימל געהאָנגען.

די נאַכט האָט מיט אָנקומענדיקע כוואַליעס פינצטערניש די ברענענדיקע וואָלקנס געלאָשן און האָט מיט חושך די באַן־פענצטערלעך באַגאָסן.

פיליפּ האָט אָפּגעקערט זיין פּנים פון פענצטערל און באַמערקט אין זיין זייט אַ באַחנטע פרוי אין די דרייסיקער, מיט אַן אָפן געזיכט און מיט חכמה אין די אויגן.

פיליפּ האָט פיינט געהאַט צו אָנהויבן אַ שמועס, מיט אַ פרוי, וואָס ער קען ניט. ער איז געווען אַ צו שטאָלצער און האָט מורא געהאַט פאַרן צוריקווייזן די אומגעבעטענע באַקאַנטשאַפט. דערצו איז ער נאָך געווען אַ סך עלטער פון איר און אַ ייד אַלס צוגאָב.

— אפשר — אַ קשיה אויף אַ מעשה — האָט זי ראַסן־פאַראורטיילן.

פיליפּ האָט זיך פאַרטאָן אין זיינע זשורנאַלן און צייטונגען — ביז אַ העלפט פון דער רייזע.

דאַן האָט די פרוי, וואָס איז לעבן אים געזעסן, איבערגעריסן די שטומקייט:

— קען איך אייך פאַרלייגן אַ פרוכט, הער?

— איר זיינט זייער ליבלעך — אַ שיינעם דאַנק — האָט ער אָנגענומען איר אָנבאָט.

איר געהערט וואַרשיינלעך ניט צו דעם היזיקן אָפּשטאַם — האָט פיליפּ אַרויסגעזאָגט זיין השערה.

— פון וואַנען ווייסט איר עס?

— פון אייער באַזאָרגן זיך מיט שפּייז אויפן וועג — ניט קיין היגער מנהג.

— אמת, איך שטאַם טאַקע פון ענגלישע עלטערן. מיין נאָמען איז, מאַרטאַ באַרקיש.

— מיין נאָמען איז פיליפּ דוואָרקין.

— און איר דאַרפט זיין אַ קינסטלער.

— ניין. וואָס פעלט אייך איין? פון וואַנען נעמט איר עס?

— פון אייער גאַנצן געשטעל, פון אייער אויסזען, פון אייערע דורשטיקע אויגן — פון אייער קוקן אַזוי לאַנג אין דעם זון־פאַרגאַנג, ניט באַמערקנדיק אפילו אין אייער זייט, אַן איינזאַמער דאַמע...

— דער נאַטור, פריילן, בין איך דרייסטער אַריינצוקוקן אין פּנים אַריין, ווי אַ פרוי. — ניין. איך פאַרנעם זיך מיט גאָר פּראָזאַישע זאַכן, מיט אינדוסטרי, מיט ציפערן, מיט געלט.

— ביי אייער ראַסע איז אַלץ מעגלעך. — איר קענט זיך טאַקע פאַרנעמען מיט די אַלע זאַכן און דערצו זיין אַ קינסטלער.

— פון וואַנען דערקענט איר מיין ראַסע?

— איך בין טאַקע דאָ געבוירן געוואָרן, אָבער איך האָב גע־לעבט צען יאָר אין אייראָפּע. דאָרטן האָב איך דאָס די ראַסן־תורה געלערנט. איך האָב אין אייראָפּע געקעמפט קעגן היטלערן. איך האָב זיך ערשט מיט דריי יאָר צוריק אַהער אומגעקערט. איר ווייסט? איך טראַכט אָפט, אַז איך אַליין בין אַ שטיקל יידישקע — איך הייס באַרקיש — דער נאָמען קלינגט עפּעס יידיש. מיין נאָמען נעמט זיך פון העברעיש — אַזוי האָט מען מיר אין אייראָפּע געזאָגט.

— ווען מיר, האָט איר אַ טעות. איך בין ניט קיין קינסטלער. איך בין נאָר אַן אינדוסטריעלער. — „נאָר" קען מען אפילו ניט זאָגן. איך בין אויך אַ ליידנשאַפטלעכער שפּילער. איך פאָר דאָס טאַקע איצט אין קאַזינאָ אַריין.

— אויך איך בין ניט פריי פון קיין ליידנשאַפטן. — מיין ליידנ־שאַפט איז — רייטן, פערד. — איך בין אַ פאַרקאַכטע רייטערין. אין וויניאַ דעל מאַר וואוינען מיינע אַלטיטשקע. דאָ איז מיר לייכטער אויסצוהאַלטן אַ פערד. אַרבעטן, אַרבעט איך אין סאַנטיאַגאָ און יעדער ענדע וואָך קום איך קיין וויניאַ. דאָס פערד ציט מיך, ווי אַ מאַגנעט. איך דערוואַרט מיך שוין קוים, אַז דער פרייטיק אָוונט זאָל אָנקומען. עס איז אַ חרפּה צו דערציילן, — ווען ניט דאָס פערד, וויים איך גאָר ניט צי איך וואָלט אַזוי אָפט געפאָרן קיין וויניאַ.

— איך וועל זיין געוואַגט און אייך זאָגן: איך בין מקנא אייער פערד. איך בין אייפערזיכטיק צו אים.

— און איך, — צו דעם שפּילן אייערן.

— אָ, אָ! — עס איז נאָך פאַראַן אַ גרויסער חלוק. — איר האָט צו טאָן מיט אַ לעבעדיקע זאַך — מיט אַ פערד — פאָרט אַ באַ־שעפעניש, אַ לעבעדיקעס וועזן. אַז איר דערנענטערט זיך צו אייער פערד, זעט ער אייך, דערקאָנט ער אייך, פאַרשקעט ער אַ צופריי־דענער מיט זיינע נאָזלעכער. ווען איר רייט אַרום אויף אים, גיסן

זיך צוזאַמען, אייערעביידנס קערפּערס אין איינעם און די וואַרים־קייט פון אייער בלוט, מישט זיך אויס אין אייערע גופים. איר אָטעמט איין דעם זעלבן אַראָמאַט פון דער לופט. און איך? איך האָב צו טאָן מיט טויטע זאַכן — מיט קאָרטן. דאָס שפּילן נעמט אַוועק די לוסט צום לעבן ביי דעם מענטשן, מעקט אָפּ זיין פאַר־אַנטוואָרטלעכקייטס־געפיל און ווישט אָפּ יעדער גרעניץ פון צייט און פון פליכט. איך וועל מיט אייך זיין אָפנהערציק — איך האָב אַמאָל געהאַט אַ פרוי. איך האָב איר פאַרלאָרן. אַ שיינע פרוי געווען — די שענסטע אין דער קאָלאָניע. צוליבן שפּילן האָב איך זי פאַרלאָרן.

דער באַן האָט זיך דערנענטערט צו ווייניאַ. די עלעקטרישע אויגן, ביי די ראַנדן פון וועג, האָבן מיט פרעמדקייט געוואונקען צו פיליפן.

מאַרטאַ האָט, דורכן פענצטערל, דערזען אירע קרובים, וואָס זיינען איר געקומען אָפּוואַרטן. זי האָט זיך געזעגנט מיט זיי, מיט איר בייגעוודיקער הענטל. אירע אויגן זיינען געווען אויפ־געפראַלט.

פיליפּ האָט אין זיי דערזען אַזוי פיל אָנגעזאַמלטן, אויפגעהאַל־טענעם לעבן און ליבשאַפט, אַז עס האָט אים אַ וואַרים געטאָן אין האַרצן.

אויפן וועג צום האָטעל, האָט פיליפּ געטראַכט וועגן דער באַ־געגעניש אין באַן, מיט מאַרטאַן, ווי וועגן אַן עפּיזאָד, וואָס איז פאַרביי, ווי וועגן אַ זאַך, וואָס טרעפט אָפּט אין לעבן. עס האָט זיך אַ וועב געטאָן אַ שיין קאָלירעדיקער פאָדים, ער האָט זיך אַ באַוויז געטאָן פאַר די אויגן, אַ שיין געטאָן אין לעבן און — ניטאָ. ער האָט זיך איבערגעריסן אינמיטן וועבן. עס האָט שוין ניט איין מאָל אַזוינס אין זיין לעבן פּאַסירט. עס קומט נאָכהער די צייט און פאַרווייעט מיט שטויב דעם גלאַנציקן פאָדים, פאַרדעקט אים פאַרן אויג און פאַרשטעלט אים פאַרן זכרון.

*

* *

דאָס מאָל איז פיליפּן געגאַנגען אין קאַזינאָ, — ווי קיינמאָל ניט. האָט ער געשטעלט אויפן באַנק, האָבן זיך די „פּיטשאַס" (במ־

קום געלט — געמאַכט פון פּלאַסטיק) געבערגלט אין זיין זייט; האָט ער געשטעלט קעגן באַנק, האָט ער ווידער געוואונען. אויף וואָס פיליפּ האָט געשטעלט, אויף דעם האָט עס געוואונען. עס האָט אויס־געזען, ווי דער קרופּיער וואָלט היפּנאָטיזירט געוואָרן דורך אים און ער מוז אויסשרייען זיין מעלדונג, לויט דעם פאַרלאַנג פון פיליפּן.

פיליפּ איז אָבער געזעסן אַ גלייכגילטיקער. עס זיינען אים ניט אָנגעגאַנגען די געוואונענע מיליאָנען. אין זיין קאָפּ האָבן די „פּי־טשאַס" מאָנאָטאָן געראַשט. ער האָט דאָס מאָל, ווי אַ זייטיקער, געקוקט באַטראַכטן די גרימאַסן פון די פרויען, ביים שפּילן, זייער צוקן מיט די ברעמען, זייער נעבעכדיקן שמייכל, ביים פאַרלירן, דאָס ציטערן פון זייערע הענט, ביים איינשטעלן די „פּיטשאַס" אין קאָן און ווי די מענער זיצן ווי די באַנומענע פון עפּעס אַן אויבער־קראַפט. זיי זיצן אַזעלכע ערנסטע, ווי די גאַנצע וועלט, זייער גאַנץ לעבן, וואָלט דאָ געשטאַנען אין קאָן, ווי זייער גורל וואָלט זיך דאָ אָפּ־געשפּילט.

אַזוי פיל יאָרן ווי ער שפּילט דאָ און ער האָט קיינמאָל ניט באַ־מערקט, ווי די סאַלאָנען פון קאַזינאָ זעען אויס. ער האָט זיי, ווי צום ערשטן מאָל, דערזען איצט. ערשט היינט האָט ער דערהערט, צום ערשטן מאָל, דעם אייגנאַרטיקן געקלאַנג פון די „פּיטשאַס", וואָס מישן זיך אויס מיט די אויסרופן פון די קרופּיערס, מיט דעם מורמלען און די באַגייסטערונגס־אויסגעשרייען פון די שפּילער.

ער פאַררויכערט אַ ציגאַר און אונטער דעם וואָאַל פון דעם גרין־גרוילעכן רויך, אַנטפּלעקט זיך פאַר אים מאַרטאַס געשטאַלט. זי זיצט אויף איר פערד, אַ שלאַנקע, אַ זאַפטיקע, אַ געזונטע, אין די רייט־קליידער, וואָס בולטן אַרויס איר פרויאישקייט, און טראָגט זיך אַנטקעגן אים. זי רייט, דוכט זיך, צו אים און דאַך, וואָס מערער זי רייט צו אים, אַלץ מערער דערווייטערט זי זיך פון אים.

עס גייט אים ניט אויף דאָס געווינען. דאָ געווינט ער טאָקע אוצרות, — אָבער דאָרטן דערווייטערט זיך מאַרטאַ פון אים.

*

* *

די גאַנצע נאַכט קייקלט זיך מאַרטאַ אויפן געלעגער און קען מיט קיין אויג ניט צומאַכן. פיליפּס קלוג פּנים, זיינע ריידעווודיקע

אויגן, זיין אָפנהאַרציקייט, לאָזן ניט צו דעם שלאָף צו אירע אויגן.

אַ שטיק אויף טאָג איז זי קוים איינגעשלאָפן. עס איז געווען אַ מין האַלב שלאָפן, האַלב וואַך זיין. זי זעט זיך רייטנדיק אויף איר פידען. זי טראָגט זיך אויף אים איבער דעם ברייטן וועג, וואָס איז באַצירט, פון ביידע זייטן, מיט גרינע קרוינען. אַנטקעגן איר טויכט אויף פיליפּס פּנים. ער טראָגט זיך אַנטקעגן איר. זיין שמייכל, זיינע אויגן — ליכטיקע ווי די זון — רופן איר צו זיך. זי איילט צו אים. אָבער דאָס פערד פאַרהאַלט זיך, יעדעס ווילע, פאַרעקשנט זיך און רירט זיך ניט פון אָרט — ווי ער וואָלט געשפּירט אַן אייפער צו דעם אַנטקעגן אָנקומענדיקן געשטאַלט. זי ציט אים פאַר די ליי־צעס, פעטשלט אים איבערן האַלדז, מיט ליבשאַפט, בעט זיך ביי אים, פידען, פידען טייערער, — עס העלפט ניט. זי גיט אים דאַן אַ קיצל מיט די שפּאָרן אין די דעליקאַטע טיילן פון זיין קערפּער — עס העלפט ניט. ער צעיאָגט זיך אַ צעשפּרוזשעטער, לויפט ווי אַ ווילדער און שליידערט איר אַראָפּ פון זיך. פון דעם קלאַפּ, פון דעם ווייטיק, צעשרייט זי זיך. איר אַלטע, ליבע מוטער, שטייט איבער איר בעט אַ שמייכלענדיקע, גלעט איר איבערן שטערן, קושט איר:

— אַ חלום, מיין קינד, עס זאָל אַלץ צום גוטן אויסגיין. שטיי אויף, מיין טייערינקע, עס איז שוין האַלבער טאָג. אַ שיינער, זוני־קער אין דרויסן. אַ הער האָט זיך אויף דיר נאָכגעפרעגט. ער האָט צוגעזאָגט שפּעטער ווידער צו קומען.

מאַרטאַ קאָרטשעט זיך אַ ווײַלע אונטער דער מאַמעס לאַסקעס. דער ווייטיק, וואָס זי האָט נאָך געפילט ביים אויפכאַפּן זיך, פאַרגייט און אַ ליכטיקע האָפענונג זינגט אין איר נשמה.

די שיינענדיקע זון רופט איר צו געניוס, צו לעבן, צו אָנהויבן דאָס לעבן פון דאָס ניי.

*

* *

נאָך מיטאָג זיינען ביידע — פיליפּ מיט מאַרטאַן — אַרויסגעריטן אין דער געגנט, אַרום ווינייאַ דעל מאַר.

מאַרטאַס פערד — פידען — איז גאָרניט געווען דער זעלבער.

אַז מאַרטאַ האָט געוואָלט רייטן, זייט ביי זייט מיט פיליפּן, האָט זיך פידען געבריקעוועט און געצויגן אָן אַ זייט. ער האָט געשפּירט, אַז זי גייט אים פאַרבייטן אויף דעם דערבייאיקן רייטער, וואָס זוכט זיך צו באַהעפטן מיט איר און ער האָט זיך קוים געשלעפּט, אַ טרויעריקער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ...

.1958

ב.

זוען איך אַש האָט
מען אונדז געבּרענט

אַ בינטל האָר

אַמאָל — מיט יאָרן צוריק — איז אויף דעם אָרט, וואו עס שטייט היינט „תל־אביב״, געשטאַנען, אַן אַלטע, פאַרוואָרלאָזטע „קאָנוועניטיזשאָ״ (אַ גרויסער אָרימער הויף).

די „קאָנוועניטיזשאָ״, איז געווען, אַ שמאָלע און אַ לאַנגע — די לענג פון אַ גאַנצן קוואַרטאַל. זי האָט זיך אָנגעהויבן פון גאַלוועז און האָט זיך געענדיקט אין סאַן־דיעגאָ און האָט געבילדעט אַ מין דורך־הויף.

איבער דער „קאָנוועניטיזשאָ״, זיינען, געבויגענע און געהויקערטע, געשטאַנען, צענדליקער, איינצימערדיקע שטיבלעך.

אין צוויי רייען, זיינען זיי געשטאַנען, די אָן־פענצטערדיקע, צו דער ערד־געזונקענע, שטיבלעך, מיט די אָפּגעלאָזטע דעכער און צע־שיילטע ווענט, פון וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעזען זייער אינגע־ווייד — אַ געמיש פון קלעפּיקער בלאָטע, דורכגעקנאָטן מיט קורצע שטרויעלעך — און זיי האָבן אויסגעזען, ווי אַלטע, בלינדע, פּליכע־וואַטע, אָפּגעלאָזענע, קרועה־בלויהדיקע זקנים, אין וועמענס טיפע־קנייטשן, עס האָט זיך פאַרקליבן דער ברוד פון לאַנגע יאָרן, — ווי־

זקנים, וואָס האָבן שוין קיין כוח ניט צו האַלטן זיך אויף זייערע אייגענע פיס און שפּאַרן זיך אָן איינער אָן דעם אַנדערן...

עס איז נאָר געווען אַ חדוש, — פון וואַנען האָט זיך עס גענומען דער כוח, ביי דעם לעצטן זקנישן שטיבל, וואָס האָט זיך שוין ניט געהאַט אויף וועמען אָנצושפּאַרן, — ער זאָל ניט אַנידערפאַלן...

ביי די שוועלן פון די „קאָנוועטיזשע״-שטיבלעך, האָבן זיך שטענדיק אַרומגעוואַלגערט און אַרומגעפויזעט, פאַרמורזעטע, פּוזעוואַטע קינדערלעך, מיט שטענדיק פייכטע נעזעלעך, וועלכע האָבן אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט, דער ליכטיקער, די חלקים פון זייערע גופימלעך, וואָס דאַרפן זיין פאַרדעקט...

פונקט ווי די שטיבלעך, זיינען אויך פרויען געשטאַנען, איינגעבויגענערהייט, אין צוויי רייען: — אַזוי פיל פרויען וויפל הייזלעך. זיי זיינען געשטאַנען, איבער באַלייעם ברודיקע גרעט, וואו די וועלט האָט זיך פאַר זיי, אַ מוטנע, אָפּגעשפּיגלט...

לעבן יעדער פרוי, איז געשטאַנען, אַן אימפּראָוויזירטע, בלעכענע קיך. די קיכן האָבן זיך געהייצט, אויף שפּענער און איינגעפּרעסטן זעגעכץ.

גאַנצע זיילן מיט רויך, האָבן זיך פון די קיכן, אין דער הויך געטראָגן. האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין טונקעלע וואָלקנס און דעם הימל פאַרשטעלט.

די פרויען האָבן, יעדע ווײַלע, צוגעגאָסן אַ ביסל קאָכיקן וואַסער, אין זייערע באַלייעס אַריין, פון וואָס עס איז איבער דער „קאָנוועניטיזשאָ״, שטענדיק, געהאַנגען, אַ טונקעלע, וואָרים-פייכטלעכע כמאַרע, אויסגעמישט מיטן ריח פון געקאָכטן, קויטיקן גרעט, וואָס האַלט זיך אין איין פאַרען.

אַ גאַנצן טאָג, האָט די זון געהאַלטן אין איין פירן אַ מלחמה, מיט די וואָלקנס רויך און כמאַרעס פאַרע, פון דער „קאָנוועניטיזשאָ״, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין דערנענטערן צו איר און האָבן געוואָלט פאַרשווארצן איר ליכטיקן פנים... די זון האָט אָבער, מיט אירע שאַרפע שטראַלן אַראָפּגעשפּיזט איבער די וואָלקנס קעפּ. זיי האָבן די וואָלקנס דורכגעשטאָכן און צוריקגעשטויסן צו דער נידער. און די וואָלקנס רויך און די כמאַרעס פאַרע, האָבן קיין ברירה ניט געהאַט. זיי האָבן זיך געמוזט צוריקציען, צו דער „קאָנוועניטיזשאָ״

און דאַרטן די קעפּלעך פון די וואַלגערנדיקע קינדער און די גופים פון זייערע איינגעבויגענע מאַמעס, איינהילן.

אַ גאַנצן טאָג אַזוי, — ביז די זון פאַרענדיקט איר אַרבעט און פאַרקייקלט זיך, אַ רויט־צעפלאַמטע, אַהינטער די בערג, צו איר נאַכטיקער רו און מנוחה...

ערשט דאַן — צוזאַמען מיט דער זון — לעשן זיך אויך אויס, די רויכערנדיקע קיכן פון דער „קאָנוועגטיזשאַ" און אין די שטיקנדיקע חדרים וואַלגערן זיך אַרום, אויסגעמישטערהייט, בינטלעך אויסגעמאַטערטעביינער, פון ווייבער, מענער, צוזאַמען מיט דעם אַרויסגאַנג פון זייערע דיכן...

די גאַנצע „קאָנוועגטיזשאַ", האָט אויסגעזען, ווי איין גרויסע תפיסה, — ווי אַ טאָרטורן־הויז, וואוהין אַן אומזעבאַרע האַנט, האָט די מענטשן פאַרשיקט און זיי פאַרמשפּט, אָפּצולעבן דאָרטן זייערע יאָרן, — רייצנדיק זיך נאָך מיט זיי, דערביי, וואָס זי פאַרצאַמט ניט פאַר זיי די פרייהייט...

איז, וואו עס שטייט איצט „תל־אביב", אַמאָל געשטאַנען, די אויבנדערמאָנטע „קאָנוועגטיזשאַ". און זי וואָלט נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַזוי געשטאַנען, ווען די אייגנטימערינס פון איר — צוויי שוועסטער, פאַרזעסענע, פרומע מוידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן דעם קלויסטער און פון קיין זאַך אין דער וועלט ניט געוואָלט וויסן — וואָלטן ניט געמאַכט אַ שטאַרב און וואָלטן ניט איבערגעלאָזט קיין יורשים, פּלימעניקעס, היינט־וועלטיקע, וואָס האָבן גלייך נאָך זייער מומעס שטאַרבן, איבערגענומען די ירושה, אַראָפּגעוואָרפן די „קאָנוועגטיזשאַ", אָפּגערייניקט דעם באָדן, וואו זי איז געשטאַנען, און אַרויפגעצויגן אויף זיין קאַרק אַ האַרטן אַספאַלט און פון ביידע זייטן צוויי רייען, צימענטענע, מאָדערנע דעפּאַרטאַמענטן און דעם דורכגאַנג פון דער אַמאָליקער „קאָנוועגטיזשאַ", אַ נאָמען געגעבן, באַלטאַזאַר וויזשאַלאַבאָס.

פון אָנפאַנג איז געווען שווער צו פאַרדינגען די דאָזיקע דעפּאַרטאַמענטן.

פאַר קבצנים איז דאָס דירה־געלט געווען צו טייער. פאַרמעגלעכע בעלנים, צו דינגען די דעפּאַרטאַמענטס־הייזער זיינען ניט געווען.

עס איז געווען געגוג נאָר אַ זאָג צו טאָן, וואו די דאָזיקע הייזער געפינען זיך, אַז זיי שטייען אויף דעם אָרט, וואו די „קאָנוועגטיזשאָ" איז פריער געלעגן, אַז עס זאָל אָפּנעמען דער חשק, ביי די רייכערע, צו וועלן גיין וואוינען אַהין.

אָבער לאַנג האָט עס ניט געדויערט.

אַז די קרעמער פון סאַן-דיעגאָ — אַראַבער, שפּאַניער און יידן — האָבן זיך אַרומגעזען, אַז עס שטייען, אַזוי נאָענט פון זייערע קליימן, שיינע און באַקוועמע דירות, צום פאַרדינגען, האָבן זיי, ביסלעכווייז, די נייע גאַס, באַלטאַזאַר וויזשאַלאַבאַס, באַזעצט.

די יידן פון באַלטאַזאַר וויזשאַלאַבאַס, האָבן זיך גענומען טוליען איינער צו דעם אַנדערן, האָבן זיך איינער מיט דעם צווייטן באַ-פריינדעט און ווי נאָר עס האָט זיך, אויף דער דאָזיקער גאַס, אַמאָל, אָפּגעליידיקט אַ הויז, האָבן זיי גלייך אַהין אַראָפּגעבראַכט נאָך אַ יידן, נאָך אַ לאַנדסמאַן, ביז, מיט דער צייט, איז וויזשאַלאַבאַס גע-וואָרן — גויים-ריין...

(דערפאַר טאַקע האָבן די יידן זי אַ נאָמען געגעבן „תל-אביב". און אַזוי רופן זיי איר, די גאַס, ניט קוקנדיק, וואָס אויף אַלע אירע פיר ראָגן, העגגען בלעכלעך, אויף וועלכע עס לייענט זיך בפירוש: די גאַס פון באַלטאַזאַר וויזשאַלאַבאַס.

און די דאָזיקע גאַס איז טאַקע אַ שטיק ארץ-ישראל, — אַן אמתער „תל-אביב".

יידן זיינען זיך פּשוט מחיה אין „תל-אביב", וואו זיי שטייען ברייטלעך, אין קופּקעס, אויפן מיטן גאַס, און דיסקוטירן, יידישלעך און וואַרים, אַ ביסל פּאָליטיק.

עס איז פאַראַן, וואו מיט אַ האַנט אַ ראַזמאַכעווע צו טאָן. מען קען אויפהויבן אַ קול.

אַז איר גייט דורך די גאַס, זעט איר, דורך די פענצטער, ווי עס קוקן צו אייך אַראָפּ, פון די ווענט, בכבודיקע יידן, מיט חשובע, געדיכטע בערד, מיט סטאַטעטשנע בליקן, וואָס ריידן צו אייך מיט פאַרחדושטקייט, צוקוקנדיק, וואָס אַרום זיי טוט זיך. אייער אויער פאַרנעמט, דערביי, אַ נגונדל פון אַ „רצה", אַ „יעלה", אָדער גאָר: „וואָס זשע ווילסטו, אַ שוסטער פאַר אַ מאַן, אַ שוסטער פאַר אַ מאַן?"

טאָמער נויטיקט איר זיך, אין „תל־אביב", אין אַ מנין, פֿאַר אַ שמחה, אָדער אַ יאָרצייט, — דאַרפֿט איר זיך קיין סך ניט אָנהאָרעווען און אָנלויפֿן. איינס און צוויי און דער מנין ווערט צונויפֿגעקלאַפּט.

היינט טאָמער פֿאַרווילט זיך אייך, להבדיל, גאָר אַמאָל מאַכן אַ פּאָקערל, אַ דערדל, אַ טעלעפֿונקען, צו גאָר אַ קאָנאַסטע, איז דאָך פּשוט אַ מחיה. אַ קלאַפּ אין איין טיר, אין אַ צווייטער, אַ דריטער און די נויטיקע „הענט" זיינען גלייך דאָ.

ווער רעדט נאָך פֿאַר די ווייבער! — פֿאַר זיי איז דאָך גאָר אַ גן־עדן. דורך די פֿענצטער און באַלקאָנען רעדט מען זיך אָדורך. מען שמועסט זיך אָפּ, ווען צו גיין צו דער טעאַטער, אין קינאָ, אָדער מען גיט זיך איבער אַ „רעצעפּט", ווי צו מאַכן אַ נייען געריכט.

פֿון „תל־אביב" קלייבט זיך זעלטן אַ ייד אַרויס — סיידן גאָט העלפֿט, ער אַרבעט זיך אַרויף און ציט זיך אַריבער אין אַן אייגענעם „טשאַלעט", אָדער „בונגאַלאָוו" (נעמען פֿון בנינים).

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, איז קיין „תל־אביב" געקומען וואוינען אַ נייע יידישע משפּחה, — די פֿאַמיליע ניישטאַט.

און כאָטש די פֿאַמיליע האָט טאַקע אַזוי געהייסן — ניישטאַט — האָבן איר דאָך אַלע איינוואוינער פֿון „תל־אביב" אַנדערש ניט גערופֿן, ווי נאָר — די גרעאַטעוועטע.

פֿון דעם צונאָמען, וואָס די פֿאַמיליע האָט געקראָגן אין „תל־אביב", איז שוין פֿאַר אייך געדרונגען, אַז די פֿאַמיליע ניישטאַט באַשטייט פֿון עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן און גרעאַטעוועט פֿון היטלערס ציין און נעגל.

די ניישטאַטס זיינען געווען יונגע און אינטעליגענטע מענטשן. — ער אַן אינזשיניער און זי אַ לערערין. זיי האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט פֿון די איבעריקע איינוואוינער פֿון „תל־אביב". עפּעס האָט זיך ניט געקלעפּט צווישן די ניישטאַטס מיט די איבעריקע.

די איינוואוינער פֿון „תל־אביב" האָבן געקוקט אויף די ניישטאַטס, ווי אויף מענטשן, וואָס געהערן צו אַן אַנדער וועלט, צו אַן אַנדער מין, — ווי אויף מענטשן, וואָס געהערן צו דער וועלט פֿון די „גרעאַטעוועטע" — און האָבן געקוקט אויף זיי, עפּעס ווי־

מיט קנאה און חשד, הלמאי זיי האָבן זיך יאָ געראַטעוועט און זייערע קרובים ניט...

עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז זיי, די ניישטאַטס, דאַרפֿן שטענדיק אַרומגיין צופֿרידן, נאָר דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן זיך געראַטעוועט און דאַרפֿן שוין מער גאָרניט פֿאַרלאַנגען. און אַז זיי האָבן געזען, ווי די ניישטאַטס אָרדענען זיך צו ביסלעך איין, מאַכן זייער לעבן שענער און בעסער, שטאַטן אויס זייער הויז, טוען זיך אָן לייטישער, — האָט זיך זיי דאָס אויסגעוויזן, ווי אומנאַטירלעך. עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט, ווי די ניישטאַטס וואָלטן זיך אַריינגעריסן אין אַ פֿרעמדן גבול, אין אַ פֿרעמדער וועלט, — אין דער וועלט, וואָס געהער צו זיי...

די ערשטע צייט האָבן זיך די שכנים פֿון „תּל-אביב" דווקא גענעהאַט דערנענטערט צו די ניישטאַטס. זיי האָבן געוואָלט אויסגיסן אַ ביסל פֿון זייער רחמנות אויף זיי. אָבער אַז זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר עפּעס „מאָדנע" מענטשן, האָט מען זיך דערווייטערט פֿון זיי און מען האָט זיי ביסלעכווייז אפֿילו אויפֿגעהערט צו באַגריסן, — די פֿאַרריסענע קבצניוקעס...

וואָלט מיר טאַקע שווער אָנגעקומען די באַקאַנטשאַפֿט מיט דער פֿאַמיליע ניישטאַט און נאָך שווערער וואָלט מיר אָנגעקומען צו געווינען איר צוטרוי — ווען איך וואָלט זיך פֿריער ניט באַקאַנט מיט דעם יינגסטן פֿון דער דאָזיקער משפּחה, — מיט דעם פֿיר-יעריקן וועלוועלען.

וועלוועלע איז ביי די ניישטאַטס געבוירן געוואָרן אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך זייער באַפֿרייאונג. ער איז געווען אַ געזונט, נאָרמאַל קינד, מיט אַ זילבערנעם קולכל, מיט אַ פֿריידיקן, לאַכעדיקן פּנים און מיט רואיקע טויבן-אויגן.

מיר זיינען גיך געוואָרן גוטע פֿריינט און אויף „דו". יעדן טאָג, אין דער באַשטימטער שעה, ווען איך פֿלעג דאַרפֿן דורכגיין, דורך „תּל-אביב", האָט מיר וועלוועלע אָפּגעוואַרט ביי דער טיר פֿון זיין הויז און האָט מיך, זיך ניט געלאָזט רירן פֿון אָרט, ביז איך האָב אים פֿריער ניט דערציילט אַ מעשהלע.

מעשהלעך, האָט דווקא וועלוועלע ליב געהאַט אויסצוהערן, טרויעריקע, און זיין ברייטער, פֿריידיקער פּנים, פֿלעגט זיך, דערביי,

טונקל אָנכמורען. ער פלעגט זיך, דאַן, אַזוי ערנסט פאַרטראַכטן, אַז ער פלעגט ניט באַמערקן, ווי איך גנבע זיך אַוועק פון אים און ווער נעלם.

מיט דער צייט האָט אויך וועלוועלעס מאַמע זיך גענומען צו־הערן צו מיינע מעשהלעך און נאָכדעם אויך זיין טאַטע, און אַ אַזוי ביסלעכווייז, בין איך געוואָרן דער פריינט פון דער גאַנצער משפּ־חה ניישטאַט און גענומען אַריינקומען צו זיי אין הויז.

אין דעם הויז פון די ניישטאַטס איז מיר אויסגעקומען צו פאַר־ברענגען, אַ חוץ מיט זיי, אויך מיט זייער אַ פריינט, אַ מאַלער, אויך אַ „געראַטעוועטער”.

עס פאַרשטייט זיך, אַז וועגן וואָס מיר זאָלן ניט האָבן גערעדט, אַז אַלע אונדזערע געשפּרעכן, פלעגן זיך פאַרענדיקן מיט די זכרונות און איבערלעבונגען פון דעם פאַר־פאַלק, די ניישטאַטס, און דעם מאַלערס.

זיי פלעגן ריידן, זיך היצן, איבערשלאָגן איינער דעם אַנדערן, זיך אויסבעסערן, אָדער דערגאַנצן. און איך — איך פלעג פאַרוואָנדלט ווערן אין איין גרויסן אויער און אין אַ פּאָר אויפגעריסענע, גרויסע אויגן, וואָס האָבן געשריען מיט אומגלויבן און פאַרוואונדערונג.

און מערקווירדיק, זייער דערציילן, האָט קיינמאָל ניט פאַרמאָגט, ניט קיין טאָלק, ניט קיין סדר. ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיי שטענדיק דערציילט פריער דאָס, וואָס האָט אויף זיי איבערגעלאָזט אַ שטאַר־קערן רושם.

דערפאַר, קענטיק, האָבן זיי תמיד אָנגעהויבן מיט זייער באַ־פרייאונג, ווייל דאָס, ווייזט אויס, איז געווען פאַר זיי די שטאַרקסטע און אומגלויבלעכסטע געשעעניש.

מער פאַר אַלעמען פלעגט דערציילן די פרוי ניישטאַט. זי פלעגט דאַן ריידן מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער באַגייסטערונג. און ווען אירע אויגן פלעגן דערביי, טונקל טרויערן, האָט זי אָבער ניט גע־קענט פאַרדעקן, דעם ווייסן שמייכל פון אירע ציין, מיט איר צו קורצער, אויבערשטער ליפּ. — און עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געוויינט און געלאַכט צוזאַמען.

ניישטאַטס ריידן און דערציילן איז נאָר געווען, ווי אַ דערגאַנ־צונג צו זיין פרוים דערציילן. ווען זי פלעגט קומען צו אַן עפּיזאָד,

וואָס ער האָט אים בעסער געקאַנט פון איר, דאַן פלעגט זי זיך אָפּשטעלן אינמיטן און זאָגן:

„דערציייל עס בעסער דו, מאַריץ. דו קענסט עס בעסער". און נאָכדעם פלעגט זי ווידער איבערנעמען דעם געשפּרעך, ווי אַ געניטער שיפער, וואָס נעמט צוריק איבער דעם רודער, נאָך אַ ווײַלע איבערכאַפּן דעם אָטעם — און זי פלעגט ווייטער דערציילן און דערציילן.

דער מאַלער, וואָס פלעגט אַרײַנקומען צו די ניישטאַטס, איז געווען אַ שווײַגער. — ער האָט מערער געהערט, ווי גערעדט.

בעת די ניישטאַטס האָבן גערעדט און דערציילט, האָט זיך זײַן מויל קיינמאָל ניט געעפנט, כדי זײַ איבערצורייסן, עפּעס צוגעבן, אָדער אָפּפרעגן. דערפאַר אָבער, ווען איר האָט זיך גוט צוגעקוקט צו אים, האָט איר געקענט באַמערקן, ווי זײַן פּנים האַלט אין איין ריידן, אין צוגעבן און אָפּפרעגן, אין איין מסכים זײַן, אָדער קעגן זײַן.

אָט ציטערן זײַנע ליפּן פון ווילדן כעס אויף דעם „העלד" פון דער דערציילונג. אָט לייגן זײַ זיך אויס, זײַנע ליפּן, אין אַ בטול־שמייכעלע. אָט צעקנייטשט זיך זײַן פּנים אין הונדערטער טרויעריקע עפּיזאָדן און אָט העלן זײַנע אויגן אויף מיט אַ דערלייכטערונג.

איינמאָל — ווען מיר זײַנען אַזוי אַרײַנגעזעסן, בײַ די ניישטאַטס, ביז אין דער טיפעניש פון דער נאַכט אַרײַן און מיר האָבן שוין זיך געוואָלט געזעגענען איינער מיט דעם אַנדערן — האָט דער מאַלער אונדז פאַרהאַלטן מיט אַ זשעסט פון זײַן האַנט.

— וואַרט נאָך אַ ווײַלע — האָט ער צו אונדז געזאָגט, — איך וועל אײַך עפּעס דערציילן. איך וועל אײַך דערציילן וועגן אַ בינטל האָר.

עס האָט אָבער געדויערט אַ רעכטע ווײַלע, ביז ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן.

דאָס הייסט, זײַן פּנים האָט שוין לאַנג דערציילט. אָבער בעת זײַן פּנים האָט געהאַלטן אין איין ריידן און ריידן, האָט זיך זײַן צונג געראַנגלט מיט אים, ביז ער האָט זיך אַ באַוועג געטאָן און באַקומען לשון.

ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט: „איך וועל אײַך דערציילן וועגן אַ בינטל האָר". — און דערבײַ האָט ער אַרויסגעלאָזן פון האַלדז

אַ הילד, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ געלעכטער, — בעת זיינע ליפּן האָבן זיך צעקרימט אין אַ שטומען געוויין.

„געווען איז דאָס אין אַשווענטשים. איך האָב שוין דורכגע־מאַכט עטלעכע אַנדערע לאַגערן, איידער איך בין אַהין געקומען און כאָטש איך און מיין גרופּע זיינען געקומען אַהין אויפן אָרט פון די אַנדערע, וועמען דער רשע, ימח־שמו, האָט אָוועקגעשיקט אויף יענער וועלט" (דערביי האָבן זיך דעם מאַלערס ליפּן ווידער צע־קרימט אין אַ געוויין, כאָטש פון זיין האַלדז האָט זיך אַרויסגעריסן עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז געווען ענלעך צו אַ געלעכטער) „האָבן מיר דאָך געמיינט, אַז אונדז וועט עס ניט טרעפן.

„די האָפענונג צום לעבן, האָט זיך נאָך ביי אונדז מערער פאַר־שטאַרקט, בעת מיר האָבן געזען, ווי די דייטשן ברענגען אַריין מע־רער אָרדענונג אין דעם לעבן פון לאַגער און ריכטן אים אויס.

„יעדן טאָג האָט מען אַרויסגערופן, פון צווישן די לאַגערניקעס, אַנדערע פאַכמענער, כדי צו פאַרגרעסערן און פאַרבעסערן די באַ־ראַקעס.

„ביז דעם טאָג, וואָס איך בין אָנגעקומען אין אָסשווענטשים, האָב איך קיינמאָל ניט אָנגעגעבן מיין ריכטיקע פּראָפעסיע, ווייל די היטלעריסטן האָבן גלייך און אומברחמנותדיק פאַרטיליקט די מענטשן פון די אינטעליגענטע פּראָפעסיעס. אָבער ווען דער קאָמענ־דאַנט פון דעם לאַגער האָט געמאָלדן, אַז מען דאַרף האָבן אַ מאָלער און אַז ער וועט באַקומען פאַר זיין אַרבעט אַ דאָפּלטע פּאַרציע עסן, האָט דער הונגער אין מיר מיך אַ שטויס געטאָן און איך האָב זיך געמאָלדן אַלס מאָלער.

„דער קאָמענדאַנט האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה דאַרף איך האָבן אויסגעמאָלט די אויפשריפטן אויף אַלע טירן פון די ביוראָען און באַראַקן.

„די דאָזיקע אַרבעט איז דאָך, לפלוג, זייער אַ לייכטע און גע־דויערט אינגאַנצן אַ פּאָר שעה. אָבער דער רשע, דער קאָמענדאַנט, האָט מיר ניט געגעבן, ניט קיין פאַרב און ניט קיין פּענדזל.

„מילא, מיט פאַרב האָב איך זיך נאָך, ווי עס איז, אַן עצה גע־געבן. איך האָב צוגעטראַכט צו מאַכן פאַרב פון קוילן, פון ציגל און זאַמד. אָבער וואו נעמט מען אַ פּענדזל ?!

„אַ גאַנצן טאָג בין איך אַרומגעגאַנגען, ווי אַ משוגענער און געגישטערט אומעטום, — אפשר וועל איך ערגעץ-וואו געפינען אַ ביסל האָר, צו מאַכן אַ פּענדזל. אָבער — אומזיסט.

„מיטן צופאַלן פון דער נאַכט, איז אין מיר די פאַרצווייפלונג נאָך מערער געוואַקסן און געוואַקסן. עס בלייבן מיר נאָר די איינציקע שעהן, פון דעם מאָרגנדיקן טאָג, צו דערפילן דעם באַפעל.

„איך האָב זיך געוואָרפן אויף מיין האַרטן געלעגער, פון איין זייט אויפן אַנדערן און אַ רגע ניט געקענט איינשלאָפן.

„פּלוצלינג האָבן מיינע אויגן זיך אַ ווענד געטאָן צו דער אַנט־קעגנאיבערדיקער נאַרע. דאָרטן איז געלעגן מיין חבר, — אַ ברייט־פּלייציקער יונג, מיט אַ געדיכטער קוטשמע האָר, וואָס האָט זיך פעכיק געגלאַנצט אַנטקעגן דער לבנה.

„מיינע אויגן האָבן זיך ווי אַ מאַגנעט, צוגעצויגן צו דעם שוואַרצן קאָפּ פון מיין חבר. זיי האָבן זיך געצויגן אַהין, — ווי די הענט פון אַ טרינקענדיקן, צו דעם רעטונגס-גאַרטל.

„מיינע אויגן זיינען מיט אַזאַ כוח געווען אַנגעשפּיזט אויף דעם קאָפּ פון מיין חבר, אַז זיי האָבן ווי דורכגעדרונגען זיינע געהירן און געוועקט אים פון זיין מידן שלאָף, וואָס האָט אים געהאַט אַריינגע־וואָרפן אין פאַרגעסנהייט.

„מיין חבר האָט זיך אַ דריי אום געטאָן צו מיר און אונדזערע ביידנס בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן.

„די אויגן פון מיין חבר האָבן זיך געעפנט מיט פאַרוואונדערונג און האָבן אַרויסגערעדט: — ווי דאָס טוען די אויגן פון אַ שטומער חיה, ווען זי זעט לעבן זיך אַ צווייטע חיה, — אַ געבונדענע ווי זי — צו דער שחיטה — „מיט וואָס קען איך דיר העלפן ברודער?”...

„איך האָב אַליין ניט אויפגעהערט צו קוקן מיין חבר, גלייך אין די אויגן אַריין, ניט אויסריידנדיק דערביי קיין וואָרט, — ווי איך וואָלט שטום געוואָרן, ווי דער לשון וואָלט מיך אָפּגענומען — ווענק־דיק אָבער מיט מיין קוקן די וואַכזאַמקייט פון מיין חבר און צוויי־גענדיק אים צו פרעגן, וואָס איך וויל”.

— אברהמלע, טייערער, גיב מיר אַ בינטל פון דיינע האָר. זיי וועלן מיך ראַטעווען און איך וועל זיך טיילן מיט דיר, מיטן זופּ, וואָס איך וועל באַקומען.

„מיין חבר האָט — נאָך ברייטער ווי זיי זיינען געווען — צע־עפנט זיינע אויגן און האָט מיך משונה אָנגעקוקט, באַדויערנדיק, וואָס איך בין פון זינען אַראָפּ“.

— איך בין ניט משוגע, אברהמעלע, טייערינקער, ליבינקער. איך דאַרף האָבן דיינע האָר. איך דאַרף האָבן אַ פּענדזל צו מאָלן. איך וועל באַקומען אַ דאָפּלטע פּאָרציע זופּ און זיך טיילן מיט דיר.

„מיין שטימע האָט דערביי געקלונגען צאַרט און בעטנדיק און האָט פאַרמאָגט אין זיך, די איבערצייגנדיקע טענער, וואָס אַ גע־ליבטער ברענגט פון זיך אַרויס, ווען ער רעדט צו זיין געליבטער, זי זאָל זיך אים איבערגעבן. און צוזאָגנדיק האָט זי געקלונגען — מיט דעם גרעסטן גליק, וואָס די גאַנצע וועלט פאַרמאָגט...

„מיין חבר, אברהמל, איז שוין געווען אינגאַנצן וואַך. מיינע רייד, וועגן דער דאָפּלטער פּאָרציע זופּ, האָט אין אים אויפגעוועקט דעם שטענדיק־וואַכן הונגער און, כאָטש ער האָט געהאַלטן אין איין בייזן ברומען צו מיר:

— לאָז גענאָך, דו בינסט משוגע, צו חסר דעה. — האָב איך אָבער פאַרשטאַנען, אַז ער וועט זיך אונטערגעבן דעם הונגער און איך בין גלייך אַראָפּגעשפּרונגען פון מיין געלעגער, אויפגעזוכט מיין באַהאַלטענעם ראַזיר־מעסערל און דערמיט אָפּגעצופּט אַ געדיכטן בינטל האָר פון מיין חברס קאָפּ.

„מער האָבן מיר שוין מיט די אויגן ניט צוגעמאַכט. ניט איך, — ניט מיין חבר.

„מיך האָט געמאַטערט דער געוויסן, — ווי איך וואָלט אַ שענד־לעכן אַקט דורכגעפירט איבער מיין חבר — און מיין חבר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער האָט דעריבער געלאָזט דורכפירן איבער זיך דעם שענדלעכן אַקט, ווייל איך האָב אים איבערגעקויפט מיט אַ טעלער זופּ.

„גאַנץ פרי בין איך אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט אויספירן מיין אַרבעט און, נאָך פאַר דער געפאָדערטער צייט, זיינען שוין אַלע אויפשריפטן אויף די טירן געווען פאַרטיק.

„צוועלף אַ זייגער, ביי טאָג, האָב איך זיך געשטעלט אין דער ריי, נאָך זופּ. אין די הענט האָב איך געהאַלטן צוויי שיסעלעך און איך האָב, ווירקלעך, באַקומען די צוגעזאָגטע צוויי פּאָרציעס זופּ.

„איך בין מיט דער זופּ גלייך געלאָפן צו דעם אָפּגערעדטן אָרט, וואו איך האָב זיך געדאַרפט טרעפן מיט מיין חבר.

„אברהמל האָט שוין אויף מיר געוואַרט. מיר האָבן זיך ביידע אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און, ווי הונגעריקע חיות, צוגעפאַלן צו דעם וואַרימען געקעכטס.

„אונדזערע קעפּ זיינען געווען אַריינגעזונקען אין די שיסעלעך און מיר האָבן מיט אונדזערע אויגן גאָרניט געזען, אויסער נאָר, — ווי פון דער טייערער פליסקייט ווערט אַלץ ווייניקער און ווייניקער.

„נאָכן עסן האָבן מיר זיך ווידעראַמאָל אָנגעטראָפן מיט אונדזערע בליקן, וואָס ביינאַכט. נאָר דאָס מאָל האָט מיין בליק לאַנג ניט אויסגעהאַלטן און האָט פאַרבלאָנדזשעט אָן אַ זייט, — צו דעם קאָפּ פון מיין חבר. עפּעס מיט אַ שטיקל נאַקעטקייט האָט אַ גלאַנץ געטאָן פון מיין חברס קאָפּ, אָנטקעגן דער זון. מיינע ליפּן האָבן געוואָלט אַ שמייכל טאָן, האָבן זיי דאָס אָבער ניט געקאָנט און האָבן זיך אַ ווייִנענדיקן קרים געטאָן. מיין חבר האָט עס באַמערקט און מיר זיינען ביידע צוגעפאַלן איינער צו דעם אַנדערן און לאַנג, לאַנג געוויינט און געלאַכט, געלאַכט און געוויינט אינאיינעם.״

דאָ האָט דער מאַלער אָפּגעהאַקט זיין דערציילן.

מיר זיינען נאָך אָבער געבליבן זיצן, אויף זיין צייכן.

זיין פּנים האָט נאָך אַלץ גערעדט, געוויינט און געלאַכט און האָט זיך געראַנגלט מיט זיין צונג, וואָס האָט זיך שוין מער ניט געקענט באַוועגן...

1951

אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט

פּינקטלעך, ווי אַן אָנגעצויגענער וועק-זייגער, איז צו דער זעלבער צייט, אויך היינטיקע נאַכט, רחלע אויפגעשפּרונגען פון שלאָף, מיט אַ רעש און געפּילדער, ווי זי וואָלט געהאַלטן אינמיטן ראַנגלען זיך מיט אימיצן.

איר מאַן, אינגאַץ מאַריטשעווסקי, וואָס איז געלעגן ביי איר זייט, אַ געזונטער, אַ צעוואַקסענער, אין פרישן, רואיקן שלאָף, אַ פאַרזונקענער, האָט זיך, ווי פון געוואוינהייט, אויך דאָס מאָל איבערגעוועקט פון רחלעס שרייען אין שלאָף און ווי תמיד אַ פאַרשלאָפענער, אַרויסמורמלענדיק די זעלבע עטלעכע ווערטער, וואָס זיינען שוין ביי אים אַרויסגעקומען, ווי איינגעחזרטע: „באַרואיק דיך, טאָכטער מיינע, האָב קיין מורא ניט, איך בין דאָך מיט דיר — איז ער ווידער אַריינגעפאַלן אין זיין טיפן שלומער.

אָבער רחלע האָט זיך שוין מער ניט געקענט באַרואיקן. עס האָט איר שוין מער ניט גענומען קיין שלאָף און אַן אומגליקלעכע האָט זי זיך, אין איר פּיין, געוואָרפן פון איין זייט אויף דעם אַנדערן.

ווען איר זעט רחלען, אינגאַנצן מיט אַ פּאָר שעה צוריק, וואָלט

איר זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז די דאָזיקע פרוי, פילט זיך אַזוי אומגליקלעך.

איר וואָלט דאָן זיכער געמיינט, אַז זי איז דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט.

ערשט מיט צוויי שעה צוריק, פון דער זעלבער נאַכט, איז זי געווען דער צענטער פון דעם קרייז, צווישן וועלכן זי האָט זיך געפונען.

אויף דעם יום־טובדיקן צוזאַמענקום, פון אַ גרופּע פריינט, איז זי געווען די פרייד און דאָס לעבן פון די אַרומיקע. זי האָט דאָרטן אַלע לידער אויסגעזונגען און אַלע טענץ אויסגעשוועבט.

איר ווייכע, וואַרימע טאַליע, איז געווען אין כסדרדיקער אַרומ־נעמונג, סיי פון מענערישע, ווי פון פרויאישע אָרעמס. אירע אויגן האָבן דערביי געשטראַמט, געריזלט מיט וואַרימען לעבן. אירע ליפּן האָבן צוזאַגעריש געשמייכלט און אַמאָל האָבן זיי אויך וועמען באַ־שאָנקען מיט אַ קוש.

אפילו דער בעל־הבית פון דער שמחה, מאָוריסיאָ ערבשטיין, אַ רייכער אינדוסטריעלער, אַ שווער־לייביקער און אָנגעצויגענער, האָט זיך דאָס מאָל אויסגעשיילט, פון דער אויף אים דיק־אָנגעוואַק־סענער קאָרע, און האָט זיך געלאָזן אין אַ לעבעדיקן טאַנץ, קלאַפּנדיק זיך מיט די פויסטן איבער דער ברוסט און שרייענדיק דערביי:

„רחלע, קום! קום מיט מיר טאַנצן! אָבער מיט מיר. נישט מיט מאָוריסיאָ ערבשטיין, מיט מיר, מיט מיישקע, שרה־ריווקע דער גאַרבערקעס!”

איר מאַן, איגנאַץ מאַריטשעווסקי, האָט זיך, אויף דער שמחהלע, אַרומגעדרייט אַ רואיקער, אַ געלאַסענער, נישט איבערלעבנדיק דערביי קיין שום געפיל פון אייפערזוכט.

די אָנגעהעריקייט, פון רחלען צו אים, איז געווען פאַר אים אַ זיכערע. ער האָט געשפּירט, ווי זי וואָלט געווען אַ טייל פון אים, ווי איר לעבן איז אָנגעבונדן אָן זיין לעבן. און וויבאַלד אַזוי, וויבאַלד זי איז אַ טייל פון אים, קען ער דען זיין אייפערזיכטיק צו זיך אַליין?

און אָט די זעלבע רחלע, וועמען עס האָבן, דוכט זיך, אָקאָרשט, אַלע פרויען אַזוי מקנא געווען, די זעלבע רחלע, ליגט עס איצט אַ צעפּייניקטע פון אירע אינערלעכע יסורים, וואָס זי קאָן זיי אפילו

פאַר קיינעם ניט אויסשרייען און ניט אויסדערציילן. וואָרום ווער וועט איר דען מיטשפּירן און וואָס וועלן זיי דען דערפון פאַרשטיין, אָט די אַלע מענטשן דאָ? וואָס קענען זיי דערפון באַגרייפן?!

זי ליגט היינטיקע נאַכט, ווי אַלע נעכט, אין דער זעלבער שעה, און מאַטערט זיך אין איר שלאָפלאָזיקייט. און כאָטש זי לעבט איבער, יעדע נאַכט, די זעלבע שרעק-בילדער, פילט זי דאָך יעדעס מאָל באַזונדער, אין זיך, דעם ווייטיק, פריש און ניי.

אין יעדער שלאָפלאָזער נאַכט, לויפט פאַר אירע פאַרמאַכטע אויגן דורך, איר גאַנץ לעבן, מיט אַ בליץ-שנעלקייט, ווי אויף דעם לייוונט פון אַן עקראַן.

אָבער טראַכטן, טראַכט זי ניט, פון די ערשטע, פונדאַמענטאַלע צוואַנציק יאָר פון איר עקזיסטענץ, כאָטש זיי זיינען רייך מיט די שענסטע פּאַסירונגען, — ווי די קינדער-יאָרן, די יוגנט-יאָרן פון יעדן מענטשן זיינען.

די ערשטע צוואַנציק יאָר פון איר לעבן, ליגן ערגעץ פאַרוואַל-גערט, טיף, אויף דעם אָפּגרונט פון איר זכרון, ווי אַן אָפּגעריבענע מטבע, וועמענס פּנים עס טויכט קוים אויף פאַר די אויגן.

די דאָזיקע ערשטע צוואַנציק יאָר אירע, זיינען פאַרווישט און אָפּגעריבן געוואָרן פון איר וועזן, פון איר לעבן, דורך דעם שטורים און ווירוואַר פון די פינף יאָר מלחמה, אין וועלכע זי האָט טויזנטער טויטן דורכגעמאַכט און טויזנטער לעבנס דורכגעלעבט.

אויך די שפּעטערדיקע יאָרן פון איר לעבן, האָבן אויף איר קיין טיפע שפּורן נישט געלאָזן.

און אויב מירריידן וועגן רחלס גאַנץ לעבן, מיינט עס, דאָס לעבן פון די דאָזיקע פינף יאָר פון מלחמה און גרויל.

ליגט זי אויך היינטיקע נאַכט, רחלע, און זעט פאַר זיך איר גאַנץ לעבן.

זי זעט זיך מיט איר חנהלען. זיי האַלטן זיך ביי די הענט און קוקן מיט פּחד און פאַרוואונדערונג צו די פלאַמען, וואָס טראָגן זיך פון געטאָ. זייערע אויגן זיינען מוראדיק צועפנט און צעצונדן, אין קלענערע פלאַמען פון דעם זעלבן פייער, וואָס אין דעם געטאָ.

פּלוצלינג רייסט זיך איר שוועסטער, חנהלע, אָפּ פון איר, און פאַרייניקט זיך מיט דעם ברענענדיקן געטאָ, ווי זי וואָלט געווען

א שטיק פון דעם דאָרטיקן פּלאַץ, פון וועלכן זי האָט זיך נאָר אויך א ווײַלע אָפּגעריסן און מיט וועלכן זי מוז זיך ווידער באַהעפטן.

זי, רחלע, האָט זיך דאָן אָפּגעריסן פון דעם ברענענדיקן אָרט, מיט אַזאַ שנעלקייט, טאַקע אויך, ווי אַ טייל פון דעם ברענענדיקן פֿייער, וואָס פאַרטראָגט זיך ערגעץ ווײַט-ווײַט, כּדי אויפצוהאַלטן זיך באַזונדער, אין אַ נײַעם פֿייער, און ווײַטער עקזיסטירן.

עקזיסטירן! לעבן! — דער דאָזיקער געדאַנק האָט איר גע־טריבן, וואָס ווײַטער און ווײַטער פון דער געפאַר.

„דו, רחקע, וועסט לעבן בלײַבן און עס וועט ניט אָפּגעמעקט ווערן דער זכר פון אונדז", פלעגט האַלטן איר מאַמע אין אײַן אַרײַנ־ריידן אין איר. און די דאָזיקע ווערטער פון איר מאַמען האָבן איר געדינט, ווי אַ געבעט און קמיעה, זיך אַרויסצודרייען פון אַלע סכנות און צו אַנטרינען פון אונטער די הענט פון דעם מלאך-המות.

אָבער נישט אַזוי לײַכט איז איר אָנגעקומען אײַנצוהאַלטן דאָס שטיקל חיות, וואָס זי האָט אין זיך געטראָגן. יעדן טאָג האָט זי דאָס געדאַרפט אַרויסרײַסן פון וועלפישע ציין און נעגל.

יעדן טאָג, האָט זיך דער מלאך-המות, פאַרשטעלט פאַר איר אין אַן אַנדער געשטאַלט און געמיניעט צו איר, געלאַקט און געוואונקען מיט זײַנע טויזנט אויגן. און די מאַמעס ווערטער: „דו, רחקע, וועסט לעבן און עס וועט בלײַבן אַ זכר פון אונדז", האָט איר געדינט, ווי אַ שפּרונג, אַז זי זאָל ניט אַרײַנפאַלן אין זײַן נעץ.

אָבער אין אײנעם אַ טאָג, ווען זי איז געווען אין פיבער, אַ צעצונדענע, איז איר פון דעם ברענענדיקן מח, דער שפּרונג פון איר מאַמען אַרויסגעפאַלן, און זי האָט זיך געלאָזן אַ הפקרדיקע, איבער די גאַסן פון שטאָט, דעם טויט אַנטקעגן.

איר גוף איז געווען דין, אײַנגעשרומפּן, קליין און אויסגעצערט, און פון אונטער איר שטערן, האָבן אַרויסגעפּײַערט צוויי גרויסע פלאַמען, וואָס האָבן זיך געצויגן, צוריק צו דעם אָרט, פון וואַנען זיי זײַנען מיט אַ צײַט צוריק אַנטלאָפן, צוריק צו דעם פּלאַץ, וואוהין חנהלע האָט זיך אַוועקגעריסן.

זי האָט אויסגעזען, ווי אַ קליין קינד, וואָס רײַסט זיך מיט אַלע כּחות, צו שפּרינגען גלײַך אין פֿײַער אַרײַן, ניט שפּירנדיק קיין סכנה דערבײַ.

דאָן האָט זי דערפילט, ווי אַ פעסטע, שטאַרקע, מענערישע האַנט, גרייפט איר אָן און פאַרהאַלט איר דעם וועג: „וואוהין, יידיש מיידעלע? וואוהין לויפסטו? זעסט ניט, אַז דאָ איז פול מיט דייטשן?״

דאָס איז געווען די פעסטע האַנט פון מאַריטשעווסקי.

רחלע האָט אים אָנגענומען פאַר אַ שונא, און ווי זי וואָלט געקומען צו זיך פון דער היץ, וואָס האָט אין איר געברענט, האָט זי זיך צעשריען אויף אים: „יאַ, שמאַלצאָווניק, אַ יידישקע, אַ יידישקע, אַ יידישקע, איז וואָס?! וועסט ביי איר גאָרניט נעמען, ביי דער יידישקע, גאָרנישט! דו קענסט ביי איר צונעמען נאָר די נשמה, וואָס זי האַלט סיי ווי אין פאַרלירן!״ — און האָט זיך געריסן פון זיינע הענט מיט אַלע כחות, וואָס זיינען נאָך איר פאַרבליבן.

איגנאַץ האָט איר אָבער ניט אָפּגעלאָזן, אַוועקגעריסן פון דעם אָרט, וואו זיי האָבן זיך געפונען און אויף כח איר אַריינגעוואָרפן אין אַ זייטיקן צימער פון אַ באַוואוינטע הויז.

דאָס ריינע בעטל, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל פון צימער, האָט איר אויסגעמאַטערטן קערפער צוגעצויגן צו זיך, ווי אַ שטאַרקער מאַגנעט און די אויסבעבענקטע, היימישע וואַרימקייט, האָט איר איינגעקלאַמערט אין אַ טיפן, פאַרשכורנדיקן שלאָף.

ווי לאַנג זי איז אַזוי געשלאָפן, האָט זי זיך קיין רעכענונג נישט געקענט געבן. נאָר ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי זיך געפונען אין דעם זעלבן בעטל, אָן אַרומגעוואַשענע, אַ פאַרקעמטע, אין ריינע, ציכטיקע וועש, ביי אַ טישל, אָנגעשטעלט מיט אַלערליי רפואות. און אויף אַ בענקל, לעבן איר, איז געזעסן איגנאַץ מאַריטשעווסקי, אַ צעשמייכלטער און צעשטראַלטער.

פון דאַן אָן זיינען שוין יאָרן פאַרלאָפן. זי האָט מיט איגנאַצן דורכגעוואַנדערט דורך שטעט און לענדער, איבערגעשוואומען ימען און איבערגעשוועבט די העכסטע בערג, אַלץ ווייטער און ווייטער פון געפאַר, אַלץ ווייטער און ווייטער פון אומגליק.

פון דעם געפאַר האָט זי זיך טאַקע דערווייטערט, אָבער ניט פון דעם אומגליק.

דעם אומגליק, האָט זי, טיף אין זיך מיטגעבראַכט פון דער ווייטן.

ליגט זי אַזוי, רחלע, היינטיקע נאַכט, און פאַר איר גייט דורך

איר גאַנץ לעבן. און אַז זי קומט צו די ווערטער פון איר מאַמען:
„דו, רחקע, וועסט לעבן בלייבן און עס וועט ניט אָפּגעמעקט ווערן דער זכר פון אונדז”, פאַרהאַלטן זיי זיך, די דאָזיקע ווערטער, אין איר מח, פלאָנטערן זיך דאָרטן און לאָזן איר נישט צו רו. די דאָזיקע ווערטער רייצן זיך מיט איר:

„יאָ, רחקע, לעבן בינסטו טאַקע געבליבן, אָבער וואָס הערט זיך עפּעס מיטן אויפהאַלטן אונדזער זכר?!”

זי צעכליפּעט זיך טיף אין זיך: „פאַרוואָס בין איך ניט געגאַנגען מיט חנהלען אין גאַטאָ אַריין, פאַרוואָס?! זי איז געווען אַ בעסערע, נישט ווי איך”.

איר בליק פאַלט צו אירע קינדערלעך, וואָס ליגן לעבן איר, צעשמייכלטע אין זיסע חלומות; אין דעם שיין פון דעם אויפגייענדיקן קאַיאָר. זי באַטראַכט דעם זיכערן שלאָף פון איר מאַן און פאַרענדיקט אירע שלאָפלאָזע שעהן טראַכטנדיק:

„אַלץ געהערט צו אים, צו איגנאַצן, אַלץ! איך, מיין לעבן, מיינע קינדער און אויך דער מאָרגן, וואָס רייסט זיך אַריין דורכן פענצטער...”

1955.

דער ווייסער געלעכטער

אין איינעם אַ ווינטערדיקן אָוונט, האָט זיך ביי אונדז אָן עפּן אויף געטאָן די טיר. אַ קאַלטע כמאַרע האָט זיך אַריינגעריסן אין שטוב אַריין און פון איר האָט זיך אויסגעשיילט דעם פעטער פייוולס געשטאַלט.

מיין טאַטע איז שיעור ניט שטום געוואָרן פון איבעראַשונג. עס זיינען אים קנים די ווערטער געקומען אויפן צונג. ער האָט אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע, שוואַכע אויגן — פון אַ סך לערנען, — וואָס זיינען געווען רויט ביי די ברעגן פון די ברעמען.

— פייוול ווי קומסטו אַהער?!

— פון אַמעריקע.

הערביי האָבן דעם פעטער פייוולס געזונטע ציין זיך צעשמייכלט מיט אַ ווייסן געלעכטער און זיינע אויגן האָבן וואַרים און ליכטיק מיטגעשמייכלט. דעם פעטער פייוולס לאַכעדיקע ציינער, זיינען געווען ווייסער פון דעם שניי, וואָס איז געלעגן אָנגעהורבעט אונטערן פענצטער און זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט און געפינקלט, ליכטיקער, ווי דער בליץ-לאָמפּ, וואָס איז געהאָנגען ביי אונדז אין שטוב.

מיר אַלע — איבערהויפּט די קינדער — האָבן דעם פעטער פייוול ליב געהאַט מערער ווי אַלע איבעריקע קרובים פון אונדזער משפּחה.

עס איז אים אַ מחיה געווען אָנצוקוקן. צווישן מיין וואויל-לערנערישן פֿאָטער, מיינע געלערנטע זיידעס און אַנדערע פֿעטערס, וואָס די תורה האָט זיי מיט איר יאָך אַראָפּגעבויגן, אַראָפּגעשטויסן צו דער ערד און אָפּגעשוואַכט זייערע גופים, — האָט ער נאָך אויסגעזען אַ גרע־סערער גבר, ווי ער איז דאָס געווען.

כאָטש עס האָט אים אַזוי אויך חס־ושלום גאָרניט געפֿעלט. אַ געזונטער, אַ שטאַרקער, אַ ברייט-פּלייציקער, אַ ברייט-ברוסטיקער און אַ הויכער, מיט שיינע בלאָנדע האָר אויפֿן קאָפּ און מיט אַ העל־קיילעכדיק בערדל, וואָס האָט אַ ביסל פֿאַרשטעלט די בלוט־שפּריצנ־דיקע באַקן זיינע — האָט ער זיך אויסגעטיילט פֿון אונדזערע איבע־ריקע קרובים, מיט זיין אויסנעמלעכקייט, מיט זיין אַנדערשקייט.

נאָר שענער פֿון אַלץ איז ביי דעם פֿעטער פּייוול געווען — זיין שמייכל, ווען זיינע שיין־מאָדעלירטע ליפּן האָבן זיך אַן עפֿן געטאָן פֿון אונטער זיינע הארטע וואָנצעס, — ווי עס גיט זיך אַ צעעפֿן אַ רויטע רויז פֿון צווישן די שטעכעדיקע דערנערלעך אַרויס — און האָבן אַנטפּלעקט זיינע שניי־ווייסע און געזונטע ציין.

אַזאַ העלן שמייכל, ווי ביי דעם פֿעטער פּייוול, האָבן מיר מער ביי קיינעם ניט געקענט.

מיין מוטער, וואָס האָט אויך גערן געהאַט דעם פֿעטער פּייוול, האָט פֿון איר ווינקל אַרויס, אַ הויב אויף געטאָן אירע אַראָפּגעלאָזטע אויגן מיט פֿאַרחדושטקייט: „אָט אַזוי פּלוצים קומט מען עס פֿון אַמעריקע?!"

— וואָס איז דאָ צו ריידן, טייערע שווועגערין, מען קומט, — האָט דער פֿעטער פּייוול געריבן, מיט צופֿרידנקייט, זיינע געזונטע הענט און האָט ווידער אַנטפּלעקט זיינע לאַכעדיקע ציין.

ער איז געווען צופֿרידן, דער פֿעטער פּייוול — אונדזער שטוב איז געווען די ערשטע, יידישע און היימישע הויז, וואָס ער האָט באַטראָטן, נאָך אַ סך טעג פֿון שווימען איבער די וואַסערן פֿון ים און פֿון פֿאָרן איבער דער יבשה.

ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער געפֿינט זיך שוין ווידער אין דער ריכטיקער יידישער וועלט — נאָענט פֿון זיין שטעטל, נאָענט פֿון דער ערד, אויף וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן און פֿון דעם הימל, אונטער וועלכן ער איז אויסגעוואַקסן.

ער איז געווען אַזוי צופרידן, מיט זיין צוריקקומען פון אַמעריקע, ווי איינער, וואָס געפינט זיך גליקלעך, ווען ער קומט אָן צו אַ פּלאַץ, וואו ער האָט איבערגעלאָזט, אַמאָל, אַ טייערן אוצר און איבערציינגט זיך, אַז דער זעלטענער אוצר איז נאָך דאָ און איז ניט גערירט געוואָרן פון אָרט.

דער פעטער פּייוול האָט איבערגעענטשיקט ביי אונדז די נאַכט און אויף מאָרגן אינדערפרי איז ער אַוועקגעפאָרן צו זיך אין שטעטל אריין — אין איוויע.

נאָך די פּאָר יאָר, וואָס דער פעטער פּייוול האָט פאַרבראַכט אין אַמעריקע, נאָך זיין רייזע אַהין און צוריק, איז ער גאָר געוואָרן אַן אַנדער מענטש.

גאָט אַליין איז אים געוואָרן נאָענט, פאַרשטענדלעכער. עפּעס ווי מענטשלעכער. ער האָט אויך אַנדערש אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם דאַוונען. אַז ער האָט געזאָגט אין דאַוונען: „דער ים האָט געזען און איז אַנטלאָפן, דער ירדן האָט זיך אָפּגעקערט אויף אַהינ־טער, די בערג האָבן געטאַנצט ווי די באַראַנען און די היגלען, ווי די שאָף", אָדער: „דאַן וועלן זינגען די בוימער פון וואַלד" — איז דאָס אים געווען נאָענט צום האַרצן, פאַרשטענדלעך. דאָס זיינען גע־ווען בילדער, וואָס זיינע אויגן האָבן, דוכט זיך, ערגעץ־וואו געזען. און אויך דאָס ביסל לערנען, וואָס ער האָט געקאָנט, האָט ער אַנ־דערש גענומען באַנעמען. עפּעס איז אים אַלץ, וואָס ער האָט גע־לערנט אין דער גמרא, געוואָרן קלערער. פריער האָט ער זיך די תנאים, די אמוראים, די גאונים, פאַרגעשטעלט, ווי געטלעכע גע־שטאַלטן און האָט געמיינט, אַז זייערע רייד וועלן ניט דורכדרינגען זיין מח, זיין האַרץ, דעם פאַרשטאַנד און דאָס האַרץ פון אַ מגושמ־דיקן בשר־ודם. אָבער נאָכדעם ווי ער איז שוין געשטאַנען ביים שוועל פון אָפּגרונט, ביים שוועל פון קענען פאַרלירן זיין וועלט, זיין יידישע וועלט, זיין לעבן, זיין יידישן לעבן, פאַרלירן אפילו זיין יידישן נאָמען פּייוול און באַקומען עפּעס אַ פרעמדן נאָמען — פּע־טער — איז אים אַלץ, וואָס עס געהערט אָן צו זיין פריערדיקן לעבן אַזוי מאָדנע ליב געוואָרן. ליב און טייער. און ער האָט גענומען צערטלען און גלעטן יעדעס וואָרט פון דעם דאַוונען און פון דעם לערנען.

פייוול פּרוזשאַנסקי האָט זיך גענומען דערווייטערן פון זיין שענק, וואָס ער האָט געהאַט. אין די פּאָר יאָר, וואָס ער איז געווען אין אַמעריקע, האָט זיין קליין, רירעוודיקע ווייבל, אסתר־ברכה, זיך אויסגעלערנט די פּרנסה צו פירן און די קינדער זיינען דערווייל אויך אונטערגעוואַקסן און האָבן צוגעהאָלפן.

ער איז געזעסן טאָג און נאַכט און געלערנט. און אין שטעטל האָט מען שוין געוואוסט צו זאָגן, אַז פייוול איז געוואָרן אַ ייד, אַ למדן.

דער פעטער פייוול איז תמיד פאַר אונדז פאַרבליבן דער ליבסטער פעטער. ער האָט זיך מיט די יאָרן ווייניק געענדערט. זיין באָרד האָט זיך נאָר געראָטן צעוואַקסן, זיך אויסגעשפּרייט בהרחבותדיק איבער זיין ברייטער ברוסט און דערגרייכט ביזן גאַרטל. ער האָט שטענדיק געשמייכלט מיט זיינע ווייסע ציינער, פון צווישן די געדיכטע וואָנצעס. און אַז ער האָט זיך שטאַרק געאַמפּערט מיט אונדזער טאַטן אין אַן ענין פון דער גמרא, וואָס מיר האָבן גאָרניט פאַרשטאַנען, האָבן מיר, דערזעענדיק דעם ליבן שמייכל אויף דעם פעטער פייוולס ליפּן, זיכער געוואוסט, אַז גערעכט איז ער, דער פעטער פייוול. וואָרום ווי קען מען דאָס זיין ניט גערעכט, ווען מען שמייכלט אַזוי ?! און אַזוי איז טאַקע געווען. מיין טאַטע, דער גרויסער למדן, אויף וועלכן דער פעטער פייוול האָט אַרויפגעקוקט מיט גרויס דרך־ארץ, פלעגט נאָכדעם, ווי עס האָט זיך באַוויזן דער שמייכל אויף מיין פעטערס ליפּן, אַ באַזינגטער, אַ זאָג טאָן: „בינסט גערעכט, פייוול! למאי זאָל איך זאָגן, בינסט גערעכט. אַ פיינער איינפאַל, אַ פיינער איינפאַל! האָסט אַ סך דערגרייכט, פייוול. גאָר אַ סך. איך בין נתפּעל פון דיין אויפטו, ממש נתפּעל. ווען דו וואָלסט ניט געווען מיין שוואָגער, וואָלט איך דיר געדאַרפט רופן רב פייוול, ניט סתם, פייוול".

*

* *

ווען גאַנץ איווּיע איז געווען פאַרזאָמלט אויפן שטעטלשן מאַרק, פון דאָרטן צו מאַכן דעם לעצטן מאַרש אויף גאָטס ערד און זיך לאָזן צום וועלדל, וואו דער טויט האָט געוואַרט אַ גרייטער, האָט

זיך פון צווישן דער עדה אַרויסגעהויבן אַ קאָפּ העכער פון אַלע־מען — פייוול פּרוזשאַנסקיס קאָפּ.

זיין באָרד האָט, אַן אויסגעגלעטע, צוגעדעקט זיין ברייטע ברוסט, וואו דאָס האַרץ האָט מיט רואיקייט געקלאַפּט, ווי ביי איינעם, וואָס דאַרף זיך שטעלן פאַר אַ משפּט און האָט קיין מורא ניט, ווייל ער איז זיכער אין זיין ריינקייט. זיינע אויגן האָבן, מילדע, געפינקלט צו דעם זוניקן הימל און פון זיינע ליפּן, וואָס האָבן זיך אויפגעדעקט, האָבן זיך צעשמייכלט זיינע ווייסע ציין, ווי דאַן, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון אַמעריקע.

אין די לעצטע מאָמענטן פון זיין עקזיסטענץ, האָט זיך פאַר אים שנעל אַ בלעטער אויף געטאָן זיין גאַנץ לעבן, בלאָט נאָך בלאָט.

ער האָט פאַר זיינע אויגן דערזען אַמעריקע. ער האָט געוואוסט, אַז דאָרטן וואָלט ער נאָך געלעבט. אָבער דאָס וואָלט דאָך געווען ניט ער. ניט פייוול, נאָר עפּעס אַ פעטער. ניט נאָר איצטער דאַרף ער שטאַרבן. דאָרטן וואָלט שוין ער, פייוול, געווען געשטאָרבן מיט פופצן יאָר צוריק. דאָ האָט ער דאָך געלעבט. און ווי געלעבט! געלעבט ווי ער, פייוול, האָט געוואָלט, ווי אַ ייִד, ווי ער.

און אין מאַרש האָט ער זיך געלאָזן אַ זיכערער, מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, מיט ליכטיקע אויגן צום הימל אַרויף. און זיינע געזונטע ציין האָבן ווייס געשמייכלט, ווייס און ווייט.

אין דער ווייטער ווייט אַריין...

1958.

ג.

מיניאַטורן

פון יענע טעג

עס איז געווען אַן ערב־פרילינג־טאָג.
די זון האָט וויינענדיק געמאַכט די דעכער. דער שניי־זקן האָט זיך געקאָרטשעט, אַנטקעגן אירע שטראַלן.

אַלדאָס שווערעס, וואָס איז געלעגן אויפן האַרצן, האָט זיך מיט אַמאָל אַ שווענק אַראָפּ געטאָן.

עס איז אַזוי ליכטיק און וואַרים געוואָרן אויף דעם גוף און אויף דער נשמה.

פון אַלץ און פון איטלעכן האָט אַרויסגעשריען: לעבן!

פּלוצלינג האָבן זיך קאַנאָנען געלאָזט הערן.

אָבער ניט מיט קיין אימה האָבן די שאָסן אָפּגעקלונגען. זיי האָבן געהילכט מיט דעם אָנזאָג פון ערדס באַפרייאונג.

פרידלעכע פויערים, אויפגעמונטערטע פון זון און פרילינג־אָנקום, האָבן זיך פון רואיקע בירגער אין קריגער פאַרוואַנדלט, דעם שונא צו פאַרטרייבן, כדי פריי פון דער ערדס גאָב צו געניסן.

עס האָט זיך זיי אָבער ניט איינגעגעבן.

דאָס מאָל איז דער שונא שטאַרקער געווען.

צוזאמען מיטן זון־פארגאנג, זיינען שטומפיקער און שווערער די שאסן געפאלן. זיי האבן זיך געקייקלט, ווי שווערע שטיינער איבערן גוף.

די זון־שטראלן זיינען שוואכער, קילער און קלענער געווארן און האבן ביסלעכווייז זייער פלאץ אפגעטראטן, ווי זיי וואלטן זאגן:

„עס טרעפט אמאל, אז די ליכטיקייט דארף דער פינצטערניש אפטרעטן".

מיט דער טיפקייט פון דער נאכט, איז אלץ אנטשטומט געווארן. אויף אירע פליגלען האט זי געטראגן דעם סוד פון דעם מארגן־אנקום און פון דעם, וואס דארף געשען.

און אט איז דער מארגן געקומען: א העלער, א לויטערער און ליכטיקער, ווי קיינמאל ניט.

טויזנטער שטראלן, האבן זיך דורך יעדער שפארונע אריינגע־ריסן און האבן מיט גוואלד די פינצטערניש פון דער נאכט, צוזאמען מיט דער אימה פארן פיינט, פארטריבן.

דער פרימארגן, אין דרויסן, א ליבער און א מילדער, האט גע־שמייכלט, געוואונקען און גערופן.

האב איך אלע פענצטער און טירן אויפגעפראלט.

א גאנצער גארב זונען־שטראלן, האט מיר אין די אויגן א שטיץ געטאן, אז איך בין שיעור ניט בלינד געווארן.

שטיי איך מיר אזוי און באד זיך, אין א ים פון ליכט און וואר־רימקייט, פארגעסנדיק אן זיך, אן אלץ און אן אלעמען.

פלוצלינג האב איך דערוואכט.

עס האט זיך געהערט א נאענטער געקלאפ פון פערדן־טריט.

פאר מיינע אויגן איז אויסגעוואקסן א צענדליק רייטער.

די רייטער זיינען געווען איינגעהילט אין שרעקלעך ברייטע און שווארצע פעלערינעס. זיי האבן געטראגן אויף די קעפ, גרויסע, ווינטערדיקע פאפאכעס, וועלכע זיי טוען ניט אויס א גאנץ יאר און באוואפנט זיינען זיי געווען פון קאפ ביז די פיס.

— „זשיד"! — האט עס פון זיי ארויסגערעוועט און זיי זיינען אנגעפאלן, ווי א הישעריק, אויפן האב און גוטס פון שטוב.

און די זון האט זיך אריינגעשמייכלט, דורך די פענצטער:

„ווי פאַרנעמען זיך דאָס מענטשן, אין אַזאַ שיינעם פרימאָרגן מיט אַזעלכע נאַרישקייטן!...”

אַן אַנטבלויזטער שווערד האָט געגלאַנצט פאַר מיינע אויגן.

איך בין אַזוי פול געווען מיט לעבן, אַז איך האָב ניט געזען, ווי די אויגן פון מלאך־המות, לויפן אַרום איבערן שווערד. עס האָט זיך מיר ניט געוואָלט גלויבן, אַז אין אַזאַ שטיקל קאַלטן אייזן, ליגט דער טויט באַהאַלטן.

פלוצלינג האָב איך דערזען די פינקלדיקע זונען־שטראַלן, אַרומטאַנצן אויפן שווערד. זיי האָבן זיך שטאַרק באַוועגט, ווי געוואָרנט:

„ווילסט נאָך לעבן, פון אונדז געניסן? אַנטלויף! אַנטלויף!”

איך בין אַנטלאָפן.

גוואַלדן פון פרויען און קינדער האָבן באַגלייט מיין וועג.

און די זון האָט אַלץ געלאַכט און געלאַכט...

1925.

שטילע פאַרנאַכטן

שענסטע, הערלעכסטע טעג
פון מיין לעבן! ווי זאָל איך אייך ניט דערמאָנען?!

צו קען מען פאַרגעסן די שיינע זומערדיקע זון-פאַרגאַנגען אין שטעטל?

מיט בלוט פאַרגאָסן איז דער הימל, וואָס שווענקט זיך אין אָזערע און רויט באַפאַרבט אים.

אין זוים פון אָזערע, שפיגלט זיך, דאָ אַ באַרג און דאָ אַ וועלדל.
און אַלץ אַרום איז פאַרגאָסן מיט אַ כשופדיקער שטילקייט.
איין וואָרט קען פאַרשווענכן די הייליקע שיינקייט.
שווייגן מיר אויס אונדזערע פאַרלאַנגען און געפילן.
גייען מיר שטיל און פאַרטראַכט.

שטאַרקער דריקן זיך נאָר אונדזערע לייבער איינער צום אַנדערן. מיט מער אימפעט צאַפּלען די הערצער אונדזערע. אַ שטילער געוויש פאַרטויבט אונדזערע חלומות.

ליבסטע מיינע! קומט עס אַמאָל אויף פאַר דיין זכרון?

איך דערמאָן מיך, אין אַזעלכע אָוונטן, ווען איך ניכטער מיך אויס פון שטאָטישן לעבן, ווען איך קאָרטשע מיך אַן איינזאַמער,

אין מיין עלנט, ווען מיין שיפל וויגט מיך איבער די כוואַליעס פון ים, ווען אַ מידער עס לאָזט אָפּ די האַנט, די שווערע אַרבעט און די געפילן און געדאַנקען הויבן אָן צו הערשן, ווען דער באַן הודזשעט, שרייט, קרעכצט און דרייט זיך ווי אַ שלאַנג, טראָגנדיק מיך אין מרחקים. —

שטענדיק דערמאָן איך מיך אָן אונדזערע פאַרנאַכטן...

און אויב שטיל איז דיין לעבן, ווי יענע פאַרנאַכטן — דערמאָן דיין פאַרוואָגלטן ברודער.

.1924

ערד־בענקשאַפט

איך האָב מיך אַזוי פאַרבענקט,
נאָך פרישער, גרינער ערד, נאָך הימלען, טיפע, בלויע. נאָך גראָז,
נאָך בוימער און נאָך בלומען.

איך וואָלט מיך אַריינגעוואָרפן אין דיין שויס, ערד!

איך וואָלט זיך געקאַרטשעט, געטוליעט צו דיר, ווי אַ קינד, אַן
עופהלע, אַ פאַרבענקטס נאָך זיין מאַמען, וואָס האָט אים אויף אַ
ווײַלע איבערגעלאָזט און צוריק גענומען...

מיט וואָס פאַר אַ דורשט און גלוסט, וואָלטן מײַנע נאָזלעכער
אײַנגעזאַפּט אין זיך דײַנע פײַכטע, חיותדיקע ריחות!...

און מײַנע אויגן, הימל! — וואָלטן אין דיר אַזוי טיף און אָן
אַ סוף זיך אײַנגעגעסן, — ווי טיף און אָן אַ סוף, דו בינסט...

און דאָס ווינטעלע, וואָלט אַ בײַזע פליג פון מײַן שטערן פאַרטריבן,
ווי אַ מאַמעס האַנט, וואָס וואַכט איבער איר קינד...

און די קושן פון דער זון, וואָלטן מײַן אומעט אויסגענאָגט...
האָלט מיך אָבער די שטאָט, ווי אין קלעם געפאַנגען...

די הויכע מויערן, האָבן מײַנע אויגן געצוימט, זיי זאָלן צו ווײַט
ניט זען...

ציט עס מיינע פיס צום אַספאַלט, — ווי אַ מאַגנעט.
און מאַנאַטאַן קלינגט אין אויער דער שוכן-סקריפּ, דער אויטאָ-זשום, דער רעש, דער געפילדער.
ווי אַ געפאַנגענער, וועמען מען האָט צוגעטיילט אַ שטיקל ערד נאָר, צו באַטרעטן איר, אַזוי פיל איך מיך.
ענג... עס איז אַזוי ענג!...
און מיט בענקשאַפט, נאָך פרייע ערדן, נאָך הימלען, טיפע, דאָס האַרץ מיינס איז אַזוי פול, איבערפול...

1931.

אַנקום פון דער נאַכט

מיט פאַרגייענדיקער רויטקייט איז דער מערב פאַרגאָסן. מיטן לעצטן, ראָזן שמייכל, זיינען די שניי־בערג, פאַרצויגן...

די גרויסע ליכט גייט אויס, פאַרגייט... מיט איר דאָס לעבן און דאָס שאַפן.

דער טאָג פאַרגייט...

דער טאָג, וואָס האָט אין זיין הערשאַפט די מענטשן געהאַלטן, פאַרלירט זיין מאַכט, באַפרייט זיי.

און ווער עס ווערט פון שקלאַפעריי צו נויט געטריבן. פון נויט אין שענק געשטויסן.

אַנדערע, אין זייערע פינצטערע לעכער — שוועסטער פון דער נאַכט — זויגן אויס פון זיך זייער מאַרך און קראַפט.

פאַר וועמען די נאַכט ברענגט רו און גליק — אויסגעבאַהאַלטן, אַז אַ פרעמד אויג זאָל עס ניט פאַרשוועכן... פאַר וועמען — די שרעק פאַרן מאָרגן...

פאַר אַלעמען אָבער גלייך, ברענגט זי די אויסוועפּונג און די ניכטערקייט.

דערפאַר ווערן די שעהן פון דער נאַכט — די מוטער פון דער ליבע און אַלע פאַרלאַנגען — אַזוי ווייניק באַזונגען. — דער גרעסטער צער ווערט אַנטשלאָפן... דער הימלשסטער גליק ווערט פאַרוויגט...

.1925

אַ פײַנער מענטש

אַלע וויסן, אַז אָסקאַר גוטיערעז איז אַ פײַנער, ערלעכער און אָנשטענדיקער מענטש.

ניט נאָר גילט ער פֿאַר אַזאַ, נאָר ער איז טאַקע — אַ פײַנער, ערלעכער און אָנשטענדיקער מענטש.

נו, און אַז מען איז שוין אַ פײַנער, ערלעכער און אָנשטענדיקער מענטש, דאַרף מען דען קיין האַרץ ניט האָבן?

גיט זײַן האַרץ אַ ברי, ווען ער דערזעט נאָר, ווי אַ ווײַס שטיקל לײַב אַנטפּלעקט זיך בײַ פּרעסיאַן פֿון ערגעץ אַ באַהעלטעניש אַרויס.

און ווען ער, רעדט אַמאָל צו איר, און עס קומט נאָך דעם געוויינטלעכן „מאַנדע" (באַפֿעל) — אַ צוגאָב פֿון אירע טיפֿע אויגן: „קענסט טאָן מיט מיר וואָס דו ווילסט", — דאַן קאָרטשעט זיך זײַן האַרץ פֿון ווייטיק.

האָט דאָס האַרץ בײַ אָסקאָרן, יעדן טאָג, שטאַרקער געקלאַפּט, ווען ער האָט נאָר פּרעסיאַן דערזען, אָדער זיך דערמאָנט אָן איר.

דאָס האַרץ האָט געטאָן דאָס זײַנס, כאָטש ער, אָסקאָר, איז געווען אַ פײַנער, אַן ערלעכער און אָנשטענדיקער מענטש.

*

* *

אין איינעם אַ פֿאַרטאָג, האָט זיך שטאַרק גערודערט אין אָס־קאָרס הויז. אָסקאָר אַליין האָט אָפּגעפֿירט פּרעסיאַן אין שפּיטאָל אַרײַן, אין זײַן אויטאָמאָביל.

אין אויטאָמאָביל האָט זי אים צום ערשטן מאָל „דו" גע־זאָגט.— „אָסקאַר זאָלסט מיר ניט פאַרגעסן".

פון שפּיטאָל איז זי שוין צוריק ניט געקומען.

לייט האָבן זיך געסודעט: „זי האָט געמאַכט אַ „קונץ" און עס האָט זיך איר ניט איינגעגעבן. זי איז נעבעך אָפּגעגאַנגען אין בלוט די אָרימע".

אָסקאַרס פרוי פלעגט תמיד דערציילן און איבערדערציילן די פּאַסירונג פאַר אירע באַקאַנטע. און דערביי פלעגט זי טרויעריק און מיט באַדויערן צוגעבן: „אַ שאָד, אַ שאָד, די אָרימינקע! אַ וואויל מיידל געווען, אַ וואויל מיידל! און די קינדער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט. זיי קענען נאָך איר ביז היינט ניט פאַרגעסן. זיי בענקען נאָך איר".

און זי, אָסקאַרס ווייב, זעט גאַרניט, ווי אָסקאַרס פּנים פאַרבט זיך אין בלוט. זי הערט ניט ווי זיין האַרץ קלאַפּט מיט ווייטאָקדיקער בענקשאַפט.

נו, און אַז מען איז שוין אַ פיינער, אַן ערלעכער, אַן אָנשטענ־דיקער מענטש, דאַרף מען דען קיין האַרץ ניט פאַרמאָגן?...

.1958

זי האָט נישט געוויינט

נעכטן איז געשטאָרבן, מיין פריינט, הערשל. ער איז אַזוי יונג געשטאָרבן. אינגאַנצן דרייסיק יאָר אַלט געווען!

איך בין שוין לאַנג געשטאַנען אַן איינגעגראָבענער אין דעם שוואַרצן דעק־טוך, איבערן אָרון, און געוויינט, און געוויינט. געוויינט אין זיך און אויפן קול.

אַלע האָבן געוויינט.

עס האָט געוויינט זיין יונגע ווייב. עס האָט געוויינט זיין אַלטע מאַמע. עס האָבן געוויינט פריינט און פרעמדע.

נאָר זי האָט נית געוויינט.

אַ פאַרשטאַרטע איז זי געשטאַנען. די ליפּן אַראָפּגעהאָנגען, האַלב־אָפן. זיי האָבן נית אויסגעזאָגט, צי זיי וויינען, צי זיי לאַכן.

קעפּ האָבן זיך געהויבן פון זייערע וויינענדיקע פאַרבאַהעלטע־נישן און רויטע אויגן האָבן, בגנבה, געוואָרפן אַ בליק צו „איר", צי זי וויינט.

ניין! זי האָט נית געוויינט!

זי איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטע און געקוקט מיט טרוקענע

אויגן צום באַלקן אַרויף. און אירע ליפּן זיינען האַלב-אָפּענע אַראָפּ-געהאנגען און האָבן ניט אויסגעזאָגט, צי זיי וויינען, צי זיי לאַכן.
אַ גאַנצן טאָג בין איך היינט אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטויבטער:
— געווען אויף דער לויה?
— געווען.
— „זי" איז געווען?
— געווען.
— האָט זי עפּעס געוויינט?
— ניין, ניט געוויינט! ניין, ניין, ניין! ניט געוויינט! ניט געוויינט!

1958.

פאַרוואָס קען איך
איר ניט פאַרגעסן?

פאַרוואָס קען איך איר ניט פאַרגעסן,
אַז געזען האָב איך איר נאָר איין מאָל?

פערציק יאָר זיינען שוין פאַרביי, ווי איך האָב איר געזען און איך קען איר ניט פאַרגעסן.

פאַרוואָס קען איך איר ניט פאַרגעסן, אַז געזען האָב איך איר נאָר איין מאָל?

מען זאָגט, אַז איך בין שוין אַלט. דאָס איז אַ ליגן!

אָבער פערציק יאָר זיינען דאָך, זינט דאַן שוין אַוועק.

טאָ, פאַרוואָס קען איך איר ניט פאַרגעסן, אַז געזען האָב איך איר נאָר איין מאָל?

פופצן יאָר בין איך אַלט געווען, ווען איך האָב איר געזען. וואָס ליבע איז האָב איך נאָך דאַן ניט געוואוסט. און געזען האָב איך איר נאָר איין מאָל. טאָ, פאַרוואָס קען איך איר ניט פאַרגעסן? אַז געזען האָב איך איר נאָר איין מאָל?

געטראָפן האָב איך זי אויפן שטעטלשן מאַרק. דאָרטן איז איר

שטיבל געשטאַנען. דעם טרעף־פּונקט האָט דער בעל־עגלה באַשטימט. פון דאָרטן האָט ער זיינע פאַרשווינען אין שטאָט אריין געפירט.

דאָס שטעטל איז נאָך געלעגן אַ פאַרשלאָפענע אין דעם פרי־האַרבסטיקן פאַרטאָג, און האָט זיך זיסלעך די גלידער געצויגן. מיינע אויגן האָבן זיך געוואַשן אין דעם פרימאָרגן־טוי. די פריאיקע קילקייט האָט פון זיי אַוועקגעווישט דעם לעצטן ביסל שלאָף.

דורך די פענצטער פון שטיבל, פון וואַנען זי איז אַרויסגעקומען, האָט אַ פלאַקערדיקע רויטקייט צום דרויסן אַרויסגעקוקט. אַ בעקע־רישער אויוון האָט זיך דאָרטן געהייצט און האָט דורכן קוימען אַ שליח, אַרויסגעשיקט, אַ וועקער — דעם געקרייזלטן רויך.

זי האָט אַן עפן אויף געטאָן די טיר. אַן איידעלער ריח פון פרישע קיכלעך, האָט איר באַגלייט צום וואָגן.

זי האָט מיר אָנגעקוקט, ווי אַ ניט דערוואַרטן וואונדער. און איך האָב אַראָפּגעלאָזט מיינע אויגן צו די איינזאַמע גרעזלעך, וואָס האָבן נאָך אַרויסגעקוקט פון דער ערד.

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס איך האָב איר געזען.

טאָ, פאַרוואָס קען איך איר ניט פאַרגעסן, אַז געזען האָב איך איר נאָר דאָס איינציקע מאָל?

דעם גאַנצן וועג האָב איך געשוויגן. קיין איין איינציקן וואָרט איר ניט געזאָגט.

איך האָב איר נאָר אָנגעקוקט. נאָר געזען. נאָר איין מאָל האָב איך איר געזען.

טאָ, פאַרוואָס קען איך איר ניט פאַרגעסן? אַז געזען האָב איך איר נאָר איין מאָל?

פאַרוואָס?!

אַז געזען האָב איך איר נאָר איין מאָל, נאָר איין מאָל!

1958.

אָן אַ טעמע

שוין דריי טעג און דריי נעכט,
ווי איך האַלט אין איין זוכן אַ טעמע און — קען זי ניט געפינען.
וואָס אַן אמת, האָב איך אייך עפּעס געקענט דערציילן.

איך האָב אייך געקענט דערציילן וועגן פריידלען — וועגן פריידל באַנק.

איך האָב אייך געקענט דערציילן, וואָס פאַר אַ צאַפּלענדיקן לייב זי האָט געהאַט.

איך האָב אייך געקענט דערציילן, אַז זי האָט געהאַט גרויסע, שיינע, אָפענע אויגן, וואָס האָבן, אויפגעריסענע, געקוקט אויף די חדושים פון דער וועלט, — אַז אַ נעזל האָט זי געהאַט, אַ קורצס און אַ פאַרשאַרצטס אויף אַרויף, וואָס האָט צום הימל געלאַכט.
אָבער וואָס איז דאָ דאָ צו דערציילן, אַז איר האָט שוין אַזעלכעס געהערט...

יאָ, איך האָב אייך אויך געקענט דערציילן, אַז אַ פּאָר ליפּלעך האָט זי געהאַט — נו, וואָס זאָל איך זאָגן?! — אַ פּאָר ליפּלעך, וואָס האָבן אייך אַנגעבאָטן די גאַנצע זיסקייט פון דער וועלט און

אַז האָט איר זיי געפּאָלגט און פאַרזוכט פון זיי, האָט איר ערשט געוואוסט, וואָס פאַר אַ טעם דאָס לעבן האָט.

אָבער וועגן ליפּן האָט שוין דער שיר־השירים שענער געזונגען:

...טריפן טוען טריפן דיינע ליפּן מיט זיסקייט, האָניק און מילך אונטער דיין צונג.

איך האָב אייך געקענט דערציילן, אַז די פריידל האָט געהאַט אַ שטיף־מאַמען און אַז ווען איך האָב איר באַגליים, שפּעט ביינאַכט, פלעגט זי, פלינק ווי אַ קעצל, אַריינשפּרינגען אין שטוב אַריין, דורך אַ פענצטער, וואָס זי האָט געלאָזן אָפן, כדי די שטיף־מאַמע זאָל ניט וויסן ווען זי איז אַהיים געקומען.

האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מיט שטיף־מאַמעס זיינען פול אַלע מעשה־ביכלעך פאַר קינדער.

יאָ, דאָס האָב איך אייך אויך געקענט דערציילן, אַז ווי נאָר עס האָט זיך צעבליט די ערשטע, ווייסע רויז, ביי איר אין גאָרטן, האָט זי איר אָפּגעפּליקט און צו מיר, אין בחורישן צימער אַרויפגע־שיקט, — ווי איך בין יעדע ווײַלע צוגעלאָפן און געקושט אין דעם אָפענעם מויל פון דער רויז, דאָרטן, וואו פריידל האָט פריער אַריינ־געקושט די זיסקייט פון אירע ליפּן.

אָבער אויך וועגן רויזן האָט מען שוין שענער געשריבן פון מיר.

אָדער איך האָב אייך גאָר געקענט דערציילן, אַז פריידל איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון לעבן, ווי די רויז, וואָס זי האָט מיר אַמאָל געשיקט, איז אַרויסגעפּליקט געוואָרן פון גאָרטן, און אַז מיין האַרץ קאָרטשעט זיך נאָך ביז היינט פון דעם וויי, וואָס עס שפּירט.

איז דאָס אָבער זייער אַ טרויעריקע געשיכטע און איך וויים, אַז מיט טרויער איז פול די וועלט. וויל איך זי אייך ניט דערציילן.

גיי איך אַרום, שוין דריי טעג און דריי נעכט, און זוך אַ טעמע, זוך און קען ניט געפינען.

1958.

שוועסטער!

אונדזערע מאַמעס, האָבן אונדז דאָס לעבן געשאָנקען און אַלם צוגאָב זייער לעבן אונדז אַוועקגעגעבן.

זיי האָבן ניט נאָר אויפגעהאַלטן אונדזערע הייזער, נאָר אויך אונדזער פאָלק, — אויפהאָדעוועדיק פאַר אים גוטע יידן.

פון תחנות און געבעטן, — געמישט מיט הייסע טרערן, — האָבן זיי זייערע חלומות געקנעטן. און פון זייערע לענדן, האָבן זיך, פון אַלע וועלטישע ענדן, חלוצים געשפרייט און געצויגן, צו דעם ליכטיקן ברעג פון זייערע טרוימען.

און זיי האָבן פון מאַמישע חלומות, א וואָר באַשאַפן...

פירזאָגערינס זיינען געוועזן אונדזערע מאַמעס, זאָגערינס אונדזערע שוועסטער — זאָגערינס און טוערינס, טוערינס און אויפטוערינס.

אונדזערע שוועסטער, האָבן אונדז באַגלייט, אין אַלע פרייהייטס־שלאַכטן.

געפאַלן זיינען זיי נאָר, ווי פעסטונגען, וואָס פאַלן...

מיט זייער בלוט און שוויים, דעראָבערט האָבן זיי, דעם ברעג:

פון אונדזער לעצטער האָפענונג, — שפּאַן נאָך שפּאַן די ערד פון אונדזער לאַנד.

יידישע טאָכטער, — דו יונגע טאָכטער פון היינט! — שייל זיך אויס פון אַלע דיינע זיבן פרעמדע שלייערן, וואָס דו האָסט אָנגעצויגן אויף זיך. צי אַראָפּ פון זיך, די הויט, די פרעמדע, וואָס דיר באַקליידט, — און דערשיין פאַר אונדז אין דיין ליכט און אין דיין פּראַכט...

שטרעק אויס דיין צאַרטן, שוועסטערלעכן אָרים, צו דיין ברודער, אין זיין גאַנג, דעם שווערן...

זאָל אַן אַנלען זיין פאַר אים, דיין האַנט און אַ מונטער-רוף, דיין שטים, — אין לעצטן גאַנג, צו פרייהייט און צו לאַנד.

זוך אויס אַ שטילן ווינקל אין דיין הויז און צינד אַ ליכט דאָרט אָן, אַ ליכט, וואָס דערמאָנען זאָל, אָן אונדזער גרויסן צער און וויי. און נאָך אַ ליכט, — אַ גרעסערע — צינד אָן, — אַ ליכט פון גלויבן און פון האָפן.

און ווען דיין מוטער-טראַכט געבענטשט זיין, מיט טעכטער און מיט זין, — זאָלן זיי ניט זיין, די רעשטן פון אַ פאָלק אין אונטערגאַנג, נאָר די ערשטע פון אַ שטאָם, וואָס ווערט געבוירן איצט.

שוועסטער מיינע! טאָכטער! — זע, זאָלסט ווערט זיין אונדזער שטאָם, זאָלסט ווערט זיין אונדזער מאַמען!...

1953.

צווײ זײַנען זײ געווען

דער רעדנער איז געשטאַנען אויף דער טריבונע און גערעדט. זײַן שטים איז געווען שטאַרק. די ווערטער זײַנען בײַ אים אַרױסגעקומען געטאָקטע און אָפּגעמאָסטענע. דער טאָן איז געווען אַ ריכטיק־צוגעפּאַסטער. די שפּראַך אַ רײַכע. און דאָך איז ער געווען אומצופֿרידן פֿון זײַן רײדן. ער האָט געהאַט היסח־הדעת, דער רעדנער. דאָס האָט אים אָבער ניט געשאַדט צום רײדן. ער האָט שוין זײַנע רײד און די געדאַנקען פֿון זײַן רעדע געקענט אויף אויסווייניק. עס איז שוין בײַ אים געגאַנגען מאַשינעל, פֿון זיך אַליין. ווען איר וועקט אים אפֿילו אויף אינמיטן שלאָף, וואָלט ער אײך זײַן רעדע געקענט אָפּקלאַפּן ווי אַ מזמור, ניט צו פֿאַרטראַכטן זיך אפֿילו אַ רגע. האָט ער געקענט רײדן, דער רעדנער, און טראַכטן דערבײַ.

האָט ער אַ פֿיר געטאָן מיט די אויגן איבערן זאַל און זײַנע אויגן האָבן אָנגעטראָפֿן אויף גלאַנציקע קאָפּ־שאַרבנס, אויף צעקנײטשטע, פֿאַרמטענע פּנימער, אויף אויסגעלאָשענע אויגן. האָט ער נערוועז אַ פֿיר געטאָן מיט זײַנע פֿינגער, דאָרטן וואו עס איז אַמאָל בײַ אים געווען אַן אומגעהאָרכזאַמע טשופּרינע, און האָט דאָרטן לײַכט געקענט פֿירן מיט די פֿינגער. זײַנע פֿינגער האָבן דאָרטן אָנגעטראָפֿן, סײַ אַ פּריקרע גלאַטקייט, סײַ אַ מין פֿײַכטקייט,

ווי די פּייכקייט פון דעם טוי אין שפּעט־האַרבסט, וואָס פאַלט אויף די לעצטע, שיטערע גראָזן.

עס איז אים געוואָרן אומעטיק, דעם רעדנער. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין פּובליקום מיט פערציק יאָר צוריק. וואו זיינען אהינגעקומען די אַמאָליקע יונגע צוהערער, וואָס פלעגן אָנפילן די זאַלן און באַגייסטערן דעם רעדנער, אים אָנצינדן און צעפלאַמען?

ער איז שיעור ניט אַראָפּ פון וועג, דער רעדנער. ער האָט געזוכט אַ רעטונג. ער האָט געזוכט אַ פּנים, צו וועלכן ער זאָל ווענדן זיינע רייד. ער האָט געזוכט אַ קאָנטאַקט, כאָטש מיט איין צוהערער.

נאָר אָט האָט ער דערזען צוויי מיטאַמאָל. צוויי צוהערער, אָנגעווענדט מיט זייערע יונגע בליקן צו אים. זיי טרינקען זיינע רייד מיט אָפענע אויגן. ער איז געראַטעוועט. ער האָט צו וועמען צוריידן. ער האָט פאַר וועמען צו ברענגען גאָטס וואָרט, וואָס ער האָט אים אויף זיינע ליפּן אַרויפגעלייגט. ער האָט זיך אָנגעוואָרעמט אָן די יונגע אויגן. זיין האַרץ האָט היים געפלאַמט און די רייד זיינען פון זיין ברוסט אַרוים אָנגעוואָרעמטע, דורכעפילטע. זיינע רייד האָבן אַריבערגעריזלט אין די הערצער אַריין פון זיינע צוהערער, ווי אַ שטורמישער געזאַנג. און ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין רעדע, דער רעדנער, האָט אויסגעבראָכן אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן, ווי אין די אַמאָליקע אַלטע, יונגע, גוטע צייטן. די מענטשן, וואָס האָבן אים געהערט זיינען אויפגעמונטערט געוואָרן. זייערע אויגן האָבן יוגנטלעך געגלאַנצט, זייערע האַנט־דרוקן זיינען געווען פול־בלוטיקע, די רייד זאַפטיקע פון באַגייסטערונג און שאַרפזיניקע פון דערוואַכונג.

דער רעדנער האָט זיינע אויגן געהאַלטן אין דער הויך, אַריבער די קעפּ פון די, וואָס זיינען אים צוגעגאַנגען באַגריסן. ער האָט געזוכט די צוויי וואונדערלעכע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך באַוויזן צו אים און האָבן אים זיך ניט געלאָזן אויסלעשן, איידער ער האָט דערברענט. וואו זיינען זיי ערגעץ, די וואונדערלעכע יונגעלייט?!

ער האָט זיי געזוכט און ניט געקענט געפינען.

צוויי זיינען זיי געווען...

.1958

מיט אַ גמרא אין סאָבוויי

צוויי טעג און צוויי נעכט איז ניו־יאָרק געשטאַנען אַן אומבאַוועגלעכע, אונטערן שטורים און שניי. די אויטאָמאָבילן אין די גאַסן זיינען פאַרזונקען געוואָרן, אונ־טער בערגלעך שניי און האָבן זיך ניט גערירט, ניט אין די טעג פון די שנייען, ניט אַ פּאָר טעג נאָכדעם.

צוויי טעג נאָכן שנייען זיינען די סאָבווייען געווען געפּאַקט ניט אַריינצושטעלן אַ שפּילקע צווישן. אויך די אייגנטימער פון די אויטאָמאָבילן האָבן געמוזט אָנקומען צו די סאָבווייען. ווער ווייסט? אפשר האָט עס גאָט מיט אַ כיוון געטאָן, כדי דער גביר זאָל פאַר־זוכן דעם טעם פון צו זיין אַן אָרימאַן און זען ווי געשמאַק דאָס איז צו פאָרן שעהן און שעהן אין די געדערים פון דער ערד, אין ענגע־ניש, ניט אָנקוקנדיק די ליכטיקע שיין פאַר די אויגן. וואָרום ער האָט געזען, גאָט, אַז מען פאַרגעסט זיך אָן אים פון גרויס רייכקייט.

אין אַזאַ טאָג, האָב איך ניט אַריינגעשטייגט אין סאָבוויי, נאָר בין אַהין אַריינגעטראָגן געוואָרן. אין אַ היבשע ווילע אַרום, נאָך דעם ווי איך האָב זיך ווי עס איז איינגעמאָשטשעט, ווייל עס איז

אַ ביסל שיטערער געוואָרן אין באַן, האָב איך באַמערקט ווי אין אַ ווינקל שטייט אַ יונגערמאַן, האַרט צוגעדריקט צו דער וואַנט, ווי ער וואָלט ניט געוואָלט, חס-ושלום, אַריינגיין אין יענעמס גבול און אין זיינע הענט האַלט ער אַ בוך. דאָס בוך האָט אויסגעזען עפּעס אַנדערש ווי אַלע. גיכער האָט עס אויסגעזען ווי אַ ספר. דער יונגער-מאַן פלעגט פון צייט צו צייט איינגראָבן זיינע אויגן אין דעם ספר, זיי האַלטן דאָרטן אַ ווײַלע און נאָכדעם זיי פון דאָרטן אַרויסהויבן צום באַלקן. עס האָט אויסגעזען, ווי זיינע אויגן טרינקען זיך אָן מיט אַ נאַרהאַפּטיקן געטראַנק, וואָס געפינט זיך אין ספר און נאָכדעם הויבט ער מיט זיי, מיט די אויגן, אַרויף דעם געטראַנק צו זיין מח; אַז דאָרטן אין מח ווערט די נאַרונג פאַרדייט און אַז נאָכדעם לאָזן זיך די אויגן ווידער אַראָפּ צום ספר נאָך דעם נאַרהאַפטן געטראַנק.

אַמאָל האָט ער סתם אַזוי אַ בלאַנדזע געטאָן מיט זיינע אויגן איבערן וואַגאָן, דאַן האָט איר אין זיי דערזען, ווי אַ מין געבעט צו די אַרומיקע: זעט, לאָזט מיר צורו, איך האָב שוין געזען גענוג שלעכטס אין מיין לעבן, לאָזט מיר לעבן מיין לעבן; לאָזט מיר לעבן און לערנען און מיין גאָט דינען. מער פאַרלאַנג איך גאָרניש. דאָס זיינען געווען אויגן, וואָס פאַרגעסן זיך שוין קיינמאָל ניט. אומשול-דיקע אויגן פון אַ גלויביקן קינד. איך האָב מיר ביסלעכווייז דער-נענטערט צו דעם יונגערמאַן. דאָס בוך איז ניט געווען קיין בוך, נאָר אונדזער אַלטע גמרא אַרומגעצירט פירקאַנטיק מיט רשי און תוספות און דער טעקסט פון דער גמרא האָט גלאַנציקער זיך אַרויסגעבולט פון דעם ווייסן רעמעל, וואָס האָט איר אָפּגעטיילט פון דעם רשי-כתב און האָט מיוחסדיק געשיינט אַנטקעגן דער מאָדערנער עלעק-טרישער ליכט פון דעם באַן, וואָס האָט דורכגעקרייזט די גרויסע וועלט-שטאָט ניו-יאָרק.

און אַז אין באַן איז נאָך שיטערער געוואָרן, און אַז דער יונגער-מאַן איז צוגעקומען צו אַ שווערן גדאַנק, האָט ער זיך פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך און האָט זיך האַרציק צעזונגען מיט דעם אַלטן גמרא-נגון און האָט זיך איידל געשאָקלט, אַזוי איידל ווי ער האָט אויסגעזען, אַזוי איידל ווי ער איז געווען...

את חטאי אני מזכיר. איך בין זיך מודה. איך האָב פאַרדינט די עבירה, די גרויסע עבירה פון בטול-תורה. איך האָב אים אַריינגע-

שטעקט אַ שלום-עליכם און יידישלעך געפרעגט, ווער איז ער.
ווער ער איז?

אַ יידישער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון גיהנום און איז אַ דימאַנט-שלייפער.

בייטאָג שלייפט ער די דימאַנטן פאַר זיין בעל-הבית און די איבעריקע צייט שלייפט ער זיין מח, שלייפט ער זיין האַרץ... ער שלייפט זיי פאַר זיך און פאַר דעם האַר פון דער וועלט...

.1958

דער שכר פון אַ מאַמען

צען קינדער האָט איר בויך, דער וועלט, אַרויסגעגעבן אין ווייען. גרעסער ווי ביים געבוירן — זיינען אירע ווייען געווען, ביים אויסכאַוועון זיי און ביים דערציען.

וואָס האָט עס אַליך חנה, די פראַנצוזסקע, ניט אָפּגעטאָן פאַר אירע קינדער, כדי זיי אויפצוהאַלטן ביים לעבן (חנה די פראַנצוזסקע האָט מען איר גערופן, מחמת זי האָט אַ שטיק צייט געלעבט אין פראַנקרייך). זי האָט געסאַרווערט אויף שמחות, כדי צו קענען אונ־טעררוקן אַ בעסערן ביסן אַ קינד און פאַרדינען אַ פּאָר סענט. זי האָט געהאַנדלט, געוואַנדלט, געקצבהט און אָפּגעטאָן כל עבודת־פרך. אַליך פאַר די קינדער. אַליך אַליין.

איר דוד איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ ירא־שמים און האָט זיך ניט געבויגן, ניט אונטערן יאָך פון לעבן, ניט אונטער גאָטס נסיון.

ער איז אָבער געווען אַן אײדעלע פלאַנץ, וואָס האָט זיך ניט אָנגענומען אין דער פרעמד און איז פאַר דער צייט פאַרוועלקט און פאַרטריקנט געוואָרן.

האָבן זיך די קינדער געהאָדעוועט, אונטער דער שוץ פון דער

מאַמען און אונטער דער אויפזיכט פון דער גאַס. דער ווינט האָט זיי צעהוליעט און די זון האָט זיי צעשמייכלט.

די יאָרן האָבן זיי געצייטיקט און אויסגערייפטע, האָבן זיי זיך אָפּגעריסן פון דער מאַמען, ווי די פאַרטיקע פּרות פון בוים.

עטלעכע פון זיי זיינען זיך צעקראָכן, איבער אַלע עקן פון דער וועלט און די איבעריקע האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום איר, מיט סודות אין די גרויסע, קלוגע אויגן און מיט פאַרלעגנהייט אויף די ליפּן.

מיט דער צייט האָבן זיך די סודות אַנטפּלעקט, אין לעבעדיקע אייניקלעך.

פרעמד־פאַרביקע, פרעמד־אויגיקע האָבן אויף איר די אייניקלעך געקוקט, מיט פאַרשאַרצטע נעזלעך אויף אַרויף.

די קלענערע האָבן זיך ביי אירע פיס געפּלאָנטערט, אַנהאַלטנדיק זיך ביי דעם ברייטן קלייד און אַריינקוקנדיק איר גלייך אין די אויגן אַריין. די גרעסערע האָבן איר געגלעט איבערן קאָפּ און זי דערביי באָבע גערופן.

און זי, חנה, האָט אַרומגעפירט אירע פאַרווירטע אויגן, דאָ אויף די זין, דאָ אויף די שניר, וואָס האָבן איר מאַמע גערופן און זיינען געווען גוט צו איר. זי האָט באַטראַכט אירע אייניקלעך און אַ שטומע אירע אויגן צו דער ערד געניידערט. פון די אויגן זיינען פאַר־גנבהטע טרערן געפאַלן און האָבן דעם צער פונעם האַרצן געלאָשן...

*

* *

חנהן האָט קיין זאַך ניט געפעלט אויף דער עלטער.

די זין, די שניר, די אייניקלעך, פלעגן איר אָנברענגען פון אַלדאָס גוטס.

זי האָט זיך מיט דעם נחת געוואָרגן. איר איז גאָרניט אָנגעגאַנגען. זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אויף אַן עולם־התוהו, אַליין.

*

* *

גאַנצענע טעג פלעגט זי אָפּזיצן ביי דער מעשענער פייער־פאַן, וואָס די קינדער האָבן איר געשאָנקען. זי האָט געקלעפּט צו דעם פייער.

פון דעם גלאַנץ פון דעם זשאַר, וואָס איז געפאַלן פון די ברע־נענדיקע קוילן, אויף דעם אָפּגעפּוצטן מעש, האָט זי אַלערלייאיקע געשטאַלטן אַרויסגעצויגן.

מער פון אַלעמען פלעגט זי זען, אין דעם פייער, איר דודס געשטאַלט. זי האָט אים געזען אַזאַ, ווי זי האָט אים געקענט פון דער ליבשאַפט־צייט, וואָס זיי האָבן צוזאַמען געלעבט. זי פלעגט פאַרנעמען זיינע רייד און פלעגט זיך ציען צו אים, זיך טוליען און בעטן צונעמען צו זיך.

אַ וואַרימקייט פלעגט דאַן דורכנעמען אירע אַלטע ביינער און מיט צוזאַמענגעלייגטע ליפּן, — ווי צום קושן — פלעגט זי אַריינפאַלן אין אַ זיסן, פאַרשיכורטן דרעמל.

*

* *

די שכנים האָבן דערזען, דורך חנהס פענצטער, אַן אַרומלויפנ־דיקן פייער און דערהערט אירע רופן: דוד, דוד!

ווען זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין צימער אַריין, איז חנה גע־לעגן אַ ברענענדיקע, אויף דער ערד, מיט צעשפּרייטע אָרימס.

דאָס ערשטע צו וואָס די שכנים האָבן זיך געכאַפּט צו טאָן, איז געווען — אַראָפּרייסן פון איר די ברענענדיקע מלבושים.

חנהס ווייסער קערפּער האָט אַ בלאַנק געטאָן אין צימער. איר בויך, — דער בויך פון אַ מאַמען, וואָס האָט אויסגעטראָגן צען קינדער — האָט זיך געבערגלט און פאַרריסן אויף אַרויף, מיט אַ טענה:

אָט דאָס איז עס דער שכר פון אַ מאַמען?! האַ?!

.1959

אליין

אַ לעבן אַ גאַנצן, קען מען זאָגן, אָפּגעלעבט אין אַ שטאָט און מיטאַמאָל כאַפּסטו זיך — בינסט אַליין.

אפשר מיינט איר, איך בין אַ „בעזליודניק", אַ מענטשן-פֿיינט, אַ מיזאַנטראָפּ, — ניין. בטבע האָב איך ליב מענטשן און זוך זיך מיט זיי צו פֿריינדלען. יונגערהייט האָב איך מיר דערוואָרבן אַ סך פֿריינט. מיר פֿלעגן אָפּזיצן, נאָך דער אַרבעט, אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין, אין די „פּלאַסעס", און דאָרטן אויסחלומען די שענסטע טרוימען. און אַז מען איז שוין געגאַנגען אַהיים, שלאָפֿן, האָט מען זיך נאָך ניט געקענט אָפּרייסן איינער פֿון דעם אַנדערן. עס איז נאָך געבליבן — אויסער דאָס אויסחלומען די אייגענע טרוימען — צו דערחלומען דעם טרוים פֿון דער וועלט. מיר האָבן נאָך ניט פֿאַר-ענדיקט אויסצוסדרן אַזוי די וועלט, אַז עס זאָל אין איר ניט בלייבן, חס-ושלום, אַ פּגימהלע. האָט מען זיך באַגלייט איינער דעם אַנדערן, הין און צוריק.

דאַן, אין די יונגע יאָרן, פֿלעגט מען אָפֿט, אין די זונטיק-טעג, אָדער אַנדערע יומי-דפּגרא, אַרויספֿאָרן, צוזאַמען מיט ווייב און קינד, ערגעץ אויף פֿרייע לופֿט. אין די „גאָנדאָלאַס" (אויטאָבוסן) איז מען

געזעסן צוגעקלעפּט איינער צו דעם אַנדערן און די פריינטשאַפט איז געוואָרן שטאַרקער. מען האָט זיך געקענט אַזוי אַרום אַן אינטימען סוד פאַרטרויען, אַ ליבלעכן שמייכל שענקען און מען איז געווען גליקלעך.

און היינט, זעסטו זיך אַליין.

וואו־זשע זיינען דיינע פריינט?

זיינען זיי אויסגעשטאָרבן? — אַלע קענען דאָך ניט אויסשטאַרבן. און דווקא די, וואָס זיינען געשטאָרבן, זיינען געבליבן פריינט. — דו טראָגסט זיי אין זיך, אין דיין האַרצן און אין דיין זכרון. דו האָסט זיי פאַר די אויגן, מיט זייער שמייכל אויף די ליפּן, מיט זייער פונק אין אויג. דו געדענקסט אפילו זייער קול און דו פאַרנעמסט אים אָפט, אין אַ רואיקער שעה.

אפשר האָסטו זיך מיט זיי צעקריגט, צעהרגעט? — אויך דאָס ניט.

איך האָב זיי פשוט פאַרלוירן.

און לאָמיר אייך פּרואוון דערציילן ווי אַזוי. דאָס איז עפּעס פאַרגעקומען אויף אַזאַ אופן: איר זיינט דאָך אַמאָל געווען אַ קינד? איר האָט זיך דאָך אַמאָל געשפּילט? געדענקט איר דאָך — מיטאַמאָל האָט איינער פון די קינדער אַ געשריי געטאָן: לאָמיר זיך פּרוּוועטן. לאָמיר זיך פּאַרוועטן אין לויפעניש: איינס, צוויי, דריי! איין קינד האָט זיך אָפּגעריסן פריער, אַ צווייטער שפּעטער; מען איז געלאָפן מיט אַלע כוחות, אַריבערצויאָגן, אַריבערצויאָגן! געדענקט איר דאָך מסתמא, אַז עס פלעגט טרעפן, אַז איין קינד האָט זיך ניט באַוויזן אָפּצורייסן פון דער ערד, צו דער צייט, איז ער שוין געבליבן שטיין, אַ פאַרווירטער.

אָט דאָס זעלבע האָט עס פּאַסירט מיט מיר. מיינע פריינט האָבן זיך מיטאַמאָל אַ פּאַרוועט געטאָן אין לויפעניש. בעת זיי האָבן אָנגעהויבן דעם פאַרוועט, האָבן זיי אפילו זיך ניט אָפּגערעדט, אפילו ניט אויסגעשריען, איינס, צוויי, דריי! און איך בין דאָס דער יינגל, וואָס האָט זיך באַצייטנס ניט אָפּגעריסן פון דער ערד, צו לויפן. שטיי איך אויף אַן אָרט, אַליין...

אַמאָל זע איך מיינע פריינט, פאַרביילויפן לעבן מיר. איך פּרואוו זיי רופן; איך שריי צו זיי; איך רוף זיי ביי די נעמען. זיי הערן מיר

אָבער ניט. איך שריי צו זיי: שטייט אַ ווײַלע, דאָס בין איך דאָך, איך, אייער פֿרײַנט, אייער פֿרײַנט, יאַנקל! אָבער זיי קוקן מיר אָן, ווי אַ באַשעפֿעניש פֿון גאָר אַלטע, ווײַטע וועלטן און לאַכן, לאַכן: כ־כ־כ־כו־כו־כו, יאַנקל, כאַ־כאַ־כאַ — י אַ נ ק ל ! י אַ נ ק ל ! י אַ נ ק ל !

בין איך געבליבן שטיין אַזוי, אַליין, אַליין...

.1958

ד.

טריט אויף דער ערד

ביים פענצטער
פון קאַפע־הויז

ד ער טאָג איז אויפגעשטאַנען א כמורנער און פאַרשלאָפענער. וואַרימע, פייכטע כוואַליעכלעך האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט. דער פרימאָרגן איז, ווי אַ פאַרחלשטער, געלעגן איבער דער שטאָט און האָט זיך געהאַלטן אין איין רייבן די אויגן פון שלאָף. די זון איז געשטאַנען אַן איינגעהילטע, אין טויזנטער נעפּלען, און האָט איר פּנים דער וועלט ניט באַוויזן. אומ־באַשטימטס, דערוואַרטונג איז געהאַנגען אין חלל: „עפּעס דאַרף געשען, עפּעס דאַרף קומען". די מענטשן האָבן זיך לאַנגזאַם באַוועגט איבער די גאַסן, שווייגנדיקע און אַריינגעטועטע אין זיך. געוועזן קאַרג אויף אַ וואָרט. די אויטאָמאָבילן האָבן, ווי האַלב־דרעמלענדיקע, זיך רואיק געשלייכט איבער די וועגן: „נישטאָ צו וואָס זיך צו איילן, לאָמיר אויסוואַרטן".

שמחה בערזאָן איז געזעסן אַליין ביי אַ טישל פון אַ קאַפע־הויז. די ליפּן פאַרשלאָסן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן אַ פויסט, און די אויגן ביים פענצטער, האָבן דורכגעשניטן דעם גרויען אינדרויסן.

פאַר די פאָר וואָכן, וואָס ער דרייט זיך דאָ אַרום, אין דעם

קאָך פון דער שטאָט, געפינט ער בשום אופן ניט דאָס בוענאָס-איירעס פון אַמאָל.

די הייזער זיינען אויסגעוואַקסן, די גאַסן האָבן זיך ווייט און ברייט צעשפּרייט אויף אַלע זייטן. מען זעט ניט מער די פאַרוואונ-דערטע, פאַרחדושטע, פרעמדע פּנימער, מיט אויגן פאַרבענקטע צו ווייטע מרחקים.

עס גלאַנצן ניט, אַנטקעגן דער זון דער פלאַמיקער, די פיל-פאַרביקע קראַוואַטן, אין די הענט פון זייערע פאַרקויפער און נישט די העל-געשטרייפטע פּיזשאַמע-רעקלעך, אין וועלכע זיי גייען אָנגעטאָן.

די גאַסן-הענדלער פון דעמאָלסט, זיינען שוין היינט פאַרקריאָ-זשירט (קריאָזשאָ — איינגעבוירענער) און דרייען סאָליד דעם רודער פון אַ פּאַקאַרד, אָדער אַ שעוראָלעט.

ביים קאַפע-הויז האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ מילך-פירער. דאָס האָט בערזאָנען דערמאָנט אָן דעם בוענאָס-איירעס פון אַמאָל. דער זעלבער געשפּאַן, דאָס זעלבע פערד, פון בעלגישער ראַסע, און דער זעלבער הילוך פון דעם מילך-מאַן.

דורך דעם נעפּלדיקן פרימאָרגן, האָט זיך פאַר אים גענומען אויסשיילן דאָס בוענאָס-איירעס פון מיט דרייסיק יאָר צוריק ווי דאָס וואָלט נעכטן געווען.

אין דער שויב פון דעם קאַפע-פענצטער, האָט ער ניט געקענט זען, נישט זיין היינטיקע צעוואַקסנקייט, נישט זיינע האָר, וואָס די צייט האָט זיי אָפּגעווייסט.

ער דערמאָנט זיך איצט, אַז אויף דער דאָזיקער גאַס, וואו דער פענצטער פון קאַפע-הויז קומט אַרויס, אַז אויף דעם זעלבן טראָ-טואַר, וואָס ליגט דאָ לעבן פענצטער, איז ער דאַך הונדערטער און הונדערטער מאָל, מיט שיינדעלען געגאַנגען.

הייסן, הייסט עס, פאַר זיינע באַקאַנטע, אַז ער, בערזאָן, דער דערפאָלגרייכער אינזשיניער, פון בראַזיל, כאַפּט זיך דאָס אָפּט אַראָפּ קיין בוענאָס-איירעס, כדי צו לעבן אַ טאָג, אַ געניס טאָן פון דער גרויסער שטאָט, זיך אָנזעטיקן מיט אירע פאַרגעניגנס.

אינדערעמתן, ווייסט אָבער נאָר ער אַליין, אַז קומען זוכן אַהער, קומט ער, גאָר עפּעס אַנדערש, — אַז דאָס קומט ער זוכן זיינע יונגע

טריט און די האַפּערדיקע טריט פון שיינדעלעס דראַבנינקע, זיכערע פּיסעלעך.

בערזאָן האָט פאַרנאַנדערגעעפנט זיינע פאַרשלאָסענע ליפּן און האָט זיי אַ באַוועג געטאָן, ווי דאָס וואָלט געמאַכט אַ דורשטיקער, וואָס וואָלט זיך אָקאָרשט אָנגעטרונקען, מיט שטראָמיקן, קוואַליקן וואַסער און וואָס וויל ניט, אַז אפילו אַ טראָפּנדל פון דעם דאַזיקן טייערן געטראַנק זאָל גיין לאבוד.

דאָס האָט איצט, דורך דעם נעפּל פון דעם פרימאָרגן, אין דער שטיל-שווייגעניש פון זיין אַריינגעטאָענקייט אין זיך, אויפגעשטראַלט פאַר אים אַ בילד, ווי אַזוי זי, שיינדעלע, באַגלייט אים, אויף די דאַזיקע גאַסן, צו דער אַרבעט, אין אַ נאָך-מיטאָג.

די ריזיקע שטאָט פייערט איר טאָג מיט מעכטיקער ליכט. אַ נאָכגיביקע צעגייט זי זיך אין נחת און טובלט זיך, אונטער דער פאַרפלייצונג פון די זונען-שטראַלן.

בערזאָן איז אָנגעטאָן אין אַן אָרימן אַרבעטער-טראַכט, מיט „אַלפּאַרגאַטן" (אַזעלכע לאַפּטשעס) אויף די פיס. און שיינדעלע גייט, ביי זיין זייט, אַ צאַרטע און אַ ווייכע, אַ זיך טוליענדיקע צו זיין אָרים. זי פירט אים צו צום טראַמוויי, קושט אים אין שפּיץ פון אַ פינגער פון האַנט, הויבט אַנטשלאָסן אויף איר קרוינען-קעפּל, באַגיסט איר שמייכל, מיט אַ שטראַליקער ליכט פון אירע פולע אויגן, וואָס פאַרלירט זיך אפילו ניט, אונטער דער פלאַמיקער זון, און פאַרשווינדט.

באַוועגט ער אַזוי מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט געוואָלט טועם זיין, כאָטש נאָך אין טראָפּן פון דעם פריידיקן קוואַל, פון וועלכן שיינדעלע האָט אים אַמאָל געגעבן צו טרינקען פון פולע עמערס. און נאָכדעם גיסן זיי זיך אויס, זיינע ליפּן, אין אַ נעבעכדיקן שמייכעלע.

שמחה בערזאָן האָט צום סוף זיך דערמאָנט, אַז איינע אַזאַ באַגלייטונג איז געווען די לעצטע. אַז נאָך דער דאַזיקער לעצטער באַגלייטונג אַזעלכער, האָט ער, קומענדיק נאָך דער אַרבעט, צו זיך אין צימער, שיינדעלען ניט געפונען, נאָר אירס אַ צעטל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש.

„זוך מיר ניט שמחה" — איז דאָרט געשטאַנען, — „ווערסט מיר

ניט געפינען און טאָמער זוכסטו מיר אפילו אוים, ווערסטו מיר אויך ניט געפינען".

שמחה עסט זיך אויף, שוין צום טויזנטסטן מאָל, ווידער, אַ לעבעדיקער, פאַרוואָס ער האָט דאָן, אין דער בלינדקייט פון זיין ליבע און גליק, נישט געקענט באַמערקן, ווי אַזוי זי, שיינדעלע, האָט זיך אין דער שטיל, אין זיך, אַזוי געפּייניקט.

שיינדעלע, וואָס איז געקומען פון טאָל, פון דער אָרימקייט, און איז פון דאָרטן אַרויסגעקומען אַ ריינע און געלייטערטע פון אַלע לעבנס-נסיונות, האָט אַנקוקנדיק, יעדן טאָג, שמחהן, אַ גליקלעכן און אַ צופרידענעם, דאָך טיף געליטן. זי האָט געשפּירט, ווי זי וואָלט שמחהס פליגלען אָפּגעסמאַליעט. זי האָט זיך געפילט, ווי אַ מענטש, וואָס זעגט אונטער אַ בוים, אינמיטן וואַקסן, ווי איינער, וואָס פליקט אָפּ אַ פלאַנץ, אַ בלום אינמיטן בליען.

אַז שמחה פלעגט זיך אומקערן אַ מידער פון דער שווערער אַרבעט, אין זיין אָרימען הילוך, פון וועלכן עס האָט זיך נאָך גע-שפּירט דער ריח פון טויטע פעל, האָט זי אים דאָן געזען מיט צען קעפּ נידעריקער, ווי זי האָט אים דערקענט. און האָט זיך געפילט שולדיק. זי האָט געוואוסט, אַז שמחה איז פעאיק צו פליען גאָר הויך, ווען ער איז פריי, ווען ער האָט ניט קיין אונטערגעהאַקטע פליגלען, און זי איז אַוועק.

*

*   *

אַ ברוסטיקער פרויען-געלעכטער, אַ לאַכן, וואָס קוילערט זיך דירעקט פון האַרצן אַרוים און פאַרטשעפּעט זיך ניט אין האַלדז, נישט אין נאָז, האָבן בערזאָנען פון זיינע טיפע מחשבות גענומען וועקן. לכתחלה האָט זיך דאָס געלעכטער צו אים דערטראָגן, ווי אַן עכאָ פון דער וויטן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ חלום פון לאַנגן אַמאָל, נאָר אַז דאָס געלעכטער האָט זיך איבערגעחזרט, האָט זיך בערזאָן אַ דריי אוים געטאָן און זיינע בליקן האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט אַ פּאָר אויגן פון אַ מיטל יעריקער פרוי, וואָס האָבן אים אויס-געזען צו זיין באַקאַנט.

בערזאָן האָט פאַרנאַנדערגעעפנט ברייט זיינע אויגן. ער האָט זיי אָפּגעקערט פון דעם פענצטער, וואו ער האָט אַזוי לאַנג און

דורכדרינגענדיק געקוקט די גאַנצע צייט און זיי אויסגעקערט צום קאַפּע־האָל, וואָס האָט זיך פאַר דער צייט אָנגעפילט מיט באַזוכער.

ביים טישל, וואו עס איז געזעסן די דאַמע, וועמענס געלעכטער עס האָט אויפגעוועקט שמחהן, איז געזעסן אַ יונגער מענטש, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין איר זון. דאָס האָט די פרוי אָנגעקוואָלן פון זיינע טרעפּלעכע באַמערקונגען, וועגן דער נייער שטאָט בוענאָס־איירעס, וואָס ער זעט צום ערשטן מאָל און וועגן אירע פירונגען און זי האָט אַ גליקלעכע געלאַכט.

שמחה האָט זיך נאָכאַמאָל צוגעהערט צו דעם באַקאַנטן גע־לעכטער און האָט אויפגעכאַפּט דעם באַזונדערן פייערל פון די אויגן, וואָס האָט באַלויכטן דאָס שמייכלענדיקע פּנים פון דער פרוי און האָט אַ ליכטיקן בליץ געטאָן אין דעם טונעקלן קאַפּע־הויז.

שמחה האָט נאָך איין מאָל אין זיין לעבן דערזען דאָס ליכט, וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן ארומגעזוכט איבער דער וועלט.

.1956

אַ רואיקער חולה

די „הישפּאַנקע" (אַזאַ מין חולאת)
האָט זיך, שפּעט זומער, אַריינגעכאַפּט אין לערער-אינטערנאַט און
אַוועקגעלייגט די אינטערנירטע, איינעם נאָך דעם אַנדערן, אין די
בעטן אַריין און נאָכדעם זיי אַריבערגעפירט אין שפּיטאָל.

דוד מירקין, אַ יונג מיט ביינער, אַ פעסט-געבויטער, מיט אַ
ליכטיקער, ווילדער טשופּרינע, האָט זיך איר אַזוי לייכט ניט אונטער-
געגעבן, האָט טראַציק זיך אויסגעלאַכט פון איר, זיך געוויצלט אי-
בער דער „הישפּאַנקע", אַז אים וועט זי ניט אַוועקלייגן.

אָבער צום סוף, האָט אויך ער, — ווי כדי צו צאָלן אַ צינז דער
סאָלידאַריטעט צו די איבעריקע חברים זיינע, — זיך אַריבערגע-
פּעקלט, אין איינעם אַ נאָכמיטאָג, אין שפּיטאָל אַריין, אויף דער
שטרענגער פאַראָרדענונג פון דעם אינטערנאַט-דאָקטער.

געקומען אין שפּיטאָל איז ער אויף די אייגענע פיס.

די סאַלע, וואו זיין בעט איז געשטאַנען, איז געלעגן אַ פאַר-
פלייצטע פון ליכט און אַן איינגעטונקענע אין גרינס און האָט אים
היימלעך אויפגענומען.

דעם גאַנצן טאָג האָט דוד זיך געהאַלטן אויף די פיס און האָט
אַרומגעשפּאַצירט פון איין בעטל צום צווייטן.

ער איז נאָר געבליבן אין בעט, ווען דער דיזשורנער דאָקטער
האָט רעווידירט די קראַנקן-סאַלע, אָדער, ווען די נייע, שיינע, יונגע
קראַנקן-שוועסטער האָט דאָרטן געמאַכט אירע באַזוכן.

אַז די יונגע קראַנקן־שוועסטער פלעגט אַריינשוועבן אין דער סאַלע אַריין, האָבן זיך צענדליקער אויגן פון די חולאים אָנגעהאַנגען אָן איר וועזן, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט אָנזויגן פון דאָרטן מיט שטיקער לעבן, ליכט, לוסט און זיסקייט, וואָס זי ברענגט מיט זיך פון הינטער די ווענט פון שפּיטאָל.

ביי דוד מירקינס בעט, פלעגט זי זיך לענגער פאַרהאַלטן. זי פלעגט פּרואוון, מיט אירע צאַרטע פינגער, צו אויסדרעסירן זיין ווילדע טשופּרינע און מיט אירע אויגן פלעגט זי אים אויסגלעטן דעם גאַנצן קערפּער.

ביים אַוועקגיין פלעגט זי אים שענקען אַ שמייכעלע פון אירע זיסע ליפּן, וואו עס זיינען געלעגן באַהאַלטן אַלע דופטן און זאַפטן פון די בלומען פון דער גאַנצער וועלט.

דאָס וואָס די „הישפּאַנקע" האָט ניט געקענט אויפטאָן, אויסער די ווענט פון שפּיטאָל, האָט זיך איר איינגעגעבן אין שפּיטאָל גופא. זי האָט זיך דאָרטן פעסט אַ נעם געטאָן צו דודן, צום צווייטן מאָל, און אים אַוועקגעלייגט אַ צוגעשמידטן צום בעט.

— רעצידיוו — האָבן די דאָקטוירים אויף זייער לשון, דאָס אומקערן זיך פון דער קראַנקייט, אָנגערופן — און דער רעצי־דיוו — האָבן זיי געגעבן צו פאַרשטיין — איז תמיד געפערלעכער, ווי דאָס ערשטע מאָל, ווען די קראַנקייט ברעכט אויס.

פאַר די עטלעכע טעג, וואָס דוד האָט זיך געראַנגלט מיט זיינע יונגע כחות, קעגן דעם טויט, וואָס האָט אויף אים געלויערט, איז די יונגע קראַנקן־שוועסטער אַרומגעגאַנגען, אַן ערנסטע, אַן אַריינ־געטועטע אין זיך. אירע תמיד אָפענע אויגן, האָבן איצט געקוקט, ווי צו זיך, אינעווייניק אַריין. זי איז געווען אַזוי איבערגענומען מיט דודס קרענק, ווי ער וואָלט איר אַ ברודער געווען, און איז פון אים נישט אָפּגעטראָטן.

*

* *

ווען דוד איז שוין געלעגן אַן אויסגעלייטערטער פון דער פייער־דיקער היץ, וואָס האָט שיעור נישט פאַרברענט זיין גוף, און זיינע קלאָרע אויגן האָבן געקוקט ווייט און פאַרטראַכט, האָט אים דער דאָקטער פריינטלעך אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע:

— יאָ, מיין טייערער, האָסט צו טייער געקענט באַצאָלן פאַר דיין פאַרברענגען מיט דער שיינער קראַנקן־שוועסטער, גאַנצע נעכט, אין דער „בעסעדקע״ (ביידל) פון גאָרטן... פאַרגעסן, אַז די נעכט זיינען שוין פייכטע, אַנהויב האַרבסטיקע און דו... מיט דער „היש־פאַנקע״... און דער קראַנקן־שוועסטער... אַ ביסל צו פיל... האָסט שיעור ניט באַצאָלט מיטן לעבן.

נו, ליבינקער, זיי פאָרזיכטיק, ווייל דיינע שפּיץ־לונגען זיינען אַ ביסל אָנגערירט. און טאָמער רופט זיך דיר ווען עס איז אָפּ די קראַנקייט, זאָלסטו זיך דערמאָנען אָן דער שיינער קראַנקן־שוועס־טער... וועט לייכטער ווערן...

*

*   *

צענדליקער יאָרן זיינען זינט דאַן פאַרלאָפן, און אונטער די אָנגעבערגלטע געשעענישן, וואָס די שטורימדיקע צייט האָט אָנגע־וויִעט אויף דודס לעבן, איז אונטן, טיף געבליבן ליגן דער אָנדענק פון יענער, שיינער קראַנקן־שוועסטער, כמעט ניט אַרויסצוזען, כמעט פאַרגעסן.

*

*   *

אַז דוד איז צום ערשטן מאָל איינגעפאַלן אויף אַ שטאַרקער פאַרקילונג, האָט אים דער דאָקטער אויפגעקלערט, אַז דאָס איז אַ בראָנכיטיס, אַז די שפּיץ־לונגען זיינען ביי אים אָנגערירט, און אַז דאָס קען לייכט פאַרוואַנדלט ווערן ביי אים אין אַ כראָנישער קראַנקייט.

פון דעמאָלט אָן פאַלט דוד אָפט איין אויף דער דאָזיקער קראַנ־קייט. די עטלעכע טעג, וואָס די קראַנקייט דויערט ביי אים, ליגט ער אַ רואיקער, אָן אַריינגעטועטער אין זיך. ער דאָקוטשעט קיינעם ניט. ער פאַרגעסט זיך אָן זיין עלטער, אָן זיין שטאַנד, אָן דער משפּחה, וואָס רינגלט אים אַרום, אָן אַלץ און אַלעמען, גלייך ווי ער וואָלט ניט געווען דאָס וואָס ער איז, און טראָגט זיך אַריבער צום אַמאָל, צו זיינע יונגע זיבעצן יאָר.

ער געפינט זיך אין דעם שפּיטאָל פון דער שטאָט ק., וואו ער

שטודירט, און זיינע אויגן זיינען געווענדעט צו דער טיר, דורך וועלכער עס דאַרף אַריינשוועבן די קראַנקן-שוועסטער. ער שפּירט אירע צאַרטע פינגער צווישן זיינע קרויזן, אירע אויגן גלעטן זיין לייב און פון די ליפּן אירע גיסט זיך די זיסקייט, דער זאַפט פון אַלע בלומען און בליטן פון דער גאַרער וועלט און ער קאַרטשעט זיך פון תענוג.

אַנומלט, ווען דוד איז איינגעפאַלן אויף זיין קרענק, זיינען אים געקומען מבקר-חולה זיין, זיינע גוטע פריינט.

שמועסנדיק אַזוי, איז מען אַרויפגעקומען אויף דער טעמע: חולאים. מען האָט גערעדט, אַז עס זיינען דאָ פאַרשיידענע סאָרטן קראַנקע. אַ טייל ליגן איינגעלייגט, ווי די קאַטינקעס, און פון אַנדערע איז נישט אויסצוהאַלטן. זיי זיינען קאַפּריזנע און דאַקוטשען די גאַנצע וועלט, ווי יעדער איינער וואָלט זיי עפּעס שולדיק געווען, ווי יעדערער וואָלט געזונט געווען אויף זייער חשבון.

דער פילאָזאָף צווישן זיי, וואָס האָט געהאַט אַ טבע אַלץ מסביר צו זיין, על פּי שכל און על פּי לאָגיק, האָט אויך דאָס מאָל געעפנט דעם קוואַל פון זיינע געדאַנקען און זיך אַזוי אָפּגערופן:

— וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט? עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מענטשן אויף דער וועלט. אַנדערע גייען שטיל זייער וועג אין לעבן. זיי טרעטן די ערד פון אויבן אויף, מחמת מורא, אימיצן נישט צו צעטרעטן. עס זיינען ווידער פאַראַן מענטשן, וואָס אַז זיי גייען אין לעבן, מאַכן זיי אַן אַ רעש, אַ טומל מיט זייערע טריט, וואָס שרייען: מאַכט אַ וואַרע! איך גיי! טרעט אָפּ דעם וועג, איך קום! און אַז מען וויל טרעטן אויף דער ערד — טענהן זיי — מוז מען אויך צעטרעטן...

— איז וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט — האָט ער איבערגעזורט, — חולאים זיינען אויך מענטשן. די רואיקע חולאים, די שטילע קאַטינקעס, געהערן דאָס צו דעם ערשטן סאָרט מענטשן, און די וואָס דאַקוטשען די אַרומיקע, די וואָס קאַפּריזעווען, געהערן צום צווייטן סאָרט.

— דאָס מאָל בין איך מיט אייך ניט מסכים, מיין טייערער, — האָט זיך אָפּגערופן די פרוי פון חולה, — ווייל וואָס עס איז שייך מיין דודן, געהערט ער שוין גאָרניט צו דער ערשטער קאַטעגאָריע,

וואָס גייען אַזוי שטיל איבער דער ערד. געזונטערהייט געהערט ער שוין דווקא נישט צו די שטילינקע. ער פֿאָדערט תמיד זיין חלק אין לעבן מיט אַ פולן מויל און מיט אַ פעסטער האַנט, אָבער ווערט ער קראַנק, איז ער איינער פון די שטילסטע חולאים, וואָס איר קענט טרעפן אויף דער וועלט. אַז ער ווערט שלאַף, הערט איר פון אים קיין פּאַרע ניט. ער ליגט זיך איבער שטיל, די עטלעכע טעג, וואָס ער איז קראַנק, ווי קיין חולה וואָלט אין שטוב ניט געווען.

— זעט איר שוין, מיין פריינט, ווי איר זיינט ניט גערעכט, ווי אייער טעאָריע איז אַ פאַלשע.

נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעענטפערט דעם „פילאָזאָף”, האָט זי זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט, איז צוגעגאַנגען צו דודן, האָט אים, מיט אירע ביינערדיקע פינגער, פאַרגלעט, אויף אָרויף, זיינע האָר, וואו עס איז מאָל געווען, אַ ווילד־פאַרפּלאָנטערטע, ליכטיקע טשופּרינגע, און היינט זיינען זיי געלעגן, ווייכע און אונטערגעגעבענע, און צוגעדעקט זיין ברוסט, וואָס האָט ערטערווייז זילבערדיק גע־גלאַנצט...

דודס פּנים האָט זיך יינגליש געררויטלט. זיינע אויגן האָבן זיך בליציק צעצונדן און האָבן געפינקלט מיט אַ פּאָר בריליאַנטענע טראָפּנס, וואָס האָבן זיך קוים געהאַלטן אין די ווינקלען.

.1956

אַנטזאָגט מיר ניט

די ערשטע צייט, נאָך דעם טויט פון כאַשקעס מאַן, זיינען נאָך געקומען צו איר, כמעט יעדן טאָג, אירע קרובים, אירע נאָענטע פריינט. זיי האָבן איר ניט פאַרלאָזן.

„מען טאָר איר ניט לאָזן אַליין" — האָבן זיי צווישן זיך גע־רעדט. — „די מויד קען פון זינען אַראָפּ, זי קען זיך נאָך אַ מעשה אָנטאָן".

זיי האָבן נאָך איר אַלץ גערופן „מויד", ווייל זי האָט ערשט ניט לאַנג געהאַט פאַרהייראַט פאַר וועלוולען.

מיט יעדן טאָג אָבער, וואָס האָט זיך פאַרקייקלט אין דער פאַר־גאַנגענהייט, זיינען די באַזוכער ביי כאַשקען געוואָרן אַלץ ווייניקער.

די יאָרן גייען און קומען און די וואָס קומען אָן זיינען אַלע מאָל שווערערע פון די אַוועקגעגאַנגענע. יעדערער שלעפּט קוים זיין איי־גענעם „פּעקל". און צעוואָרפן איז מען איבער לענג און ברייט פון דער שטאָט, האָט מען אָן כאַשקען אינגאַנצן פאַרגעסן.

זיצט זי אַפּ, כאַשקע, גאַנצע טעג אַליין, ביי דער אַרבעט אירער, ביי די וועש, וואָס זי נעמט אַרויס פון דער פאַבריק, און נייט.

און אַ טיר זאָל זיך דאָס עפענען!

זי זיצט און שטעפּט גיך, גיך. זי וויל, אַז דאָס קלאַפּן פון דער מאַשין זאָל פאַרטויבן די ביטערע געדאַנקען אירע.

ווען איר קומט אוים צו נייען מיט דער האַנט, מאַכט זי דאָס פאַוואָלינקע. זי האָט דווקא דאַן ליב איבערצוגיין איר לעבן און צו־זינגען דערביי אַ לידל, לויט דעם אינהאַלט נאָך, ביי וואָס זי האַלט.

איבער איר קאָפּ הענגט דאָס בילד פון וועלוולען, אין לעבעדיקע פאַרבן.

זיינע גרויסע, אָפענע אויגן שפּיזן אַדורך, אָפּטמאָל, איר רוקן, אַז זי מוז זיך אַ קער טאָן אויף אַהינטער. זי הערט בפירוש זיין שטימע: „עך כאַשקע, ניט געזאָרגט, עס וועלן נאָך קומען שיינע טעג אויף דער וועלט".

דאַן קומט איר פאַרן זכרון, איר באַקענען זיך מיט וועלוולען, אין אַן אַרבעטער־ביבליאָטעק, אין בוענאָס־איירעס.

וועלוול עפנט פאַר איר אַ נייע וועלט, וועלכע זי האָט ביז אַהער ניט געקאָנט, אַ וועלט אין וועלכער זי האָט נאָך ניט געלעבט. עפּעס איז זי גאָר אַ גאַנצע יחסנטע. אַרבעט איז גאָר אַ גרויסער כבוד. — אבי זי האָט זיך תמיד קליין געהאַלטן, אַנטקעגן די באַלעבאַטישע מיידלעך פון איר שטאָט. —

איצט האָט זיך פאַר איר די וועלט אויסגעשפּרייט. געוואָרן גרעסער, ברייטער. עפּעס געהערט זי צו אַ קלאַס, אַ גרויסן קלאַס פון אַרבעטער. און זיי אַלע — זי אַריינגערעכנט — דאַרפן דאָס ווערן די באַלעבאַטים פון דער וועלט.

זי זעט מחנות, גאַנצע מחנות פון אַרבעטער, וואָס מאַרשירן, שפּרייזן איבער די וועגן פון דער וועלט, מיט אויפגעהויבענע קעפּ און אויסגעשטרעקטע הענט, איינע אַנטקעגן די אַנדערע.

פלוצלינג זינגט זי זיך פאַרנאַנדער, „אָ, מיין גוטער פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן" און טרערן, הייסע טרערן פליסן איבער אירע יונגע באַקן, וואָס זיינען פאַרטריקנט געוואָרן פאַר דער צייט, מחמת עס פאַלט ניט אויף זיי דער טוי פון ליבשאַפט.

די איינציקע באַשעפעניש, וואָס דרייט זיך אַרום ביי כאַשקען אין שטוב, איר קאַץ, שפּרינגט דאַן אַרויף אויף איר שויס, טוליעט זיך צו איר ברוסט, ניורעט איר קעפּל, צווישן איר האַלדז און קין, דריקט זיך צו איר מיט איר וואַרימקייט און לאָזט אַרויס פון זיך אַ מיטפילנדיקן מיאַו.

כאַשקע שענקט איר דאַן אַ גלעט און לייגט צו איר באַק צו איר קעפּל.

אַמאָל, ווען פון פענצטער מיניעט אַ ליכטיקער אינדרויסן, רופט צו זיך און אַ וואַרימע, ליכטיקע זון וואַרפט אַ שטראַל, וואָס פאַר־

גנבעט זיך צום יונגן לייב פון כאַשקען און וועקט אין איר די פאַר־שלאָפענע פרייד, צעזינגט זי זיך דאַן מיט אַ פריילעכס. און די קאַץ, וואָס האָט זיך פריער געריבן אַרום אירע פיס, גיט פלוצלינג אַ האָס־טיקן שפרונג אַרויף אויפן ביישטידל פון פענצטער, ציט זיך דאָרטן אוים אין איר גאַנצער לענג, כאַפּט אַ גנבישן קוק, דורך אַן אָפענעם שפעלטעלע פון איין אויג אויף איר באַלעבאָסטע און לאָזט אַרויס אַ קנאהדיקן זיפצעלע.

*

* *

לעצטנס קומט אַריין אַ יונגערמאַן צו כאַשקען אין שטוב.

דער יונגערמאַן איז ניט לאַנג אין אַרגענטינע. פון דעם טויטס הענט האָט ער זיך אַרויסגעריסן. דעם טויטס הענט האָבן אפילו קיין סמן ניט איבערגעלאָזט אויף זיין לייב. אַ גאַנצער איז ער. אַ געזונטער. אַ גלוביקער. ער שטעלט צו כאַשקען רעשטן סחורה פאַר קליידער, אַמאָל פאַר אירטס וועגן, אַמאָל פאַר אַ קונד.

יעדעס מאָל ווען ער קומט אַריין צו כאַשקען, ווייזט ער איר אַ צוטרוילעכן שמייכל פון זיינע פולבלעכע, ראָזע ליפּן, וואָס ליגן באַהאַלטן אונטער אַ פּאָר גערדיכטע וואָנצעלעך און זיינע גלוביקע, גוטע אויגן באַלויכטן איר צימער.

„כאשע‟, זאָגט ער תמיד צו איר, „ניט געזאָרגט, כאשע, עס וועט זיין גוט. גאָט וועט העלפן‟.

זי האָט שוין לאַנג ניט געהערט, מען זאָל אַזוי ריידן צו איר און פון זיינע רייד, פון דעם גלויבן, וואָס לייכט זיך אַדורך פון זיינע אויגן, ווערט איר אַזוי וואַרים, אַז זי ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך און פאַרלירט דעם לשון.

און כאשקעס קאַץ, ווי זי דערזעט נאָר דעם יונגערמאַן, הערט זי זיך אויף צו רייבן אַרום כאַשקעס פיס און לויפט צום פענצטער און צעמיאוקעט זיך מיט איר קנאהדיקן זיפצעלע.

*

* *

עס איז פרייטיק פאַרנאַכט. דער יונגערמאַן האָט פּינקטלעך געבראַכט כאַשקען, אַ באַשטעלונג, וואָס זי האָט דווקא געמוזט האָבן פאַר דעם דאָזיקן טאָג.

די זון שטייט אין פענצטער. זי וויל ניט אוועקגיין. עס איז איר שווער זיך צו געזעגענען מיטן טאָג און מיט די מענטשן, אויף וועמען זי וואַרפט מיט חסד איר ליכט.

די קאַץ ליגט אויפן פענצטער, נעמט זיך אָן מיט וואַרימקייט און ציט זיך פון פוילקייט.

כאַשקע הערט היינט מער ווי תמיד פון דעם יונגערמאַן: „ער, כאַשע, ניט געזאָרגט, עס וועט נאָך גוט זיין, גאָט וועט העלפן".

די לעצטע שטראַלן פון דער זון לעשן זיך. אין טונקלקייט הילן זיך די שויבן פון די פענצטער. אַ שטיק הימל ווערט באַגאָסן מיט בלוט. דער יונגערמאַן הויבט זיך אויף צום אוועקגיין. ער דערנענטערט זיך צו כאַשקען און מיט ווייכקייט אין קול זאָגט ער צו איר: „כאַשע, איך וויל אייך עפּעס בעטן. אָבער זאָגט מיר צו, איך בעט אייך, אַז איר וועט מיר ניט אָנטזאָגן".

ביי כאַשען צאַפּלט דאָס האַרץ פון אויפרעקונג. די באַקן גלאַנצן מיט פאַררויטלטקייט פון דער טונקלקייט אַרויס. זי זאָגט קוים אַרויס:

— אָבער ווי קען איך אייך עפּעס צוזאָגן, אַז איך ווייס ניט וועגן וואָס דאָ גייט.

— איך בעט אייך, כאַשע, טייערע, טוט מיר די געפעליקייט, גייט ניט מאָרגן, שבת, דאָס קלייד. איך בעט אייך. —

דער יונגערמאַן איז אוועק. כאַשקע איז צוגעפאַלן צו דער מאַשין און אָנשפּאַרנדיק זיך אָן איר אייזערנעם, קאַלטן קאָפּ, האָט זי זיך אָן אויפגעטרייסלטע, יאָמערלעך צעוויינט.

די קאַץ האָט זיך געריבן אַרום אירע פיס, אַריינגעשפּרונגען צו כאַשקען אין שויס אַריין און אויף איר פעל, האָט זי אַ וואַרימע נאַסקייט דערשפּירט.

זי האָט זיך מיט מיטגעפיל צעמיאוקעט. און איר טרויעריקער מיאו האָט זיך צעטראָגן אין דער טונקלקייט פון דער אָנקומענדיקער נאַכט.

.1958

זאַלבעפערט זיינען
זיי געזעסן

הערשל ברעסלער האָט אַ גאַנצן לעבן געחלומט וועגן איר, וועגן ראַשלען, געחלומט וועגן איר אין די נעכט און געטרוימט אין די טעג, אויף דער וואָר.

הערשל האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט, קינדער צו דער חופּה געפירט און דאָס ווייב צו דער קבורה. ער האָט שוין אַ צווייטן מאָל חתונה געהאַט און אָן ראַשלען קען ער אַלץ ניט פאַרגעסן.

אין אַ רגע פון דער גרעסטער פרייד אין זיין לעבן, צי אין אַ שעה פון טרויער, ווען אַן אומגליק טרעפט אים, אָדער גאָר, ווען ער בלייבט שטיין אַמאָל אַליין אַ פאַרפלאָנטערטער, אַ פאַרווירטער, אין מיטן גאַנג פון זיין לעבן, — טויכט אויף פאַר אים זי, ראַשקע, אין איר גאַנצער געשטאַלט און עס פאַלט אויף אים דער שיין פון אירע צעשמייכלטע אויגן, וואָס גליען אויף אים, אָט אָפּשפּאָטעריש און אָט גאָר אַזוי צוזאָגנדיק און ליב, ווי נאָר זי קען עס און אין זיין האַרצן דערשפּירט ער עפּעס אַזאַ מין זיסן שטאָך, — אין זיין

הארצן, וואו זי האָט איבערגעלאָזן אַ פאַרעלטערטע, אומהיילבאַרע וואונד.

און מאָדנע. אַט־אַ דער בליק אירער, וואָס ער רופט אַרויס אויף זיך, מיטן שטאָך אין הארצן, — דערוועקט גאָר אין אים אַ וועלט מיט מוט און נייע כחות שטויסן אים טאָנצנדיק צום לעבן, וואָס ליכטיקט פאַר אים און זאָגט אים אַזוי פיל צו.

און הגם זי האָט אים אַמאָל אַזוי שווער געטראָפן, — זי האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך, געלאָזט שטיין אינמיטן דערינגען, אַ פּאָר טעג פאַר זייער צוזאַמען גיין זיך, און איז אַוועק מיט אַן אַנדערן, אין וועלכן זי האָט זיך פאַרליבט אין איין טאָג, — האָט ער דאָך קיינמאָל איר געשטאַלט אין זיינע אויגן ניט פאַרמיאוסט. ער איז גליקלעך געווען מיט דעם, וואָס ער האָט איר אַמאָל אָפּגעפונען אין זיין לעבן און וואָס ער האָט דעם כח אַרויסצורופן איר געשטאַלט — פון אונטער די פיל יאָרן, וואָס האָבן זיך אָנגעבערגלט אויף זיין הארץ, — און מיט דעם שיין פון אירע שמייכלענדיקע אויגן, וואָס פאַלט אויף אים.

*

* *

יאָרן! יאָרן! יאָרן! וויפל יאָרן זיינען שוין פאַרפלאָסן, זינט דאָן, ווען הערשל האָט פאַרלאָזן זיין געבורט־אָרט, פאַר ווייטיק און פאַר חרפה, וואָס ראשקע האָט אים אָנגעטאָן?! יאָרן פון בלוט און פון צאָרן! און דאָך קען ער אַלץ אָן איר ניט פאַרגעסן.

פאַר דער צייט איז אַ שטיק פון זיין שטאָם פאַרשניטן געוואָרן. שטיקער לייב האָט דער שונא פון זיין פאָלק און פון זיין אייגענער משפחה געריסן. זיין שטעטל איז חרוב געוואָרן.

נאָר זי, ראשקע, לעבט. זי לעבט! זי מוז לעבן. אַזוי באַגערט ער. ער מוז איר זען, כאָטש איינמאָל אין זיין לעבן. אין גאַנג פון דער מלחמה, האָט ער פריער פון אַלץ און אַלעמען, געטראַכט וועגן דעם גורל פון ראשקען.

און אַזוי איז טאַקע געווען. ראשקע האָט אַרויסגעטויכט פון אונטער די אַשיקע בערג, פון די בלוטיקע כוואַליעס — אַ גאַנצע און אַ לעבעדיקע.

הערשל האָט אין איינעם אַ טאָג — פינף יאָר נאָך דער מלח־מה — זיך דערוואוסט, אַז ראַשל, צוזאַמען מיט איר מאַן געפינען זיך אין ניו־יאָרק.

*

* *

זאַלבעפערט זיינען זיי געזעסן, ביי הערשלען, אין זיין פיין־איינגע־אָרדנטער היים. הערשל איז געזעסן אַנטקעגן ראַשלען און ראַשלס מאַן אַנטקעגן הערשלס ווייב.

ראַשל האָט געזוכט אין דעם, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן איר, דעם אַמאָליקן הערשלען און האָט אים בשום אופן ניט געקענט געפינען.

זיין לולב־בייגעוודיקער קערפער, אויף וועלכן מען האָט געקענט איבערציילן יעדער ריפ, איז קיילעכדיק צעגאָסן געוואָרן און זיין בויך האָט זיך שפיציק־גאוהדיק פאָרריסן. זיין קאָפ, וואָס איז אַמאָל געווען באַצירט, מיט געדיכטע, שוואַרצע קרויזן, האָט זיך אויסגע־רונדיקט אין אַ גלאַנציקן קירבעס, אויף וועלכן עס האָבן זיך גע־פערלט טראָפנס שווייס. פון הינטן און ביי די פאות, איז זיין קאָפ געווען אַרומגענומען, מיט סטאַטעטשנע, גרויע האָר.

נאָר זיינע אויגן האָבן אויף איר געקוקט, בעטנדיק, מיט דעם זעלבן אומעט, וואָס אַמאָל און פון צייט צו צייט האָבן זיי אַ צוק געטאָן מיט אַ ברעם, וואָס האָט אויפגעוועקט איר זכרון.

הערשל האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון ראַשלען. איר קאָפּ איז געווען באַשאָטן מיט אַ ווייסן שנייעלע, ווי דער קרוין פון אַ בוים, וואָס שטייט אינמיטן וואַלד, אָנהויב ווינטער, אונטער דער שיין פון אַן אָפּגעקילטער זון.

אירע אויגן האָבן נאָך אַ טליע געטאָן פון צייט צו צייט און געוואָרפן פון זיך אַן אָפשיין. הערשל איז געווען פאַרטאָן אין זוכן אין זיי דאָס שפּאַטישע, דאָס צוזאָגנדיקע. און דאַן איז ער איבער־געריסן געוואָרן דורך זיין ווייב:

— הערשל, סערוויר דעם טיי — דאָס איז זיין ספּעציאַליטעט.

הערשל האָט זיך גענומען צו זיין אַרבעט און היינטערוויילעכטס אַלץ געזוכט זיך צו טרעפן מיט ראַשעס בליק און דערביי הילפלאָז־רחמנותדיק געשמייכלט.

ראַשל האָט לעבהאַפט געשמועסט און איר מאַן האָט אין איר שטימע דערהערט די יוגנטלעכע פרישקייט.

הערשלס ווייב האָט געוואָרפן אַ בליק אויף ראַשלען, אַריבער־געפירט די אויגן אויף איר מאַן און דערביי געטראַכט: פּס! וואָס האָט ער דאָרט אין איר אַזוינס געפונען, דער אַלטער נאַר, וואָס ער האָט איר נאָמען קיינמאָל פון מויל ניט אַרויסגעלאָזן?! אַ קנאַפּע מציאָה!

ראַשלס מאַן האָט פילאָזאָפיש געטרונקען זיין טיי מיט קליי־נינקע זופּעלעך. פּלוצלינג האָט ער אַרויסגעהויבן זיינע אויגן פון גלאָז אַרויס, זיי געפירט איבער אַלעמען דריי, וואָס זיינען געזעסן אין צימער, זיי גוט באַטראַכט און איבערגעריסן די שטילקייט:

— אוי־וואַ, אוי־וואַ, וואָס די צייט קען דאָס אַלץ מאַכן! דוכט זיך נעכטן איז דאָס געווען. דוכט זיך נעכטן...

1958.

צוריק צו איר
איינזאַמקייט

איסאַק און ניוטא האָבן זיך געקענט פון זייער פריסטער יוגנט אָן. אויך זייערע עלטערן האָבן זיך אַזוי געקענט.

פאַר זייער צעשיידן זיך, האָבן זיי ביידע געלערנט אין דער זעלבער שטאָט, אין דעם זעלבן אוניווערזיטעט און אפילו געוואוינט אונטער איין דאַך, אין דעם זעלבן פענסיאָנאַט.

האָבן זיי זיך ליב געהאַט?

זיי האָבן דאָס ניט געוואוסט.

זיי האָבן זיך מער אַרומגעריסן ווי געקושט.

די באַציאונגען צווישן זיי, איז גיכער געווען אַ פאַמיליערע, ווי זיי וואָלטן ביידע געהערט צו איין און דער זעלבער משפחה.

זי, ניוטא, הגם אין די זעלבע יאָרן, וואָס ער, איסאַק, — איז געווען אַ סך געזעצטער פון אים.

יעדעס מאָל, ווען ער האָט אויסגעלייגט פאַר איר זיינע פלענער, זיינע „אידעען", פלעגט ער מיט פאַרדרוס הערן פון איר: „בינסט אַ יינגל, אַ פאַנטאַזיאָר".

זייער זיין תמיד צוזאַמען, איז פאַר זיי פאַרגעקומען, ווי אַ נאַטירלעכע זאַך. זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז עס קען גאָר אַנדערש געמאָלט זיין.

ערשט, ווען ניוטא האָט דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון אירע עלטערן, זי זאָל גלייך קומען אַהיים, ווייל עס זיינען אָנגעקומען די פאַפירן פאַר דער גאַנצער פאַמיליע צו פאָרן אין אַמעריקע, ערשט דאַן האָט זיך איסאַק געגעבן רעכענונג, וואָס ניוטא מיינט פאַר אים. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ צעשויבערטער. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום ניוטאַן און געהאַלטן אין איין צערטלעך-ציטערנדיקן אַריינטענהן אין איר: „פאָרסט טאַקע אַוועק, ניוטאַטשקע? און מיך? מיך לאָזטו דאָ איבער? איך וויל אויך פאָרן. נעם מיך מיט, ניוטאַטשקע". ער האָט געהאַלטן אין איין ניוטאַטשקען. ניוטאַטשקע אַהער און ניוטאַטשקע אַהין.

און זי, ניוטא, איז עפּעס אַרומגעגאַנגען, ווי אַ נעכטיקע און ווייך-וואַרים געהאַלטן אין איין זאָגן: „איסאַק, זיי ניט קיין יינגל, זיי ניט קיין פאַנטאַזיאָר".

ניוטא איז אַוועקגעפאָרן אין איר היים-שטאָט. און איסאַק? איסאַק האָט געהאַלטן אין איין פאַרפאַסן פייערדיקע פּאָעמעס. ער פלעגט זיי לייענען אויפן קול און זיי האָבן פאַרלייכטערט זיין ווייט. און בריוו, בריוו-פּאָעמעס האָט ער אויך יעדער טאָג געשריבן און זיי אָפּגעשיקט צו ניוטאַן.

ניוטא פלעגט זיינע בריוו לייענען און אַ מילדער, ווייכער שמייכל פלעגט זיך אויסלייגן אויף אירע פאַרבענקטע ליפּן. „טאַקע אַ פאַנטאַזיאָר, אַ יינגל" — פלעגט איר דורכלויפן אין מח, — „אָבער פאָרט אַ וואוילער יונג. ווי שיין ער דריקט עס אויס זיין בענקשאַפט! אפשר האָט ער טאַקע מיך ליב? אפשר איז דאָס טאַקע די ליבע?"

יעדער טאָג פון גאָט פלעגט קומען צו איר אַ בריוו און ווי אַ גוטער שליח, איר איבערגעבן דעם צאַפּל פון אַ וואַרים האַרץ, אַ צוזאָג. און געוועקט איר פון דער טיפעניש פון איר שלומער. יעדער טאָג, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט, פלעגט איר אַריינראַמען דעם זעלבן סוד: „טאַקע אַ פאַנטאַזיאָר, אָבער פאָרט אַ וואוילער יונג".

וואָס ווייטער ניוטא האָט זיך געפונען פון איסאַקן און וואָס מערער די טעג האָבן זיך אָפּגערוקט, — זיינען ווייניקער בריוו בעגאַנגען צו ניוטאַן.

אין די לעצטע בריוו האָט ער איר צופיל איבערגעחזרט איינע און די זעלבע פראַזע: „ניוטאָטשקע! ווען איך דערמאָן מיך נאָר אָן דיר, זע איך דאָן, וואָס איך האָב פאַרלאָרן אין מיין לעבן".

צום סוף האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט צו שרייבן.

*

* *

ניוטא זיצט ביי איר אַרבעט. אירע טיפע, שוואַרצע און גרויסע אויגן, איבער וועלכע עס הענגען אַראָפּ אַ פּאָר שווערע, לאַנגע ברעמען, וועלכע דעקן צו דעם פייער אין זיי, זיינען איינגעגראָבן אין דעם אַרבל פון אַ זיידן קלייד, וואָס זי דאַרף אַרויסענדיקן.

פונקט דאָן — אַזוי פּאַסירט עס מיט איר תמיד, ווען זי שטייט פאַר עפּעס אַ שוועריקייט — גנבענען זיך אַריין, צו איר אין האַרצן אַריין, אַלערליי געפילן און זיי וועקן איר זכרון. זי דערמאָנט זיך אירע יאָרן. די יאָרן פון אַ קורסיסטקע. זי דערמאָנט זיך אָן אירע חברטעס. און אָט שטייט פאַר איר איסאַק — אַ לעבעדיקער.

זי זעט אים אַזאַ, ווי ער האָט אויסגעזען דאָן, די לעצטע טעג פאַר איר אָוועקפאָרן, ווי ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום איר, ווי ער האָט אַ ציטערנדיק-צערטלעכער אין איר אַריינגעטענהט: „פאַרסטו טאַקע אַוועק, ניוטאָטשקע? און מיך, מיך לאָזטו איבער אַליין?"

זי גיט אַ הויב אַרויס איר קאָפּ פון דער אַרבעט, גיט אים אַ שטאַרקן טרייסל אויף אַהינטער, ווי זי וואָלט עפּעס וועלן אַראָפּטרייבן אָדער פאַרטרייבן פון אים און מיט אַ ווייסקייט גיט עס אַ שימער פון אירע צעשויבערטע, גלאַנצלאַזע האָר.

אַ באַדויערנדיקער שמייכל באַווייזט זיך אויף אירע ליפּן: „אַ פאַנטאַזיאָר, אָבער דאָך אַ וואוילער יונג".

באַלד גראָבט זי ווידער איין איר קאָפּ אין דער אַרבעט און נעמט זיך צו איר מיט מער פליים און קוראַזש.

אָבער דער קאָפּ אירער איז שוין מער ניט ביי דער אַרבעט. זי טראַכט ווידער, וואָס איז געוואָרן מיט אירע חברטעס. לעבט נאָך ווער פון זיי? און איסאַק? לעבט ער נאָך?

עס איז שוין צען יאָר, זינט די מלחמה האָט זיך געענדיקט. פון

די וואָס זיינען לעבן געבליבן, האָט מען זיך שוין דערוואוסט און זי האָט פון קיינעם גאָרניט געהערט.

פאַר דער מלחמה איז דערגאַנגען צו איר אַ ידיעה, אַז איסאַק האָט חתונה געהאַט און איז אַ דערפאָלגרייכער כימיקער אין זייער שטאָט. אָבער נאָכדעם איז געקומען די מלחמה. און איצט אַזוי פיל יאָרן נאָך דער מלחמה. ווער ווייס, וואָס פאַר אַ סוף ער האָט געהאַט, דער איסאַק?

ערשט איצט זעט זי אים פאַר נאָך אַ וואוילערן, ווי ער האָט אַמאָל אויסגעזען אין אירע אויגן.

זי הויבט ווידער אַרויס איר קאָפּ פון דער אַרבעט, הויבט אויף אירע לאַנגע ברעמען. עס עפענען זיך אירע טיפע, גרויסע אויגן, וואָס קוקן אַן איר אַרבעטס-פּלאַץ מיט פאַרוואונדערונג: — ווי קומט זי אַהער?

זי לייגט צו אירע הענט צו די אויגן. זי פאַרשטעלט זיי. זיי זאָלן ניט זען וואָס עס טוט זיך דאָרטן, פון וואַנען זי קומט איצט. זי וויל פאַרגעסן, פאַרגעסן. זי בויגט נאָכאַמאָל אַראָפּ איר קאָפּ צו איר אַרבעט, אָבער אַרויסענדיקן דאָס קלייד, הייַנט, קען זי שוין בשום אופן ניט.

ווען ניוטא איז אַהיים געקומען פון דער אַרבעט, האָט איר די אַלטע מאַמע, מיט ציטערנדיקע הענט, דערלאַנגט אַ פאַרחתמעטן בריוו:

— נאַ, מיין טאָכטער, הלואי זאָל דאָ זיין גוטע נייעס.

ניוטא עפנט דעם בריוו. ער פאַלט שיעור ניט אַרויס פון אירע הענט. די אותיות באַקאַנטע. זי וויל לייענען און קען ניט. איסאַקס געשטאַלט, זיין אויסזען פון אַמאָל, פאַרשטעלט איר די שריפט. זי באַרואיקט זיך. לייענט און גלויבט ניט אירע אויגן:

„טייערע ניוטא!

„אַמענדע האָב איך דיר אָפּגעפונען.

„צום סוף האָב איך דערגרייכט צו דיר מיט מיינע רייד.

„הער מיך אויס!

„דער גורל האָט מיר געשטראָפט מיט אייזערנע ריטער. און צעבראָכן מיין גוף און מיין נשמה.

„איך בין געבליבן אַליין. אַליין אויף דער וועלט.

„איך האָב פאַרלאָרן מיין ווייב, מיינע קינדער, מיינע אַלטע טאַטע־מאַמע, מיינע ברידער און שוועסטער.

„איך האָב קיינעם ניט. קיינעם ניט. נאָר דו בלייבסט מיר אויף דער גאַנצער וועלט.

„נאָר דו קענסט מיר ראַטעווען פון מיין עלנטקייט און אַליינ־קייט, גאַנץ מאַכן מיין לעבן.

„זע, ניוטאַטשקע, קער זיך ניט אָפּ פון מיר.

„דאָס לעבן האָט אונדז איינמאָל אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן און כדי צו קומען צוריק צו דיר, האָב איך געדאַרפט דורכמאַכן אַ לאַנגן, בלוטיקן וועג.

„נאָר עס איז כדאי געווען צו בלייבן לעבן, אבי דיר כאָטש נאָך איין מאָל צו זען, אבי דיר אָפּצוגעפינען.

„פאַרגעס ניט אָן מיר, אָן דיין פריינט,

איסאַק".

דאָס לייענען דעם בריוו האָט אָנגעפילט ניוטאַס האַרץ מיט וויי־טיק און איבערגעפילט אירע אויגן מיט טרערן.

נאָכן אָפּקילן זיך אַ ביסל פון דער שטאַרקער איבעררעשונג, איז ניוטאַן, ווי תמיד, געקומען אויפן געדאַנק: „אַ פאַנטאַזיאָר!"

אַ שפּיגל אין צימער האָט איר אַ פּנים געוויזן. דאָס איז געווען איר פּנים. דאָס פּנים איז איר ניט געפעלן געוואָרן.

זי האָט צו זיך אַליין געזאָגט: „ער וועט דאָ שענערע און יינגערע פון מיר געפינען".

פונדעסטוועגן, האָט זי, אויף מאָרגן, גלייך אָנגעהויבן צו מאַכן פּאַפּירן פאַר איסאַקן.

פון איטאַליע זיינען אַ גאַנץ יאָר געלאָפן היציקע בריוולעך פון איסאַקן צו איר און זי איז אַרומגעלאָפן דעם גאַנצן יאָר איבער די ביוראָען פון באָסטאָן, וועגן די פּאַפּירן פאַר איסאַקן.

*

* *

ניוטא איז געקומען קיין ניו־יאָרק מיט אַ פּאָר טעג פריער, איידער די שיף, וואָס האָט געפירט איסאַקן, האָט דאָרטן געדאַרפט

פאַראַנקערן. זי האָט שוין די לעצטע פּאָר טעג ניט געהאַט מער קיין געדולד צו וואַרטן. מיטן זיין אין ניו־יאָרק, האָט זי זיך געפילט עפּעס, ווי נאָענטער צו איסאַקן.

ניוטא איז געווען אומרואיק. איר האַרץ האָט געקלאַפּט מיט אומגעדולד. זי איז באַהערשט געוואָרן פון אַ מאָדנעם נייגיר: „ווי אַזוי וועט עס אויסזען זייער באַגעגעניש? צי איז נאָך געבליבן אין איר כאָטש עפּעס פון אַמאָל, אַז איסאַק זאָל איר דערקענען?"

די דאָזיקע מחשבות און הונדערטער אַנדערע, זיינען איר באַפאַלן און קיין איין רגע פון מנוחה ניט געגעבן.

דעם אָוונט, איידער איסאַק האָט געדאַרפט אָנקומען קיין ניו־יאָרק, איז ניוטא געווען פאַרבעטן אין שטוב פון אירע לאַנדסלייט אויף אַ „פּאַרדי" (פון ענגליש „פּאַרטהי" — מיינט, אַ קערמעשל).

אויף דער „פּאַרדי" האָט זיך ניוטא געטראָפן מיט אַ סך באַקאַנטע, וואָס זי האָט שוין יאָרן ניט געזען.

די מערסטע געסט, ביי אירע לאַנדסלייט אין הויז, זיינען געווען מענטשן, וואָס זיינען לעצטנס אָנגעקומען קיין אַמעריקע, אַזעלכע, וואָס האָבן זייער אַ סך דורכגעמאַכט, וועלכע האָבן דורכגערייזט און דורכגעוואַנדערט אַ וועלט. יעדער איינער פון זיי איז געווען אַ שטיק בלוטיקע געשיכטע.

די פּאַרפאַלקן, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, זיינען שוין אין מאָל געווען פאַרהייראַט. די מענער האָבן שוין געהאַט אַנדערע ווייבער און די פרויען אַנדערע מענער. דער עלנט איז געווען זייער שדכן. זיי האָבן פאַרמאָגט די שווייגעוודיקייט, אָדער די ריידעוודיקייט פון מענטשן, וואָס האָבן שוין דורכגעלעבט וועלטן.

אויף סתם מענטשן, אויף אַזעלכע, וואָס האָבן ניט דורכגעמאַכט די לעצטע מלחמה, האָבן זיי עפּעס געקוקט — ווי אויף פריצן, ווי אויף אַזעלכע, וואָס ווייסן גאָרניט, וואָס דאָס איז אַזוינס לעבן, וואָס דאָס לעבן באַדייט — ווי עס קוקן דערוואַקסענע מענטשן אויף פּיצינקע, אומשולדיקע עופהלעך.

די פרויען, האָבן געזוכט אַ געלעגנהייט צו בלייבן באַזונדער, כדי צו קענען צווישן זיך אַ שמועס טאָן, וועגן פאַרגאַנגענע יאָרן, וועגן דעם אַמאָליקן לעבן, וועגן זייערע אַמאָליקע מענער און פאַ־

מיליעס. אין זייערע מענערס אַנוועזנהייט, האָבן זיי זיך ניט געפּילט פריי, וועגן דעם אַלץ צו ריידן.

זיי האָבן ניט געקענט דערציילן פאַר זייערע איצטערדיקע מע־נער אין די אויגן, וואָס פאַר אַ טייערע און שיינע לעבנס זיי האָבן געהאַט ביי זייערע פריערדיקע מענער, וואָס פאַר אַ הייזער זיי האָבן געפירט. זיי האָבן אויך ליב געהאַט צו ריידן וועגן זייערע קינדער, וואָס זיי האָבן אַמאָל געהאַט, אומגעשטערטערהייט, און אויסרע־כענען די יאָרן, וואָס זיי וואָלטן איצט אַלט געווען.

אַנטקעגן ניוטאַן זיינען געזעסן אַ פּאָר פרויען פון איר שטאָט און האָבן צווישן זיך גערעדט. זיי זיינען געווען אַזוי אריינגעטאָן אין זייער שמועס, אַז זיי האָבן זיך וועגן קיינעם ניט געקימערט.

פלוצלינג הערט זי:

— ווייסט, סאָניאַ? מאָרגן קומט דאָך אָן איסאַק.

— וועלכער איסאַק?

— איסאַק, דער פּאָליציסט, דער פּאָליציסט פון געטאָ, איסאַק זיידעמאַן.

קיינער האָט ניט באַמערקט, ווי ניוטאַס בלוט איז אַנטרונען פון איר פּנים, ווי איר קאָפּ האָט אַ שווינדל געטאָן.

זי איז געבליבן אַ ווײַלע אומבאַוועגלעך. נאָכדעם האָט זי זיך געשטאַרקט. צענויפגעקליבן אירע כּחות. זי האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועק.

אויף מאָרגן אינדערפרי, האָט ניוטא גענומען דעם ערשטן באַן, וואָס איז אָפּגעגאַנגען נאָך באָסטאָן.

זי איז אַוועק צוריק, צו איר איינזאַמקייט.

.1958

באַנענט

באַגעגנט, האָט איר, דוד ראַזאָווסקי, אויפן פעלד — הינטערן שטאָט. געטריבן פון דעם ווינט, הינטערן רוקן, איז זי אים אַנגעקומען אַנטקעגן, מיט צעשפּרייטע הענט — ווי אַ גרויסער פויגל, וואָס שוועבט אין דער נידער, איידער ער הויבט זיך אויף צום פליען.

זי האָט אויסגעזען אין זיינע אויגן, ווי אַ טייל פון דעם באַשאַף, וואָס אָן דעם טייל, אָן איר, וואָלט ער ניט געווען פאַלקאָם.

—זשעני איז מיין נאָמען — האָט פון איר אַרויסגעזונגען אַ טיף-ברוסטיקע שטימע, וואָס האָט אים צעגליט ביז נאָכגיביקער ווייכקייט.

ראַזאָווסקי איז גלייך באַהעפט געוואָרן צו איר.

ער האָט ניט געוואוסט מיט וואָס די קליינע זשעני האָט אים אַזוי צוגעצויגן צו זיך. צי מיט אירע אויגן, וואָס בעת זי גיט זיי אָן עפן אויף, באַהעלן זיי דעם גאַנצן אַרום, אַנטפּלעקן צוזאָגנדיקע, פאַרבאָרגענע סודות און ווען זי גיט זיי אַ לאָז אַראָפּ, ווערט פאַר-דעקט דער גאַנצער קוואַל פון לעבן?

אָדער זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך, טאַקע מיט דעם, וואָס

זי האָט אים צוגעצויגן? — דערפאַר וואָס זי האָט אים געשאָנקען איר אָפענע ליבשאַפט? דערפאַר, וואָס אירע צערטלעכישן זיינען געפאַלן אויף זיין ליבע-גיריקן וועזן — וועלכער האָט קיינמאָל ניט געפילט קיין מאַמעס האַנט-גלעט, ניט פאַרזוכט די וואַרימקייט פון איר קושנדיקן מויל, ניט דעם זיסן קלאַנג פון איר שטים — ווי אַ וואַרימער טוי-שפּריי אויף אַ בלום, וואָס דאַרף זיך — אָדער צעעפענען, אָדער פאַרוועלקט ווערן.

*

* *

ראָזאָווסקי האָט זייער ליב געהאַט די פרייהייט. ער וואָלט איר ניט אָפּגעגעבן פאַר קיין פּרייז אין דער וועלט.

נאָר איצט האָט זיך זיין פרייהייט צעפלאַטערט און צעצאַפּלט אַרום דעם ליכט פון זשענים אויגן און איז דאָרטן אויסגעגאַנגען.

*

* *

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך זייער באַקענען זיך האָט זיך זשעני אַריינגעשטעלט אין ראָזאָווסקיס צימער אַריין.

אַז ראָזאָווסקי האָט איר פלוצלינג דערזען ביי זיך אין צימער, איז ער געבליבן אָן לשון און אַ צעטומלטער זיך אַרומגעדרייט אַרום איר, ניט ווייסנדיק, וואָס פריער צו טאָן.

פלוצלינג האָט ער זיך געכאַפּט, איז צוגעלאָפן צו אַ שאַפקעלע און אַרויסגעדערלאַנגט פון דאָרטן אַ טעצל, צייטיקע אייער-פלוימען מיט גלאַנציקע — פון דער זון דורכגעבאַקטע בעקלעך.

זשעני איז געזעסן ביים טיש, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרלייגטער מיט ביכער און ביכלעך און האָט פאַוואָלינקע צוגעטראָגן, מיט אירע איידעלע פינגערלעך, אַ פלוים צו איר מויל. אירע פּערלציינדלעך האָבן זיך גיריק איינגעביסן אין דעם פלייש פון דער פרוכט און אירע ליפּן האָבן אַרויסגעקושט דעם זאַפט פון איר.

ראָזאָווסקי איז געשטאַנען פון דער זייט, אָן אָנגעשפּאַרטער אָן דער וואַנט, ווי אַ באַנומענער פון איבעראַשונג. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ וואונדערלעך עסן. ער האָט פון איר ניט

אָפּגעטאָן די אויגן. זי האָט אויסגעזען, ווי אַ פּריסטערין, ביים אָפּ־ריכטן אַ הייליקע עבודה.

זשעני האָט געזוויגן דעם חיות, גלייך פון דער ערד אַרויס און דער זאַפט, וואָס זי האָט געזאָגט, האָט זיך מיט אַ ראָזקייט איבער אירע באַקן, איבער די ליפּן צעגאָסן און אָנגעפּילט אירע אויגן מיט רייפער זאַטקייט.

*

* *

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן, די נאָך זיסע צײַנדלעך פון זשענין זיך אײַנגעביסן אין די פאַרחלשטע ליפּן פון ראָזאָווסקין און אירע באַזאַפטיקטע ליפּן האָבן געזויגן די ליכט פון זײַנע אויגן...

.1958

מיטן באַן

זלמן באַשין האָט ניט געהאַט קיין איבעריקן דערפאָלג ביי פרויען. עס האָט אים געפעלט — ווי מען זאָגט עס — סעקס אַפּיל.

ער איז דוקא געווען אַ שיינער — אפשר אַ צו שיינער. אַ הויכער, מיט אַ געטאָקט פּנים, וואָס איז געווען פאַרגאָסן מיט רויז, אויף וועלכן עס האָבן אַרויסגעטויכט, אַרויסגעבלאַנקט, וואַר־ניט־וואו, העלע, ווייס־בלייכע אינדזעלעך און מיט אַ קאָפּ באַקרוינט פון בלאָנד־געקרויזטע האָר — האָט ער אויסגעזען אַ ביסל פעמענים־טיש. עס האָט אים געפעלט די מאַנסבילישע רויקייט און טערפּקייט, וואָס געפעלט אַזוי די פרויען.

ער איז אויך געווען קאַרג אויפן וואָרט. עס האָט אים געפעלט דאָס געוועער פון צו פאַנגען פרויאישע הערצער. ער האָט ניט געקענט שיטן פאַר זיי מיט אָפנאַרערישע לויב־רייד און קאָמפּלימענטן, ווי מען שיט אויס קערנדלעך פאַר די פויגעלעך, כדי זיי זאָלן אַליין טרייבלען אין דער פאַסטקע אריין.

פרויען מיט אַ ביסל דערפאַרונג אין לעבן, האָבן אַ חוץ דעם אין אים דערשפּירט דעם פאַרזיכניק — דעם מענטשן, וואָס טראָגט אין זיך אַרום זיין וועלט, אַ וועלט פון חלומות און פאַנטאַזיעס. זיי

האבן געזען אין אים אזעלכן, וואס טויג ניט צו בויען א פאמיליען־לעבן — און האבן זיך ניט געקלעפט צו אים.

און כאטש זלמנס פארטראכטע אויגן פלעגן זיך אמאל צעצינדן מיט א גיריקן פייערל: „ווי וואלט איך דיר אויפגעגעסן” — ווען ער האט געטראפן א פרוי, וואס איז אים געפעלן געווארן — פלעגט זיך די פרוי פונדעסטוועגן ניט אנצינדן דערפון. טאקע ווילע זיינע אויגן האבן געזאגט: „ווי וואלט איך דיר אויפגעגעסן”!

זלמנס ווען האט געגלוסט צום לערנען, צו אוועקגיין ווייט, ווייט, צו דערגרייכן העכערע וועלטן און ער האט זיך געהיט, ניט צו פענטען מיט די דינע פעדים פון דער ליבע, די איידעלע פעדים, וואס פארפלאנטערן און פארבינדן דעם מענטשן אויף אייביק...

און פרויען — נאר דער איידעלער אויער פון דער פרוי, איז פעאיק זיך אראפצונויגן צו דער נשמה פון דעם מענטשן און פאר־נעמען, ארויסטויכן פון דארטן דאס ניט דערזאגטע, דאס ניט דער־רעדטע...

*

* *

א גרופע פרעבל־קורסיסטקעס איז געקומען באזוכן די שול, וואו זלמן כאשין איז געווען פארוואלטער. איינע פון דער גרופע האט זיך אויסגעטיילט פון די איבעריקע — באשע זלאטקא.

זי האט זיך אויסגעטיילט פון אלע אנדערע מיט איר ווייכקייט.

אלץ אין איר איז געווען ווייך: איר פולבלעכער קערפער, די פוכקע בעקלעך, די מילדע, ברוינע אויגן, איר צארטע שטים און די זיידענע האר אויפן קאפ.

ווען באשע האט דערזען כאשינען, איז זי שיעור ניט אויפגע־שפרונגען פון איבערראשונג, ווי בעת מען טרעפט זיך מיט אן אלטן באקאנטן, וואס מען האט שוין לאנג ניט געזען. זי האט געוואלט עפעס אויסשרייען צו אים, צולויפן, ארומנעמען און אים עפעס זאגן פון דעם אלץ, וואס זי האט זיך די גאנצע צייט געקליבן צו זאגן, ווען זי וועט אים אמאל טרעפן.

אט דאס איז ער דאך! דאס איז דאך ער, וועגן וועמען זי האט א גאנצן לעבן אירן געטראכט. אט אזא האט זי דאך אים אויסגע־טרוימט פון די ביכער ארויס. אט אזא האט זי זיך אים דאך אויסגע־

מאַלט. ווען אים האָט זי דאָך געחלומט אין די נעכט און אויך אויף דער וואָר, ווען זי פלעגט זיך געפינען אויף דער פרייער נאַטור, אליין, אַ פאַרלוירענע, ווי אַ פּינטעלע, אין דעם גאַנצן וועלט-אַל.

זי איז אָבער געבליבן שטיין, ווי אַ צוגעשמידטע און זיך ניט גערירט פון אָרט.

כאַשין האָט איר אָבער באַמערקט און ווען ער איז אַרומגע־גאַנגען מיט די פּרעבעליסטקעס איבער דער שול, געבנדיק זיי זיינע דערקלערונגען, האָט ער מער ווי צו אַלעמען, גערעדט צו באַשען.

זיי זיינען אַריינגעקומען אין קינדער־גאָרטן. באַשע איז געגאַנ־גען אין דער זייט פון כאַשינען. כאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ פיר־יעריקן יינגעלע, האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל און אַ זאָג געטאָן אין באַשעס זייט: ווי שיין דאָס קינד איז!

— איר זיינט נאָך שענער — האָט זיך ביי באַשען אַרויסגע־כאַפּט. דאָס האָט זי געזאָגט, ניט מחמת דרייסטקייט, נאָר די ווער־טער האָבן פון איר אַליין אַרויסגעדרונגען, ווי זיי וואָלטן ניט געהאַט קיין האַר און באַלעבאָס איבער זיך.

— ווען קומט איר ווידער? האָט זלמן געפרעגט די פּרעבע־ליסטנס, ביים געזעגענען זיך — און געמיינט האָט ער באַשען.

— מיר צעפאָרן זיך שוין אין די היימען — איז געווען דער ענטפער פון עטלעכע. באַשע האָט געשוויגן און געקוקט אַ שטומע אויף זלמנען.

*

* *

אויף מאָרגן איז כאַשין געקומען צום אינטערנאַט פון די פּרע־בעליסטנס. ער האָט געטראָפן באַשען ביים צוגרייטן די פעקלעך. ער האָט איבערגענומען די אַרבעט פון צונויפפּאַקן אירע זאַכן. ער האָט עס געטאָן מיט דער געניטקייט פון אַ רייזנדיקן, — מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער שנעלקייט.

— איר מאַכט עס אַזוי שנעל! מען זעט איר ווילט שוין, איך זאָל וואָס גיכער אַוועקפאָרן פון דאַנען.

— אַזוי וועט אפשר בעסער זיין פאַרביידן — האָט זלמן שטיל געזאָגט, ווי איינער וואָס רעדט צו זיך אַליין.

אויף דעם אַנדערן טאָג, צו דער באַשטימטער צייט, איז באַשין געווען ביים באַן.

ער האָט באַשען אַריינגעבאַגלייט אין וואַגאָן אַריין, ווי אַ נאָענטער מענטש און איר איינגעאָרדנט דעם באַגאַזש.

זלמן האָט זיך אָוועקגעזעצט אין באַן, אַנטקעגן באַשען. זיי האָבן זיך געוואָלט אַנזעטיקן מיט זייערע בליקן. זיי האָבן זיך געוואָלט פאַרגעדענקען אויף אייביק.

דורך די באַן-פענצטערלעך, האָט אַ רויטלעכער מעריב אַריינגעבליקט, וואָס האָט געבראַכט דעם אָנזאָג פון דער נאַכט, וואָס קומט אָן און נידערט אַראָפּ און ברענגט, איינגעהילט אונטער אירע פליגל פון געדיכטער פינצטערניש, די זיסע סודות פון דער וועלט.

דער באַן האָט שוין געדאַפּט אַפּגיין. באַשע מיט זלמנען האָבן זיך געלאָזן צום אַרויסגאַנג. זיי האָבן זיך אַנגעקוקט נאָכאַמאָל איינער דעם אַנדערן, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט איבערצייגן, צי האָבן זיי קיין טעות ניט אין עפּעס. און ווען דער באַן האָט גענומען רירן, האָט באַשע, אַנטשיידן, אַ צי צו זיך געטאָן זלמנען און אים וואַרים אַריינגעקושט אין אויער אַריין:

— בלייב מיט מיר, פאַרלאָז מיך ניט!...

דער באַן האָט מיט זיין פייער-אויג געשניטן די פינצטערניש פון דער נאַכט און זיין רעדער-געקלאַפּ האָט זיך געזונגען אין די אויערן פון זלמנען און באַשען און זיי אָנגעזאָגט בשורות פון גליק.

.1958

* *
*
* *
*

אינהאַלט

א וואָרט פון געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט — I
פאָרוואָרט פון ראובן כ״ץ — 1
פון מחבר — 5

טשילע

לאַ ברוכאַ — 9
פּריצל — 17
הארבסט — 25
א פארשטערטער סדר — 29
דער טערק אין אָלימפּיאַ — 37
ער איז מער ניט געלאָפן — 43
א לויה — 49
דער בלינדער זינגער — 53
פּערלאַ — 59
אירע אויגן האָבן אים פּאַרפירט — 65
אַנטלאָפן פון אמעריקע — 79

הען אויף אַש האָט מען אונדז געברענט

א בינטל האָר — 123
אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט — 135
דער ווייסער געלעבטער — 141

מיניאַטורן

פון יענע טעג — 149
שטילע פאַרנאַכטן — 153
ערד־בענקשאַפט — 155
אָנקום פון דער נאַכט — 157
אַ פיינער מענטש — 159
זי האָט ניט געוויינט — 161
פאַרוואָס קען איך איר ניט פאַרגעסן — 163
אָן אַ טעמע — 165
שוועסטער — 167
צוויי זיינען זיי געווען — 169
מיט אַ גמרא אין סאַבוויי — 171
דער שכר פון אַ מאַמען — 175
אַליין — 179

טריט אויף דער ערד

ביים פענצטער פון קאַפע־הויז — 185
אַ רואיקער חולה — 191
אַנטזאָגט מיר ניט — 197
זאַלבעפערט זיינען זיי געזעסן — 201
צוריק צו איר איינזאַמקייט — 205
באַגעגנט — 213
מיטן באַן — 217

דער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט פון אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע חברים:

ישראל פּאָלאַק, פּרעזידענט;
יחזקאל פלאַטאָו, וויצע־פּרעזידענט;
שלמה באַכראַך, סעקרעטאַר;
יוסף בירשטיין, קאַסיר;
שמעון בערגשטיין, פּראָ־קאַסיר.

וואָקאַלן:

ראובן כ״ץ,
אלכסנדר מיליכזאָן
משה פּאָלאַק,
דוד דובינאָווסקי,
ישעיהו פּופּקין,
אַמעליאַ פּלימאַן,
דוד אילעוויצקי,
לעאָן פּלימאַן,
א. מ. ביטערמאַן,
יונה אַבאָדאָווסקי,
הערש ריכטער,
בן־ציון נחמן.

די פאָלגנדיקע אינסטיטוציעס האָבן בייגעשטייערט מיט מאַטעריעלע הילף, דערמעגלעכנדיק די דערשיינונג פונעם בוך:

חברה קדישאָ
פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
פאַריין פון בעסאַראַבער יידן
קולטור־פאַריין פון בוקאָווינער יידן
„סירקולאָ איזראַעליטאַ"

מרכז לתרבות ישראל
ביקור חולים
ועד החינוך
„וויצאָ"

פון זעלבן מחבר

פון טשילע — — — — — — — — — — — — 1937

איבער וועגן — — — — — — — — — — — — — 1949

IMPRESO EN CHILE (PRINTED IN CHILE)
EN LA
EMPRESA PERIODISTICA ISRAELITA, S. A.
SERRANO 871
SANTIAGO - CHILE

JACOBO PILOWSKY

TRIT OIF DER ERD

(PASOS EN LA TIERRA)

EDITADO POR EL COMITE
DE HOMENAJE A
JACOBO PILOWSKY
EN SU 60º ANIVERSARIO
MARZO 1959
SANTIAGO - CHILE